STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07252

GRINE FELDER

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ הירשביין

גרינע פעלדער

(טרילאָגיע)

א. גרינע פעלדער

ב. צוויי שטעט

ג. לוי יצחק

אַרויסגעגעבן דורך „פרץ הירשביין־ביכער־קאָמיטעט"
ניו־יאָרק — לאָס אַנדזשעלעס, 1951

PERETZ HIRSHBEIN
"GREENE FELDER"

Copyright 1951, by
ESTHER SHUMIACHER-HIRSHBEIN
New York, N. Y.

✦

Printed in U. S. A., at
ABER PRESS, INC.
225 Varick St., New York 14, N. Y.

ערשטע סעריע — 3

גרינע פעלדער

אינהאַלט:

גרינע פעלדער 9
צווייַ שטעט 69
לוי יצחק 131

גרינע פעלדער

1916

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

דוד נח

רחל

הערש בער }

ציגע } זייערע קינדער

אברהם יעקב }

אלקנה

גיטל

סטערע, זייער טאָכטער

לוי יצחק

ערשטער אַקט

אויפן ישוב ביי דוד נחן. אַנהייב פרילינג. אַרום האַלבן טאָג. רעכטס — אַ דאַרפש שטיבל. לינקס — אַ שטאַל. אין הינטערגרונט ציט זיך אַוועק אַ קאַרטאָפל־גאָרטן. עט־לעכע פרוכט־ביימער גרינען. ביים צוים פון גאָרטן — אַ ברונעם.

רחל (זיצט פאַרן שטוב, צעשניידט קאַרטאָפל אין צווייען.)

דוד נח (קומט אָן פון גאָרטן.)

רחל: וואָס, שוין אינגאַנצן פאַרזעצט אַזוי גיך?

דוד נח: כע, סטערע איז געקומען; פלייסן זיך, ווער פריער וועט קאָנטשען.

רחל: סטערע? אַ בעלנות געווען.

דוד נח: אַ וואַזשנע מויד. מער בריה פון צינען.

רחל: ווען מיר נאָך זען טאָקע, ווער ס'וועט אַ בעסעטן שידוך טאָן.

דוד נח: האָרעוועט ווי אַן אייזל. איך וואָלט נישט סדאַנזשען אַזאַ זאַך צו דזשוויגען אויף די פּלייצעס.

רחל: קיין עין הרע בלוט און מילך. וואָס מיינסטו, טאָקע אַ גרויסע הילף פאַר אלקנהן.

דוד נח: דאָס זאָג איך דאָך. און אַז זי קומט אַהער צו קריכן אַזוי אַפטער, מוז דאָך עס עפּעס באַטייטן.

רחל: אלקנה וואָלט חשק האָבן.

דוד נח: כע־כע, דו מייסט טאָקע?

רחל: אלקנה מיינסטו, וואָלט נישט וועלן הערש בערן פאַר אַן אײדעם? ער וואָלט שוין אפשר ערגעץ נדן אויך אויסגעקראַצט... כ׳לעבן זיי גייען אַהער. (אלקנה און גיטל קומען אַן.) סקאַצל קומט.

דוד נח: וואוהין פאָרסטו, אלקנה?

אלקנה: אַ גאָט־העלף. כ׳וויס, געוואָר ווערן וואָס מען הערט עפּעס אין דער וועלט. כ׳וויס, אַביסל זיך דורכפאָרן אין די דערפער.

רחל: וואָס מאַכט עפּעס די בהמה, הינקעט נאָך אַלץ?

גיטל: ווען נאָר דאָס אַליין וואָלט געווען, וואָלט שוין נישט אויסגעמאַכט.

רחל: וואָרעם וואָס חלילה?

גיטל: שמעקט איר נישט דער עסן.

דוד נח: דאָס איז נישט גוט.

גיטל: כ׳האָב געזאָגט נאָך פאַר פסח, אַז מען זאָל זי פאַרקויפן; כ׳האָב פיינט, אַז מען באַדאַרף אַ בהמה געבן אונטער דער נאָז — נו, האָט ער מיר נישט געפאָלגט. האָט זי אָנגעהויבן צו הינקען; אַ צולאָג צו די צרות.

אלקנה: וועסט צו איר נישט צולייגן דער באָבעס ירושה.

גיטל: ווי זאָגט מיין מאַמע: אַז גאָט זיצט אויבן — איז זאָל איך מיר לייגן אין דר׳ערד אַריין?

אלקנה: אַז מיין יידענע וואַרפט אַן אומחן אויף אַ זאַך איז שוין נישט איבערצומאַכן.

רחל: איך בין אויך אַזוי; זאָל מיר גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד.

גיטל: וואָס האָב איך מיר דאָ צו לייקענען?

אלקנה: זי האָט אויפן מלמד אויך געוואָרפן אַן אומחן, האָב איך אים געמוזט דורכטרייבן. גייען טאָקע די קינדער אַרום פוסט און פאָס.

רחל: האָט איר דאָ אייער סטערען געזען?

אלקנה: וואָס, גאָר דאָ איז זי?

גיטל: זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט גיין צינען אַביסל העלפן ביי

די קאַרטאָפל, דערפאַר וועט הערש בער אַמאָל עפּעס אלקנהן צו־העלפן.

רחל: מיר האָבן טאַקע נאָר וואָס גערעדט פון איר.

גיטל: צו ווייסט איר גאָר וואָס פאַר אַ גאָלדן קינד דאָס איז. ווען צינע זאָל זי נאָר נישט צעלאָזן.

רחל: וואָס הייסט?

אלקנה: כאַ־כאַ — צינע איז אַ גרויסע שטיפּערקע.

רחל: איר זאָלט אַזוינס זאָגן...

דוד נח: איך האָב אויך געזאָגט דאָס אייגענע. האָסט זי צופיל צעלאָזן. טאַקע אַ בת־יחידה, אָבער וואָס הייסט — ציטריק?

רחל: איי גיי, ווייסט שוין אַפילו נישט וואָס דו רעדסט. ווי פּאַלט איר גאָר אויס, גיטלשי, אַזעלכעס צו זאָגן?...

גיטל: איך האָב דאָך גאָר ניט געמיינט.

רחל: כ׳ווייס נאָך נישט ווער ס׳וועט אַ שענערן שידוך טאָן.

אלקנה: כאַ־כאַ־כאַ, ווייבער; ווי קוואָקעס זיינען זיי מיט זייערע קינדער: מיינע — דיינע; דיינע — מיינע.

דוד נח: פאַראַן וואָס צו הערן וואָס זיי באַלאַבאַטשען דאָרטן.

גיטל: אָט איז סטערע געקומען איר העלפן — וואָס זאָל מען זיך נאַרן; צינע וואָלט עס נישט געטאָן.

דוד נח: טע־טע — דאָס זעסטו, אלקנה, רעדט שוין דיין יידענע נאַרישקייטן. דוד נחס אַ קינד איז טאַקע — דוד נחס אַ קינד.

רחל: דעריבער האָט עס טאַקע מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

אלקנה: קום, יידענע. וועסט נאָך לענגער בלייבן, וועסטו נאָך מער נאַרישקייטן רעדן. וואָס נישט, דוד נח?

גיטל: איך האָב חלילה גאָר נישט געמיינט. אַזעלכע קינדער ווי צינע הלוואי, רבונו של עולם, זאָל זיין ביי אַלע יידן. אַ גוטן טאָג.

אלקנה: וואָלט איך שוין אַזאַ זאָרג האָבן מיט דער בהמה, ווי איך האָב שוין אַ זאָרג מיט דיין צינען, עך, וואָלט איך נאָר אַ גרויסן זון געהאַט... קום שוין, יידענע, קום אַ גוטן טאָג.

(גייען ביידע אַוועק.)

דוד נח: ווייסט, מײַן ווײַב וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַז דו האָסט אַ לאַנגע צונג.

רחל: זע נאָר, איך בעט דיר, איך גאָר האָב אַ לאַנגע צונג?

דוד נח: נו, האָט זי אַ לאַנגע צונג; וואָס איז די נפקא מינה?

רחל: איך ווייס דאָך, אַז דיר אַרט נישט, אַז מען זאָל רעדן אויף דײַנע קינדער וואָס אין דער קאָרט.

דוד נח: איך וויל מיט אים ניט אײַנרייסן.

רחל: וואָס האָט זי צו זאָגן, אַז צינע צעלאָזט איר סטערען? באַדאַרף נאָך האַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס צינע חברט זיך מיט איר טאָכטער.

דוד נח: מען וואָלט אַן איר, מעלד איך דיר, אויף פאַרזעצט די קאַרטאָפל.

רחל: דאָס ברענט דאָך מיר ווי אַ פײַער. זי באַדאַרף עס מיר אין די אויגן נישט רעדן קיין שלעכטס אויף מײַן קינד. זי ווייסט אַז סטערע איז נישט געקומען העלפן צינען, נאָר עפּעס אַנדערש.

דוד נח: כ׳ווייס נישט וואָס דו רעדסט הײַנט.

רחל: סטערע איז געקומען, ווייל הערש בער איז אין גאָרטן. נו, פאַרשטייסטו שוין?

דוד נח: טאָקע, מיינסט מיט אַן אמת?

רחל: וואָס דען?

דוד נח: זי מיינט הערש בערן?

רחל: וואָרעם וואָס, ער האָט דאָך אַ גילדערנע האָרץ.

דוד נח: זע נאָ, און מיר איז גאָר ניט אײַנגעפאַלן... אָבער וואָלט דאָך אלקנה רעדן מיט מיר.

רחל: ער ט׳נאָך רעדן. האָסט דאָך געזען ווי ער האָט געשוויגן די גאַנצע צייט. אַניט מיינסטו וואָלט מען זי געלאָזן גיין אַהער.

דוד נח: אויב אַזוי איז דאָך טאָקע אַן עוולה וואָס זי האָט אַזעל־כעס געזאָגט אויף צינען.

רחל: וועלן מיר טאָקע זען. אַז עס וועט קומען צו עפּעס — וועל איך נישט וועלן... ס׳דו דיר זען.

דוד נח: כע־כע — כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט אַזוי ווערן אין כעס.

רחל: איך בין עס איר אַ בעלן צו פרעגן: צינע! צינע!

דוד נח: אַט טשעפּע זי נישט; לאָז איר דאָרט קאַנטשען.

צינע (באַווייזט זיך אויף דער אַנדערער זייט צאַם): האָסט מיך גערופן, מאַמע?

רחל: קום נאָר אַהער, מיין קינד.

צינע (קלעטערט אַריבער דעם צאַם): ווייסט, מיר זענען שוין באַלד פאַרטיק מיט דער אַרבעט.

רחל: איך קום אויך באַלד אונטער.

צינע: וואָס באַדאַרפסטו מיך האָבן?

רחל: נעם דיר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער; ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק.

צינע: פאַרריכט מיר די סטענגע אין די האָר; מיינע הענט זענען אין בלאָטע אויסגעשמירט.

רחל (קושט זי פלעכטנדיק די רויטע סטענגע אין די האָר.)

דוד נח: האָסט דאָך עפּעס געוואָלט פרעגן ביי איר.

רחל: אַז דו שטייט דערביי קען איך נישט רעדן.

צינע: אוי, וואָס איז עס?

רחל: גאָרנישט; כ׳האָב מיר נאָר וואָס צעווערטלט מיט גיטלען.

צינע: פאַרוואָס?

רחל: אַזוי; איבער דיר.

צינע: איבער מיר גאָר?

רחל: גיי דוד נח אין גאָרטן אַריין.

צינע: אוי, מאַמע, וואָס אי׳ דאָס?

רחל: גאָרנישט, מיין קינד? וואָס קוקסטו אַזוי מאָדנע? איך זאָג דאָך גאָרנישט.

דוד נח: כע־כע, פריער זיך צעווערטלט און איצטער האָט זי שוין חרטה.

(גייט אַוועק.)

רחל: וואו איז הערש בער?

צינע: ער העלפט זעצן.

רחל: וואָס האָסטו אַזוינס גערעדט מיט סטערען?

צינע: איך? גאָרנישט.

רחל: דו האָסט זי געבעטן אַז זי זאָל דיר קומען העלפן? וואָס טוט זי איצטער?

צינע: זי זעצט קאַרטאָפל.

רחל: דו האָסט געבעטן אָדער הערש בער?

צינע: איז אַליין געקומען. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל איר אויך העלפן. און אַז זי איז געקומען העלפן הערש בערן טאָ וואָס זשע איז?

(לאַכט זיך פלוצלונג פאַנאַנדער.)

רחל: וואָס לאַכסטו?

צינע (פאַלט דער מוטער אויפן האַלדז; קושט זי און לאַכט.)

רחל: אָבי איך באַדאַרף זיך פאַר דיר אָננעמען.

צינע: אַזוי גאָר, קוקסט זיך שוין אונטער צו אַזוינע זאַכן וואָס מען באַדאַרף נישט?

רחל: איי גיי, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. ווארעם גיטל איז טאַקע געריכט, וואָס זי זאָגט, אַז דו צעלאָזט סטערען.

צינע: איך גאָר? אַ שאָד וואָס איך בין דאָ נישט געווען. איך וואָלט איר שוין וויסן וואָס צו ענטפערן. זי מיינט טאַקע, אַז סטערע איז גאָר אַ הינדעלע. אַ־אַ, איך באַדאַרף נאָך ביי איר הייצן אין פּעטשערע.

(לאַכט ווידער.)

רחל: וואָס שוין ווידער?

צינע: איך לאַך, וואָס דו ביסט עפּעס ברוגז און פרעגסט זיך נאָך אויף אַזוינע מאָדנע זאַכן.

רחל: וואָס נישט? איך בין אַ מאַמע, דעריבער וויל איך וויסן.

צינע: איך האָב זי גערופן אַהער, ווייל כ׳האָב געוואוסט אַז זי וויל עס.

רחל: אַבי איך האָב געמיינט, אַז זי איז אַליין געקומען.

צינע: וואָס איז דער חילוק? אַבי זי האָט אים געגעבן אַ קוש.

רחל: ווער?

צינע: זי האָט געמיינט, אַז איך זע נישט.

רחל: וואָס?

צינע: זיי זיינען זיך ביידע געווען אַזוי איינגעבויגן אין דער בראָזנע, זייט ביי זייט; כ'האָב מיר געמאַכט, אַז איך זע נישט.

רחל: נו, און ער?

צינע: ער האָט זיך פאַרשעמט; האָט זיך אומגעקוקט צו איך זע נישט.

רחל: איך וואָלט עס אויף איר קיינמאָל נישט געגלייבט.

צינע: אָ־אָ, איך מעג זיך נאָך לערנען ביי איר.

רחל: האָט עס חלילה אפשר אברהם יעקב געזען?

צינע: ער איז נישט געווען אין גאָרטן.

רחל: עס פעלט מיר נאָך חלילה, אַז ער זאָל אַזוינע זאַכן זען.

צינע: זאָג עס נישט דעם טאַטן, וואָרעם...

סטערע (קומט אָן): וואָס האָסטו זיך באַהאַלטן, צינע, ווילסט איך זאָל אַליין פאַרזעצן דיין גאָרטן?

צינע: קום אַהער; סיי ווי שוין באַלד נישטאָ וואָס צו זעצן.

רחל: אַ שיינעם דאַנק דיר, סטערעלע, וואָס דו ביסט געקומען צוהעלפן אַביסל. אַז גאָט וועט געבן מע וועט ביי אייך קאָשען די היי וועלן מיר אַלע אַרויסקומען אייך העלפן.

סטערע: איר ווייסט, איך בין אפשר באַלד אַזוי שטאַרק ווי הערש בער.

צינע: האָסט זיך געשטייערט מיט אים?

סטערע: איך האָב אַליין אַרויסגעקאַטשעט דעם גרויסן שטיין וואָס איז געלעגן ביי אייך אין דער בראָזנע.

רחל: האָסט נישט באַדאַרפט דזשוויגען אַזאַ משא. טאָמער חלילה עפּעס, וועט שפּעטער די מאַמע האָבן צו מיר טענות.

סטערע: ס׳וועט מיר שוין גאַרנישט זיין.

רחל: אַט דאָס ביסל קאַרטאָפל וועל איך שוין אַליין פאַר־זעצן.

(פאַרנעמט אויפן פּליטצע אַ ביסל קאַרטאָפל אין זעקל און גייט אַוועק.)

צינע: קוק מיר נאָר אָן גלייך אין די אויגן, סטערעלע!

סטערע: וואָס?

צינע: וואָס ביסטו אַזוי רויט געוואָרן?

סטערע: וואָס?

צינע: איי, סטערעלע, איך האָב אַלץ געזען.

סטערע: וואָס האָסטו געזען?

צינע (נעמט די אַרום און קושט זי): נאַר, ס׳מאַכט נישט אויס; כ׳האָב דער מאַמען אויך דערציילט.

סטערע: זאָל איך צער האָבן, אויב איך ווייס וואָס דו רעדסט.

צינע: דו האָסט אַלעמען געזאָגט, אַז איך האָב דיר גערופן, דו זאָלסט מיר קומען העלפן.

סטערע: ווער האָט עס דיר געזאָגט? מיין מאַמע האָט מיר אַליין געהייסן גיין.

צינע: דיין מאַמע האָט זיך דאָ צעווערטלט מיט מיין מאַמען.

סטערע: וואָס דו זאָגסט!

צינע: האָסט זיך אַזוי דערשראָקן; וואָס אַרט דיר, אַז מיין מאַמע און דיין מאַמע וועלן זיין ברוגז?

סטערע: אָבער וואָס זאָגסטו, אַז דו האָסט אַלץ געזען?

צינע: כ׳האָב טאַקע געזען ווי דו האָסט געגעבן הערש בערן אַ קוש.

סטערע: ס׳איז נישט אמת!

צינע: נאַרעלע, איך האָב אַליין געזען. ווען דו האָסט אַזאַ גרויסן ברודער וואָלט איך אפשר אויך אַזוי געטאָן.

סטערע: זאָגסט אַ ליגן!

צינע: סטערעלע, נאַרעלע, וואָס ביסטו אַזוי צעשראָקן?

סטערע: דו ביסט אַ שלעכטס, צינע, זאָג איך דיר.

צינע: נאַרעלע, ער איז דאָך מיין ברודער.

סטערע: איך וועל זיין מיט דיר דעם גאַנצן לעבן ברוגז.

צינע: איך קען רופן הערש בערן און פרעגן.

סטערע: פּרואוו עס נאָר טאָן.

צינע: איך האָב אַפילו דער מאַמען אויך דערציילט.

סטערע: וועמעס מאַמען?

צינע: מיין מאַמען. וואָס מיינסטו, אַזאַ נאָר בין איך, וואָס כ'וועל גיין דיין מאַמען דערציילן. איך האָב גאָר נישט דיין מאַמען אַזוי שטאַרק ליב, איך זאָל איר אַזוינע זאַכן דערציילן.

סטערע: ניין, דו זאָגסט אַ ליגן.

צינע: וואָס איז מיט דער, סטערעלע? איך האָב דאָך אַליין געזען.

סטערע: ס'איז אַ ליגן, אַז דו האָסט דער מאַמען דערציילט.

צינע: אויף מיינע נאמנות, איך האָב דערציילט.

סטערע (ווישט די טרערן): דעם גאַנצן לעבן וועל איך מיט דיר נישט רעדן.

צינע: סטערעלע, נאַרעלע, וואָס וויינסטו? כ'האָב דאָך דיר אַזוי ליב, סטערע, וואָס וויינסטו?

(נעמט זי אַרום און ווישט איר מיטן שירץ די טרערן פון די באַקן.)

סטערע: האָסט עס מיר נישט באַדאַרפט טאָן אַזאַ זאַך.

צינע: כ'האָב נישט געטאָרט קוקן ווי דו האָסט אים געגעבן אַ קוש? באשר ער איז אַ לעקיש און האָט געוואָרט, אַז דו זאָלסט עס טאָן.

סטערע (שיסט אויס מיט אַ געלעכטער): ער איז אַזוי רויט געוואָרן!

צינע: לאַכט אויך אויפן הויכן קול.

סטערע: נאָר איך זאָג דיר פונדעסטוועגן, אַז דו ביסט אַ שלעכטס און דו פאַרגינסט מיר נישט.

צינע: איי ווייס איך דאַרט וואָס דו רעדסט.

סטערע: ווי טוסטו עס אַזאַ זאַך? איך וועל מיר שעמען די אויגן צו באַווייזן פאַר דיין מאַמען.

צינע: איך האָב אפשר טאַקע נישט באַדאַרפט דערציילן.

סטערע: נו, זעסטו שוין.

צינע: קוק מיר נישט אַזוי אָן, סטערעלע. איך וויס טאַקע נישט, וואָס כ'האָב עס געטאָן. כ'האָב געהערט אַז דיין מאַמע האָט זיך עפּעס צעוועדטלט מיט מיין מאַמען האָב איך געוואָלט... איי כ'וויס אַליין נישט פאַרוואָס כ'האָב עס געטאָן. ביסט מיר מוחל, סטערעלע.

סטערע: איך בין אין כעס.

צינע: באַרעלע, פריער אָדער שפּעטער.

סטערע (לאַכט און וויינט): מיר וואָלט עס נישט געאַרט ווען ער וואָלט עס געטאָן... ניין, איך באַדאַרף מיט דיר זיין ברוגז אויף שטענדיק.

צינע: ווען דו האָסט אַ גרויסן ברודער וואָלט איך געמאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז איך האָב אים ליב. וואָס איז זיך דאָ פאַראַן פאַר וואָס צו שעמען?

סטערע: ניין, צינעלע, אַז קיינער ווייסט נישט איז בעסער. מיר וואָלט געווען אַזוי גוט ווען קיינער ווייסט נישט. איך וועל זיך איצטער שעמען אַפילו פאַר אים אַליין.

צינע: איך וועל אים דערציילן, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט.

סטערע: עס מיר נישט אויס מיין האַרץ, צינעלע.

צינע: איך וועל אים זאָגן אַז ער איז אַ גרויסער לעקיש און גאַר.

סטערע: איך וועל מיר אפשר אין וואַסער אַריינוואַרפן אויב דו טוסט עס. קיינער האָט נישט געטאַרט וויסן.

צינע: איך האָב עס גאַרנישט געגלייבט אויף דיר.

סטערע (וויינט אין דער שטיל.)

צינע: אפשר האָב איך זיך טאַקע באַנאַרישט. וויסט, סטע־רעלע?

סטערע: מיר וואָלט נישט געאַרט די גאַנצע זאַך, ווען דיין מאַמע וואָלט מיר נאָר נישט פיינט האָבן.

ציניע: דאָס זאָגסטו נישט גוט.

סטערע: איך ווייס, אַז דיין מאַמע קען מיר נישט אַנזען.

ציניע: גיי שוין גיי. ווייסט, אַז איך בין דיר מקנא. וואָס אַרט מיר וואָס דו ווייסט? אַבי דיר איז טאַקע גוט.

סטערע (לאַכט דורך טרערן): אוי, כ'וואָלט מיר אַזוי שעמען.

ציניע: שאַ, זע נאָר, ווּעמען פירט עס אַהער אברהם יעקב? זע, אין גאָרטן.

סטערע: וואָס, אַ פרעמדער מענטש? איך וועל אַנטלויפן.

ציניע: זע נאָר, גאָר אַ פרעמדער.

(פון גאָרטן קומען אַן און דערנענטערן זיך צום צאַם, אברהם יעקב און אַ יונגער מאַן, פרום געקליידט און מיט אַ פרום פנים. טראָגט אַ פעקל אויפן פּלייצע. קלעטערט אומגעשיקט אַריבער דעם פּלויט.)

ציניע (האַלט זיך איין נישט צו לאַכן.)

סטערע (שיסט אויס מיט אַן אָפּגעהאַקטן געלעכטער.)

אברהם יעקב: אָט דאָס איז די שטוב.

פרעמדער: אַ גאָט העלף.

אברהם יעקב: די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַריינגיין אין שטוב. קומט אַריין.

(גייען ביידע אין שטוב.)

(ציניע און סטערע כאַפּן זיך אַרום און שטיקן זיך פון געלעכטער.)

סטערע: ס'איז אפשר אַן עבירה, וואָס מיר לאַכן אַזוי פון אַ פרעמדן מענטשן.

ציניע: ווער קען עס זיין? ער האָט אַפילו קיין קוק נישט געגעבן אויף אונדז.

סטערע: האָט זיך געשעמט.

ציניע: ס'אַראַ בלייך פנים ער האָט!

סטערע: מוז אַרומגיין איבער דער וועלט.

ציניע: בעטן נדבות מיינסטו?

סטערע: כ'בין אַ בעלן אַ קוק טאָן אין פענצטער.

(פאַרגנבעט זיך צום פענצטער.)

צינע: נו?

סטערע: ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּעקל.

צינע: ער רעדט מיט אברהם יעקבן!

סטערע: ער קוקט זיך אַרום.

צינע: דו שטיי אַזוי און איך וועל זיך פאַרגנבענען הינטער דיר.

סטערע: זעסט אים. קוק ווי אברהם יעקב האָט גאָר פאַר אים קיין מורא נישט.

רחל (קומט אָן): וואָס שטייט איר הינטערן פענצטער?

צינע: ווער איז עס, מאַמע?

רחל: אַ פרעמדער מענטש. בעט זיך אין שטוב אַריין אויף אַ נאַכטלעגער.

סטערע: הערסט?

רחל: זעט אויס, ווי נאָך היינט נישט געגעסן.

צינע (לאַכט.)

רחל: ווי פאַלסטו עס אויס צו לאַכן פון אַ פרעמדן מענטשן?

צינע: ער זעט אויס אַזוי מאָדנע. איז נאָך אַ יינגל. איך שעם זיך אַריינצוגיין אין שטוב.

דוד נח (קומט אָן): וואו איז ער דער מענטש?

רחל: איז אין שטוב.

דוד נח: נעם אים אויף ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אפשר מאַכן אים אַן עסן.

(גייט אַריין אין שטוב.)

צינע: מאָדנע מענטשן דאָ אויף דער וועלט. זעען גאָר אויס אַנדערש ווי מיר. ער האָט שוואַרצע האָר, אמת?

סטערע: און שוואַרצע אויגן אויך.

צינע: ער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

סטערע: מסתמא האָט ער שוואַרצע אויגן.

צינע: און אַזאַ בלייך פּנים.

סטערע: ס'איז אַן אידעלער פּנים. אַ שטאָטישער מענטש איז שוין אַזוי.

צינע: און גייט אום צופוס איבער דער וועלט.

סטערע: אפשר איז עס גאָר נישט קיין אָרעמאַן? אפשר איז ער גאָר... וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, צינע?

צינע: ווער קען ער טאַקע זיין דער מענטש? אפשר האָט ער געהערט, אַז איך האָב געלאַכט?

סטערע: אַוודאי האָט ער געהערט. נאָר ער ט'דאַך נישט פאַר־שטיין, אַז פון אים האָבן מיר עס געלאַכט.

הערש בער (קומט אַן.)

סטערע: איך בעט דיר, צינעלע, זאָג אים גאָרנישט.

צינע: האָסט געזען דעם פרעמדן מענטשן?

הערש בער: דאָס גיי איך טאַקע אַ קוק געבן.

סטערע: איך בין אויף דיר אין כעס.

הערש בער: וועסט זיך מיט מיר איבערבעטן.

צינע: הערש בער, דו ביסט אַ לעקיש.

הערש בער: וואָס בין איך?

סטערע: געדענק, צינע.

הערש בער: דו וועסט באַלד ביי מיר כאַפּן.

(ער יאָגט נאָך צינען אין שפּאַס, זי אַנטלויפט.)

צינע: דו ביסט אַ לעקיש!

סטערע: איך וועל העלפן זי כאַפּן; אָט אַזוי פאַרלויף צום ברונעם!

צינע (שפּרינגט אַריבער דעם צוים און פאַרשווינדט.)

הערש בער: זי וועט שוין ביי מיר אירס קריגן. זאָג, וואָס האָט זי געמיינט?

סטערע: איך ווייס שוין, וואָס זי האָט געמיינט.

הערש בער: דיין טאַטע וועט נאָך היינט דאָ זיין?

סטערע: איך ווייס נישט. אויב דו ווילסט אים זען קענסטו אַריבערקומען צו אונדז.

הערש בער: דיין טאַטע האָט פליגן אין נאָז, פאַרשטייסט? ער קען נאָך אַמאָל זאָגן, אַז סע שטייט אים נישט אָן.

סטערע: וואָס מיינסטו?

הערש בער: איך מיין שוין וואָס איך מיין. וואָס באַדאַרף איך אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס און דו אויך, אַז די אויגן זאָלן אַרויסקריכן פון קאָפּ.

סטערע: מיינסט טאַקע, אַז איך וויל דיך פּאַר אַ חתן? דאָס, באשר דו האָסט זיך מיר אַרונטערגעבויגן אונטער דער סאַמע נאָז — טאָ וואָס האָב איך געקענט מאַכן?

הערש בער: מען ווייסט שוין. אָט קום נאָר אַהער.

סטערע: צינע האָט זיך ווידער געמוזט ערגעץ פאַרגנבענען און הערט זיך איך. זי האָט פריער אויך געזען און האָט דערציילט דער מאַמען.

הערש בער: אָט, נאָך עפּעס.

סטערע: אויף מיינע נאמנות! זי האָט מיר אַליין דערציילט.

הערש בער: אָט, דורע נישט די קאָפּ; זי האָט דיר אָפּגענאַרט, קענסט איר נאָך נישט.

סטערע: ווערסטו היינט אַריינקומען צו אונדז?

הערש בער: דיר שטייט נישט אָן זאָגסטו דאָך.

סטערע: גיי נאָר אַביסעלע אַוועק פון אַנטקעגן פענצטער, אָט אַזוי...

(זי וואַרפט זיך אים אויפן האַלדז.)

צינע (איר שטימע פון הינטערן צוים): הערש בער, דו ביסט אַ לעקיש!

סטערע: צינעלע, איך בין שוין אויף שטענדיק מיט דיר ברוגז.

(פאַרשעמט, צעטומלט, שפרינגט אַריבער דעם צאַם און אַנטלויפט.)

צינע (קומט אָן.)

הערש בער: וואָס האָסטו עפּעס אונטערצוקוקן?

צינע: שעם זיך טאַקע. זי האָט דיך אַזוי ליב און דו מאַכסט זיך ווי אַ לעקיש. וואָלסט שוין וואַרטן, איך זאָל דיר געבן אַ קוש. ווען דאָס איז אויף מיר, וואָלסטו מיר שוין נאָכגעלאָפן — וואָס אַרט דיר!

הערש בער: זע נאַר, שוין לאַנג ביסטו אַזאַ חכמה?

צינע: איך האָב דערציילט דער מאַמען, אַז דו האָסט איר אַ קוש געטאָן.

הערש בער: זי האָט דאָך עס מיר גאָר געטאָן.

צינע: זעסטו שוין, אַז דו ביסט אַ לעקיש.

הערש בער: אָבער, וואָס האָסטו אומצוטראָגן ליגנס?

צינע: דו ווייסט דאָך, אַז ס'איז אַן אמת.

הערש בער: אויב ס'אי' טאַקע אמת, אַז דו האָסט דערציילט דער מאַמען וועל איך דיר מאַכן ווי אַ ביטערן עפּל.

צינע: וועלן מיר טאַקע זען.

הערש בער: דו האָסט מיר נישט, וואָס אונטערצוקוקן.

צינע: קענסט מיר נישט פאַרווערן... אַז דו מאַכסט אַזוי, אַז זי זאָל דיר נאָכלויפן און וויינען ווען דו ליבסט זיך אין איר, ביסטו נישט אַ לעקיש?

הערש בער: ווער וויינט?

צינע (לאַכט זיך פונאַנדער אויפן הויכן קול.)

הערש בער: ביסט אַ משוגענע און ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדן מיט דיר.

רחל (קומט אַרויס פון שטוב): איי, סאַראַ מענטש דאָס איז! נאָך גאָר אַ קינד, וואָלסטו דיר זען, און פּערל שיטן זיך פון זיין מויל.

צינע: טאַקע... כ'וויל אַריינגיין אין שטוב.

רחל: אַז דו וועסט זיך האַלטן ווי אַ מענטש. קענסט זיך נאָך פונאַנדערלאַכן.

צינע: איך זאָג דיר צו, מאַמע. איך וויל אַזוי נאָר דורכגיין אין דער אַנדערער שטוב.

(גייט אַריין אין שטוב, ווי פאַרגנבענענדיק זיך.)

רחל: וואָס שטייסטו אַזוי, הערש בער?

הערש בער: איר גליק, וואָס דו ביסט אַרויסגעקומען. איך האָב איר שוין געוואָלט גוט מכבד זיין.

רחל: וואו איז סטערע?

הערש בער: מסתמא אַ היים געגאַנגען.

רחל: ס'אי' טאַקע אמת, וואָס צינע דערציילט?

הערש בער (צעטומלט): וואָס?

רחל: מסתמא האָט זי אויסגעטראַכט.

הערש בער: וואָס אויסגעטראַכט?

רחל: האַ, כ'האָב גאָרנישט געמיינט.

הערש בער: טאָ וואָס זשע רעדסטו, און מען קען מיינען כ'וויס וואָס?

אברהם יעקב (קומט אַרויס): ווייסט מאַמע ווי אַזוי מען רופט אים? לוי יצחק.

רחל: טאַקע אַ שיינער נאָמען.

אברהם יעקב: דער טאַטע האָט אים געפרעגט ווי אַזוי מען רופט אים — האָט ער געזאָגט.

דוד נח (קומט אַרויס): וואו ביסטו, רחל? הערסט וואָס איך וויל דיר זאָגן — אַז דער מענטש געפעלט מיר.

רחל: נאָך די מילך אים אויף די ליפּן.

דוד נח: איך האָב מיט אים גערעדט. ער וואָלט זיך דאָ אָפּ־שטעלן.

רחל: וואָס ט'ער דאָ טאָן?

דוד נח: ווייסט וואָס? — אַ וואויל־געלערנטער. די קינדער וועלן פון אים עפּעס כאַפּן. האָסט געמעגט הערן ווי ער רעדט.

הערש בער: איך וועל שוין אַזוי אויך מיין שטעטל באַשטיין.

אברהם יעקב: איך וויל ביי אים לערנען.

הערש בער: מסתמא אַזאַ לעקיש ווי דער אַמאָליקער מלמד, וואָס האָט נישט געקענט אַ פערד דעם עק פאַרבינדן.

דוד נח: ווען דו וואָלסט נישט האָבן אַזאַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ האָט נאָך יענער מלמד אויך געקענט זיין פאַר דיר גענוג.

רחל: טאָ וואָס זשע טוט מען?

דוד נח: מע וועט אים אָפּשטעלן אויף איבער נאַכט דערווייל.

אברהם יעקב: טאַקע, מאַמע, זאָל ער בלייבן ביי אונדז.

אלקנה (קומט אָן): אַ גאָט העלף! וואָס שטייט איר עפּעס אַזוי?

דוד נח: אַ מענטש איז דאָ דורכגעגאַנגען. רעדט ווי עפּעס רעכטס, ממש דער קאָפּ ברענט אויף אים. מען שמועסט דאָ, אפשר אים אָפּשטעלן פאַר אַ מלמד.

אלקנה: וואו איז ער? איך גיב צו שטייער!

דוד נח: אַ בחור — אַ מענטש.

אלקנה: איך גיב צו שטייער!

לוי יצחק (קומט אַרויס.)

אלקנה: אָט דאָס איז ער? נאָך גאָר אַ שנעק.

רחל: ממש די שכינה רוט אויף אים.

אלקנה: זיי זשע מוחל, שלום עליכם.

לוי יצחק: עליכם שלום.

אלקנה: פון ווייט?

לוי יצחק: נישט פון גאָר נאָענט.

דוד נח: דאָס דערקענט מען.

אלקנה: וואוהין גייט מען עפּעס?

לוי יצחק: אַזוי גיי איך מיר איבער דער וועלט. אָנקומען אין אַ שטאָט פון שיינע יידן וועל איך מיר אָפּשטעלן.

אלקנה: אפשר דאָ אויפן ישוב זיך אָפּשטעלן?

דוד נח: דאָס זאָג איך דאָך.

לוי יצחק: וואָס וועל איך דאָ טאָן אויפן ישוב?

דוד נח: קיין עין הרע נאָך יידן פאַראַן אין דער געגנט. מיר האָבן אַ מנין אַלע שבת.

אלקנה: פיינע יידן דאָ פאַראַנען. ס'טלערנען מיט מיינע קינדער; מיט אָט דעם יידנס קינדער. מע'ט דיר האַלטן בכבוד. פיין אויסקליידן; געבן צו עסן און סוף זמן — נאָך אַביסל מזומן אויך.

רחל: צו עסן, געלויבט איז דער אייבערשטער, פעלט נישט ביי מיר.

אלקנה: וואו פעלט עס אויפן ישוב צו עסן? קינדער, וואוילע

קינדער, נאָר ס'האָט זיך נישט געמאַכט עפּעס אַ מלמד — אַ מענטש.

דוד נח: לייג זיך איבער. אָט, דער זון מיינער, כאָטש שוין אַ גרויסער בחור פונדעסטוועגן האָט ער נישקשה פון אַ קעפּל. אַז ער'ט וועלן קען ער נאָך עפּעס דערגרייכן.

לוי יצחק: די קינדער זיינען גרויסע און איך...

דוד נח: אַז מען איז אַ מענטש מאַכט נישט אויס. וועלן אַ מלמד צוריק נישט אָפּגעבן. וועסט האָבן דרך־ארץ פאַרן רבין, האַ, אברהם יעקב?

רחל: האָסט זיך דען פאַרגעסן, אַז ער האָט שטענדיק געוואָלט לערנען.

אלקנה: זאָלן זיך די מיידלעך לערנען דאַוועגען.

לוי יצחק: פאַר זיי האָב איך נישט קיין תורה.

רחל: זינדיקע ווייבער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין.

אלקנה: איכ'ל דיר געבן די בייטש, און אַז מיין חברה וועלן נישט פאָלגן וועסטו כוואַשטשען די ביינער און שוין. כאַ־כאַ־כאַ.

הערש בער: איך וואָלט שוין געגעבן אַ כוואַשטשען.

אברהם יעקב: צו מיר ט'מען נישט באַדאַרפן קיין בייטש.

לוי יצחק: זיינען נאָך יידן פאַראַנען אין דער געגנט?

דוד נח: ווייסט ווי דען? וואו זיינען עס נישטאָ קיין יידן?

אלקנה: אָרנטלעכע יידן. שבת — אַ פיינער מנין.

דוד נח: עסן איז פאַראַנען צו זאַט אויפן ישוב; מילך, פּוטער, קעז.

אלקנה: מיט אַ קאַרטאָפל קען מען זיך אויך נישט סמען.

רחל: וואָס מען וואַרפט אַרויס ביי מיר קען נאָך אַ מענטש לעבן.

אלקנה: מיין יידענע וועט וועלן ער זאָל זיין ביי מיר שבתים.

דוד נח: זעסטו, פון שבת לאָז איך אים נישט אָפּ.

לוי יצחק: איך וואָלט וועלן האָבן צייט פאַר זיך אַליין אויך צום לערנען.

אלקנה: כ'קען שווערן, אַז דאָס וועט נאָך זיין אַמאָל אַ רב אויך!

דוד נח: דער טאָג איז גרויס. אַז מען פּוילט זיך נישט אויפ־צושטיין אַביסל באַגינען — קען מען אַלצדינג סדאַנזשען. אַט, האָבן שוין די קינדער אַ גאָרטן קאַרטאָפל פאַרזעצט און ס׳איז נאָך קאַם האַלבער טאָג.

אלקנה: אַט וואָס, איך גיי אַהיים און אין נאָוונט וועל איך אַהער אַריבערברענגען מיינע חברה, זאָל ער זיי פאַרהערן. וועסט שוין אַליין איבעררעדן מיט אים. וויפל מע באַדאַרף — גיב איך צושטייער. אַ גוטן טאָג!

(גייט אַוועק.)

דוד נח: ׳עסט, רחל, גיין מאַכן אַן עסן. אפשר וועט ער עפּעס איבערכאַפּן.

לוי יצחק (קוקט זיך אַרום): אַ שיינער טאָג דאָ ביי אייך.

דוד נח: ווייסט ווי דען? קיין עין־הרע פיינע יידן אויפן ישוב.

הערש בער: איך וויל טאַקע עסן. פון רעדן וועט גאָר נישט אַרויסקומען.

אברהם יעקב (צו לוי יצחקן): איר ווילט זען דעם גאָרטן מיט קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן היינט פאַרזעצט?

רחל: גיי ס׳דו ווייזן דעם רבין די קעלבלעך אין שטאַל.

(גייט אין שטוב.)

הערש בער (שוין צום שטוב גייענדיק. צו דער מוטער): ס׳וועט לאַנג נעמען ביז דו, מאַמע, וועסט אים אָפּפּאַשען.

רחל: וואָס, כ׳וועל אים זשאַלעווען עסן?

(גייט אַריין אין שטוב.)

לוי יצחק: ווער איז געווען דיין מלמד ביז אַהער?

אברהם יעקב: שוין לאַנג דאָ נישט געווען קיין רבי.

לוי יצחק: אָבער ווער איז געווען דער לעצטער?

אברהם יעקב: אַן אַלטער ייד.

לוי יצחק: נישט געהאַט פאַר אים קיין דרך ארץ.

אברהם יעקב: יעמאָלט געווען נאָך קליינע קינדער. נישט געהאַט קיין שכל.

לוי יצחק: דו געפעלסט מיר.

אברהם יעקב: קומט, מיר וועלן זען די קעלבלעך, דערנאָך וועלן מיר גיין עסן, קומט.

(גייען ביידע אַוועק אין שטאַל.)

צינע (קומט אַרויס. פאַרגנבעט זיך צום שטאַל, קוקט דורך אַ שפּאַלט.)

לוי יצחק (קומט אַרויס פון שטאַל. נאָך אים אברהם יעקב.)

אברהם יעקב: מיר האָבן נאָך אַ קעלבל, אַ גרעסערס, איז עס אויפן לאָנקע.

לוי יצחק: אַ שיינער טאָג ביי איך.

(מערקט נישט צינען, וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטערן שטאַל ווען זיי גיין פאַרביי אין שטוב אַריין.)

צינע (קומט אַרויס, רופט שטיל): **אברהם יעקב! אברהם יעקב!**

(יענער הערט נישט. זי בלייבט אַליין. טוט זיך אַ ריס פון אָרט ווי זי וואָלט וועלן לויפן אין שטוב אַריין; שוין ביים שוועל בלייבט זי שטיין אַ ווײַלע, פאַרטראַכט זיך. נעמט אָן אין אַ קאַשעק קאַרטאָפל און גייט אַוועק אין גאָרטן.)

רחל (איר שטימע הערט זיך פון שטוב רופן): **צינע — צינ־נע...**

צווייטער אַקט

ביי דוד נחן אין שטוב. אָנהייב זומער. אַרום האַלבן טאָג.

לוי יצחק (זיצט ביי אַ ספר פאַרטראַכט. הייבט זיך אויף פון אָרט, גייט אום אויף און אָפּ.)

אברהם יעקב (קומט אַריין): אָט בין איך. געמיינט, אַז היינט וועלן מיר נישט לערנען.

לוי יצחק: מיט וואָס איז היינט אַנדערש ווי שטענדיק?

אברהם יעקב: היינט קאָשעט מען די היי.

לוי יצחק: טוען עס דאָך די גוים.

אברהם יעקב: ס'איז אָבער גוט צו זיין אויפן לאָנקע. פאַרוואָס טוט איר זיך קיין מאָל נישט אויס באָרוועס?

לוי יצחק: אויף אַלץ איז פאַראַן אַ צייט.

אברהם יעקב: וועלן מיר טאַקע היינט לערנען?

לוי יצחק: אויב דער טאַטע וועט גאָרנישט זאָגן, און דו ווילסט נישט.

אברהם יעקב: דער טאַטע ווייסט גאָרנישט.

לוי יצחק: איך ווייס אויך, אַז דרויסן איז שיין. מיינסט, איך ווייס נישט?

אברהם יעקב: מיר'ן נישט לערנען. מיר'ן אַזוי עפּעס רעדן. רעדט מיט מיר עפּעס, רבי.

לוי יצחק: רוף מיך ביים נאָמען. ביסט דאָך גרעסער פון מיר... דברים־בטלים ווילסטו זאָל איך מיט דיר רעדן?

אברהם יעקב: איר ווילט ווערן אַ רב. ס׳איז טאַקע גוט צו ווערן אַ רב, ס׳איז עפּעס שווער?

לוי יצחק: ווי פאַר וועמען.

אברהם יעקב: איך וואָלט געקענט ווערן אַ רב?

לוי יצחק: ס׳איז פאַר קיינעם נישט שווער. נאָר דו האָסט דאָך ליב בעסער צו זיין אין פעלד; איז אַזוי אויך גוט.

אברהם יעקב: נישט — איך האָב ליב; באשר ס׳איז זומער איז שווער צו זיין אין שטוב, אַז דאָרט איז אַזוי גוט. איר זעגט שוין ווי אַן אַלטער ייד.

לוי יצחק: אַז מע וויל ווערן אַ רב באַדאַרף מען אָפּקערן דעם געדאַנק דערפון, ווייל ס׳איז מבטל דעם געדאַנק.

אברהם יעקב: רעדט מיט מיר פון גאָט.

לוי יצחק: וואָס הייסט? ווייסט דען נישט, אַז גאָט איז אומעטום?

אברהם יעקב: יאָ, ער איז אין הימל און אויף דר׳ערד. איך מיין, אַז ס׳וואָלט געווען שלעכט אָן גאָט. ער מאַכט דאָך, אַז די גראָזן זאָלן וואַקסן. ס׳איז זייער גוט וואָס אַ גאָט איז פאַראַנען אויף דער וועלט. מענטשן וואָלטן אפשר געווען גזלנים, ווען נישט גאָט.

לוי יצחק: ווי ווילדע חיות.

אברהם יעקב: איר האָט אַמאָל געזען אַ וואָלף?

לוי יצחק: ס׳איז געשריבן: „זאב טורף״; אַ וואָלף פאַרצוקט.

אברהם יעקב: פאַר־אַ־יאָרן האָט אַ וואָלף ביי אונדז צעריסן אַ פערד.

לוי יצחק: אַזוי, אַ פערד צעריסן!

אברהם יעקב: ער איז אומגעגאַנגען אויפן לאַנקע געפּענטעט. ס׳אי געווען ביינאַכט, אויף מאָרגנס האָט מען אים געפונען אַ טויטן; זיין האַלדז געווען אויסגעגעסן. מען האָט דערקענט דעם וואָלפס ציינער.

לוי יצחק: אַט זעסטו שוין.

אברהם יעקב: וועלף ווייסן נישט, אַז אַ גאָט איז פאַראַנען; אַ מענטש איז טאַקע אַ קלוגע באַשעפעניש.

לוי יצחק: דאָך געשריבן: „כי בצלם אלהים נברא האדם" — אין דעם פּאַרעם פון גאָט איז באַשאַפן געוואָרן דער מענטש. גאָט האָט פון זיין גרויסקייט צום מענטשן איבערגעגעבן.

אברהם יעקב: אָבער אַ מענטש וואָלט נישט געקענט באַשאַפן די וועלט.

לוי יצחק: דערפאַר קען אַ מענטש חרוב מאַכן אַ וועלט.

אברהם יעקב: אַזוי!

לוי יצחק: ווייסט, אברהם יעקב, אַז כ׳וועל מיר אפשר שוין לאָזן פון דאַנען.

אברהם יעקב: איך איז דען שלעכט ביי אונדז?

לוי יצחק: ס׳איז נישט קיין תּכלית. כ׳האָב דאָ נישט קיין ספרים. דאָ פעלט מיר אַלצדינג. דאָ פעלט מיר דער קול פון די לומדי־תּורה יעדן באַגינען אין בית־המדרש. פעלט מיר דער תּואר־פּנים פון די שיינע יידן, צוליב וועמעס זכות די וועלט האָט אַ קיום.

אברהם יעקב: איך וואָלט אַזוי וועלן מיטגיין מיט אייך; איך וועל אויך אויפשטיין פאַרטאָג לערנען.

לוי יצחק: האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז דיך ציט אין פעלד אַריין.

אברהם יעקב: ס׳איז טאַקע אמת; נאָר מיר דאַכט זיך אויס, אַז אויף דער וועלט איז עפּעס מאָדנע. אַמאָל טרעפט, אַז ס׳פאָרט דורך אַ ייד אַ פרעמדער, זעט ער אויס אַזוי אַנדערש. פאַר אַ יאָרן איז דאָ דורכגעפאָרן עפּעס אַ רבּ, האָט ער געהאָט אַזאַ לאַנגע, ווייסע באָרד! כ׳האָב אויפן דאָרף קיין מאָל אַזאַ יידן נישט געזען, אַ פולע שול מיט אַזוינע יידן מוז טאַקע זיין זייער שיין.

לוי יצחק: אַוודאי איז עס שיין.

אברהם יעקב: לערנט מיר אויס אָנצושרייבן מיין נאָמען.

לוי יצחק: דערצו באַדאַרף מען פריער קענען אָנשרייבן דעם אלף־בית.

אברהם יעקב: כ׳וועל אַריינברענגען אַ ברעטל מיט אַ שטיקל קרייד און איר ט׳מיר טאַקע ווייזן ווי אַזוי.

(לויפט אַרויס.)

לוי יצחק (פאַרקוקט זיך אין פענצטער, ווי ער וואָלט עמיצן באַ־מערקן; ער איילט צום טיש, גראָבט איין די אויגן אין ספר.)

צינע (קומט אַריין. באָרוועס. ס'קליידל פאַרשטעקט ביים זייט. אַריינקומענדיק פאַרריכט זי עס. פאַרנעמט זיך אָנלייגן אַ פייער אויפן קוימען. ווענדט זיך צו אים): **די מאַמע האָט געפרעגט, אויב אירווילט עסן?**

לוי יצחק: ס'איז רעכט אַזוי אויך.

צינע: איר ווילט פאַסטן?

לוי יצחק: אַ מענטש באַדאַרף זיך נישט געוואוינען אַזוי צו דער אכילה.

צינע: אַז איר וואָלט עסן אַזוי פיל ווי איך, וואָלט איר האָבן מער כוח.

לוי יצחק: צוליב וואָס באַדאַרף מען עס האָבן כוח?

צינע: נישט גוט, אַז מען האָט נישט קיין כוח. איר וואָלט זיך נישט געקענט שטייערן מיט הערש בערן.

לוי יצחק: אַ ייד באַדאַרף זיך נישט שטייערן.

צינע: פאַרוואָס נישט? אַ ייד באַדאַרף זיין אַזוי שטאַרק ווי אַ גוי. (זי וויל איבערברעכן אַ צווייג אויפן קני; זי קען נישט. ווענדט זיך צו אים.) **ס'איז צו לאַנג, פאַלט אַראָפּ פון קוימען, אפשר ט'איר עס קענען איבערברעכן?**

לוי יצחק: נאָך וואָס ברעכן אויף דער קני, אַז מען קען עס טאָן מיט אַ האַק?

צינע: אַז מען זאָל טאָן אַלץ ווי מען באַדאַרף... איך בין נישט קיין שטאָטישע.

לוי יצחק: אויפן דאָרף באַדאַרף מען אויך זיין אַ מענטש.

צינע (אָביסל פאַרשעמט): **מיין מאַמע זאָגט טאַקע, אַז איך בין צופיל צעלאָזן. סטערע איז טאַקע בעסער פון מיר.**

לוי יצחק: ווער?

צינע: סטערע. אלקנהס מיידל. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט גערעדט מיט אייך. מיין ברודער וויל זי פאַר אַ כלה.

לוי יצחק: וואָס פאַר אַ ברודער?

ציִנע: דער עלטערער; הערש בער.

לוי יצחק: טאַטע־מאַמע שווין דורכגעקומען צווישן זיך?

ציִנע: וואָרעם וואָס, זי געפעלט איך?

לוי יצחק: האַ?

ציִנע: סטערע געפעלט איך?

לוי יצחק: נישט שיין צו פרעגן אַזאַ זאַך?

ציִנע: פאַרוואָס איז נישט שיין? איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס ס׳איז נישט שיין.

לוי יצחק: איך קלער גאָר אַוועקצוגייין פון דאַנען.

ציִנע: איך איז נישט גוט ביי אונדז.

לוי יצחק: מיר איז דאָ וואויל, נאָר איך ברענג נישט קיין נוצן מיט מיין זיין. די קינדער ווילן נישט לערנען.

ציִנע: לערנט מיט מיר, איך וועל זיך לערנען ווי אַ ייִנגל.

לוי יצחק: ס׳איז נישט רעכט. ווייבער זיינען פטור פון צו לערנען תורה. פאַר זיי לערנט שווין דער מאַן.

ציִנע: וואָס?

לוי יצחק: האַ?

ציִנע: איך זאָג דאָך איך, לערנט מיט מיר, אַז קיינער זאָל נישט וויסן. אַודאי, קיינער באַדאַרף נישט וויסן. איר ט׳זען ווי ס׳וועט זיין גוט.

לוי יצחק: נישט רעכט.

ציִנע: פאַרוואָס נישט רעכט? מיין ברודער מיט סטערען מעגן?

לוי יצחק: וואָס, ער לערנט מיט איר?

ציִנע: ניין; זיי האָבן זיך ליב. זיי האָבן זיך זייער ליב. ס׳איז זייער שיין, אַז מען האָט זיך ליב... קיינער ט׳ניט וויסן ווען איר וועט מיט מיר לערנען. מיר קענען זיך באַהאַלטן אין פעלד, אָדער גאָר אויפן בוידעם.

לוי יצחק: כ׳וועל נאָך אפשר היינט פון דאַנען אַוועק.

ציִנע: איכ׳ל נישט לאָזן.

לוי יצחק: מען קען מיך נישט האַלטן מיט געוואַלד.

צינע: אַדרבא זאָגט, פאַרוואָס איך איז נישט גוט ביי אונדז? אפשר האָט איר אַ שלעכטן געלעגער — האַ, זאָגט, אפשר? געפעלט אייך מיין שלאָפבאַנק, וועל איך אייך אָפּטרעטן. זאָגט, פאַרוואָס ווילט איר פון אונדז אַוועק?

לוי יצחק: דאָס וועל איך דעם טאַטן זאָגן. ער האָט מיך דאָ אָפּגעשטעלט.

צינע: אָבער איך בעט אייך, אַז איר זאָלט נישט אַוועק פון אונדז. איך בעט אייך זייער...

לוי יצחק: דו לערנסט דאָך סיי ווי נישט, טאָ וואָס איז די נפקא מינה?

צינע: אָ, ווען איך וואָלט עס געקענט מאַכן אַזוי, אַז אייך זאָל זיין גוט ביי אונדז! ווייסט איר גאָר וואָס, אַז איר וועט אָפּעסן ט'איר אַרויסקומען אין פעלד און איר ט'זען ווי אַזוי איך שאַר צונויף די היי. איך נעם אָן אַזאַ גרויסן בונט היי אויפן קאָפּ אַז מען זעט נאָר די פיס אַרויס. זאָגט מיר, וואָס איר האָט ליב צו עסן?

לוי יצחק (שמייכלט אין פאַרלעגנהייט.)

צינע: זאָל זיך אייך אויסדאַכטן אַז איר זענט מיין מאַן און איך אייער ווייב און איך האָב אייך זייער ליב און איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן וואָס ס'איז געשמאַק.

לוי יצחק: ס'אי' דאָך אָבער נישט אַזוי.

צינע: וואָס, נישט אַזוי? זאָל זיך אייך אויסדאַכטן, מיר זיינען אַ פּאָר פאָלק, איך שטיי ביים קוימען און וויל וויסן וואָס מיין מאַן האָט ליב... אוי, דאָס איז אַזוי שיין... אוי, איך רעד נאַרישקייטן. איך זע, אַז איר שעמט זיך פון מיינע רייד. זייט ביי אונדז, איך בעט אייך.

אברהם יעקב (קומט אַריין): אָט האָב איך אַ ברעטל מיט אַ שטיקל קרייד; דער רבי וועט מיר לערנען ווי אַזוי אויפצושרייבן מיין נאָמען.

צינע: איך וויל אויך, רבי; שרייבט אָן מיין נאָמען. איך וויל זען ווי אַזוי מיין נאָמען קוקט אויס אָנגעשריבן.

לוי יצחק (שרייבט אָן מיט גרויסע אותיות „אברהם יעקב".)

ציגע: ס׳איז מיין נאָמען אַזוי לאַנג?

לוי יצחק: דאָס מאַכט — אברהם יעקב.

צינע: איך בעט אייך, שרייבט אָן מיין נאָמען — צינע.

לוי יצחק (שרייבט.)

צינע: אוי, מאַמעלעך! אַט וועל איך אָפּמעקן און איר שרייבט אָן נאָך אַמאָל.

אברהם יעקב: ביסט אַ משוגענע.

צינע: שרייבט, איך בעט אייך.

לוי יצחק (שרייבט אָן.)

צינע (מעקט ווידער אָפּ): איצטער נאָך אַמאָל; כ׳האָב אַזוי ליב צו זען ווי איר שרייבט.

לוי יצחק: מאַכסט זיך נאַריש.

צינע: איך זע שוין, אַז איר וועט נישט אָפּוועקפאָרן, איך...

אלקנה (קומט אַריין): אַ גאָט העלף, רבי. איך בין געקומען דיך צונעמען צו מיר אַ היים.

צינע: פאַרוואָס?

אלקנה: ס׳אי׳ שוין מיין עסק.

לוי יצחק: איך וויל אינגאַנצן אַוועק פון ישוב.

אלקנה: מיינע קינדער גייען אום פוסט און פּאָס. איך קען דיך נישט אַוועקלאָזן.

לוי יצחק: פאָלגן נישט אָן עלטערן.

אלקנה: איך וועל זיין דערביי און כ׳וועל זיי מיט דער בייטש מכבד זיין טאָמער פאָלגן זיי נישט... וואָס קען איך מאַכן? מע איז שטענדיק פאַריאָגט און ס׳איז נישטאָ קיין צייט ווען אַפילו אָפּ־צושמייסן אַ קינד.

לוי יצחק: שמייסן קינדער איז נישט נייטיק.

אלקנה: דאָס, זעסטו, בין איך שוין נישט מסכים. מע האָט מיך אויך געשמיסן; אַניט איז טאַקע געוועזן שלעכט.

צינע (זאָגט עפּעס אין דער שטיל אברהם יעקבן, ער גייט שטיל אַרויס. מיט גרויס אומרואיקייט הערט זי זיך צו צום שמועס.)

לוי יצחק: איר באַדאַרפט האָבן צו די קינדער אַן עלטערן מענטשן. וועלן זיי האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

אלקנה: אָבער געזונט זאָלסטו זיין — דו געפעלסט מיר — ווי זאָגט מיין יידענע, וואָס האָב איך מיר צו נאַרן? אויפן ישוב פּראָסטע אָבער אָרנטלעכע יידן; קענסט דאָ קריגן אַ כלה — אַ פיינע יידישע טאָכטער. כאַ־כאַ־כאַ, אויפן ישוב ווערט מען נישט פאַרפאַלן. שאַ, וואָס איז דאָס אויפן ברעטל? לערנסט דעם יינגל שרייבן; אַליין געשריבן וואָס? (באַטראַכט דאָס ברעטל.) אַ שאַד וואָס כ׳האָב נישט מיינע ברילן.

צינע (קוקט פון דער זייט בייז צו אים.)

אלקנה: וואַזשנע אותיות; קוקן פשוט פון ברעטל אַראָפּ.

דוד נח (קומט אַריין.)

צינע: טאַטע, ווייסט אַז...

אלקנה: אַ גאָט העלף, דוד נח; כ׳וויל דעם מענטשן פון דאַנען צונעמען.

דוד נח: דער יינגל האָט מיר שוין געזאָגט. וואָס הייסט?

אלקנה: אַזוי גיך געלאָפן אָנזאָגן.

דוד נח: וואָס פעלט אים דען ביי מיר אין שטוב? אַ שלעכטער געלעגער? אָדער אפשר קאַרג צו עסן? און דאָס וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט קען מען מיר טרויען. צו יום־טובים דערציען — וואָס הייסט?

אלקנה: אָבער דו פאַרשטייסט נישט פון וואָס דאָ איז די רייד. איך זאָג, אַז ס׳אי׳ גלייכער, ער זאָל זיין ביי מיר.

דוד נח: דאָס מיין איך דאָך, אַז איך וועל אים נישט אָפּלאָזן.

אלקנה: מיינע קינדער זיינען שקצים און אַז דער מלמד וועט זיין דערביי וועלן זיי מער אָפּשיי האָבן.

דוד נח: ווייסט — אָפּשיי האָבן? ווי האָט מען עס נישט קיין אָפּשיי?

אברהם יעקב (קומט אַריין.)

דוד נח: זאָג מיר נאַר, צוליב דיר גייט עס אַ מענטש אַוועק? איך וועל נעמען אַ שטעקן און דיר צעברעכן די ביינער!

לוי יצחק: ניין, נישט צוליב אים. הלוואַי וואָלטן אַלע קינדער זיין ווי ער.

רחל (קומט אַרײַן): װי איז מיר, דער רבי גייט אַוועק?

דוד נח: הערסט דאָך, אלקנה וויל אים נעמען צו זיך.

רחל: איר טאָרט נישט טאָן אַזאַ זאַך.

אלקנה: לאָמיר פרעגן אַ מענטשן: וואָס זאָגסטו, רבי?

לוי יצחק: איך טראַכט, אַז גלייכער גיין אַהין וואו כ׳האָב באַדאַרפט. בין אָפּגעווען אַ חודש, אפשר שוין מער ווי אַ חודש צייט — גענוג.

רחל: סטייטש, וואָס הייסט?

לוי יצחק: איך וועל שיקן אַן עלטערן מענטשן צו אייך.

דוד נח: דיך ווילן מיר. מען רעדט פון דיר אין דער גאַנצער געגנט.

אלקנה: דאָס זאָג איך דאָך אויך.

רחל: גיי צו, אברהם יעקב, בעט דעם רבין ער זאָל דאָ בלייבן מיט אונדז.

דוד נח: עט נאַרעשקייטן, אַז ס׳האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי; מע נעמט נישט און מע פאַרשעמט אַ דאָרפישן מענטשן.

רחל: מישטנס געזאָגט, אויפן דאָרף פאַרגעסט מען אין גאָט און אין זיין געבאָט. כ׳בין געווען אין זיבעטן הימל וואָס ביי מיר אין מיין שטוב — כ׳ווייס דאָרט וואָס.

דוד נח: זעסטו דאָך, האָסט אַ מענטשן געגעבן שלעכט צו עסן, גייט ער אַוועק.

רחל: כ׳ווייס דאָרט וואָס דו רעדסט; כ׳האָב דען פאַר זיך פריער גענומען? אָדער אפשר פריער די קינדער געגעבן?

אלקנה: דאָס טענה איך דאָך, זאָל ער גיין צו מיר, אויב דאָ געפעלט אים נישט.

דוד נח: דאָס, אלקנה, טוסטו אַן עולה.

רחל: אלקנה וויל זיך קריגן מיט אונדז — זאָל זיין אַזוי.

לוי יצחק: קריגט זיך נישט יידן איבער מיר. מיר פעלט ביי אייך גאָרנישט. מיר איז דאָ צו גוט. איך עס און טרינק נישט פאַרדינטערהייט. איך וויל נישט אַזוי.

דוד נח: אַט לאָז געמאַכט. פאַרשעמסט אַ דאָרף־מענטשן. ווען

כ׳וואָלט געוואוינט אין שטאָט, האָט מען נאָך אַמאָל אַ זכיה אַ לערנער ביי זיך אין שטוב צו האַלטן. כ׳וואָלט געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און געזוכט, ווי איר זעט מיך לעבן. אויפן דאָרף, אַז אַ ייד וויל זיין אַ ייד — קען ער נישט. כ׳האָב דעם גרעסערן געשטאָפּט אין קאָפּ אַריין און ס׳איז נישט געקראָכן.

אלקנה: כאַ־כאַ־כאַ, אין קאָפּ ליגט פערד, שעטשקע, קאַר־טאָפּליעס.

רחל: וואָס איז איצטער? אפשר אַרום יום־טובים...

אלקנה: כ׳האָב נישט קיין צייט — וואָס בלייבט?

דוד נח: מע טאָר נישט אַ מאָך טאָן מיטן האַנט אויף אַ דאָרף־מענטשן. אָט גיי אַביסל אַרויס אויפן לאַנקע, זע וואָס דאָרפישע מענטשן טוען. גייען נישט אַרום ליידיק. לערנען נישט קיין תורה, אָבער גייען נישט אַרום פּוסט און פּאַס. גיי, אברהם יעקב, פיר דעם רבין אַרויס אויפן לאַנקע.

רחל: גיי, מיין קינד.

אברהם יעקב: וועט איר גיין, רבי?

לוי יצחק: מע קען גיין אַביסל. (גייעןביידע אַרויס.)

רחל (שרייט נאָך): באַוויז אים, מיין קינד, ווי שיין קאָרן וואַקסט!

אלקנה: וואָס שוויגסטו אַזוי עפּעס, ציגע? האָסט געזען סטע־רען?

ציגע: ניין.

אלקנה: זענען ביידע פיינע סחורות.

ציגע: אַבי מיין מאַמען געפעלט איך.

אלקנה: הערסט, דוד נח? ווי ס׳לערנט זיך צו ענטפערן אַן עלטערן מענטשן. ווען סטערע זאָל מיר אַזוי ענטפערן וואָלט זי שוין ביי מיר געכאַפּט אַ חלק. היינטיקע קינדער... קום, דוד נח.

(ער און דוד נח גייען אַרויס.)

ציגע (קוקט אין פענצטער, מיט אַ זייט אָפּגעווענדט פון דער מוטער, און ווישט די טרערן.)

רחל: איך האָב געמיינט, אַז אים איז גוט ביי אונדז, ווי איז מיר, צום סוף — נאַ דיר... זע נאָר, וואָס וויינסטו?

ציגע (כליפּעט.)

רחל: וואָס ווייניסטו, שטיק נאַר? הערסט זיך איין וואָס אלקנה זאָגט? באשר כ'האָב מיר איינגעהאַלטן, עפּעס איז ער מיר גאָר נישט דער אייגענער אלקנה די לעצטע צייט. געוואָרן אַזאַ מין נישט־פאַר־גינער. כ'וואָלט מיר נאָך געוואונטשן צו זיין אין זיין שטאַנד.

צינע (זיצט ביים פענצטער, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און ווישט די טרערן.)

רחל: איך פאַרשטיי דאָך גאָר נישט וואָס דו ווייניסט. זע נאַר, כ'בעט דיר, וואָס איז די מעשׂה?

צינע: האָסט נישט געהערט, וואָס אלקנה האָט דאָ גערעדט.

רחל: טאָ וואו ביסטו געוועזן אין דער וועלט? האָסט נישט קיין מויל? האָסט אים געקענט ענטפערן אַזוי, אַז ער זאָל שוין האָבן צו געדענקען.

צינע: לאָז אים נישט אָוועקפאָרן.

רחל: טאָ דעריבער באַדאַרף מען וויינען? ס'איז מיר אַ שאָד צוליב אברהם יעקבן.

צינע (באַהאַלט איר קאָפּ ביי דער מוטער אויפן שויס): איך וויל, ער זאָל בלייבן ביי אונדז. ער איז, מאַמע, אַזאַ פיינער מענטש.

רחל: האָסט דאָך געלאַכט פון אים.

צינע: כ'האָב נישט פאַרשטאַנען.

רחל: טאָ וואָס קען איך טאָן; וואָס קען איך מאַכן?

צינע: אַז דו פאַרשטייסט נישט, מאַמע.

רחל: וואָס האָב איך דען צו פאַרשטיין?

צינע: אַז ער רעדט קען איך אפשר אויסגיין.

רחל: אָט דאָס מיינסטו גאָר, מיין קינד?...

צינע: איך בין שוין נישט קיין קינד. איך פאַרשטיי שוין אַלצ־דינג. איך האָב קיין מאָל אַזאַ מענטשן נישט געזען.

רחל: כ'האָב גאָר מורא צו טראַכטן אַזוי הויך.

צינע: טאָ וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין!

רחל: דער מענטש וועט נאָך זיין ערגעץ אַ רב; און וואָס זיינען מיר, מישטיינס געזאָגט, ווערט אויף דער וועלט?

צינע: טאָ פאַרוואָס קען איך נישט זיין זיין ווייב?

רחל: האָ?

צינע: כ'וועל אפשר אויסגיין, אויב ער וועט אַוועק פון אונדזער שטוב.

רחל: קינד מיינס, ס'ציטערט מיר אַזש אין האַרצן. איך הער וואָס דו רעדסט, ווײ איז מיר.

צינע: בין איך נישט ווערט צו האָבן אַזאַ מאַן?

רחל: ניין, נישט דאָס. ווײ איז מיר, וואָס איז אַ דאָרפישער מענטש?

צינע: און אַז כ'בין אַ דאָרפישע טאָ איז וואָס? וואָס מע וועט מיר הייסן וועל איך טאָן. אַז מע וועט מיר זאָגן ווי אַזוי מע באַדאַרף זיין פרום — וועל איך.

רחל: אין שטאָט קען אַ יידישע טאָכטער דאַוונען, גאָט בעטן און דאָ — מישטיינס געזאָגט.

צינע: טאָ וועל איך אויך קענען. כ'האָב געוואָלט ער זאָל מיט מיר רעדן, האָב איך אים אַנגעריסן ווײנפערלעך, האָב איך זיך גע־שעמט אים צו געבן. כ'האָב אים געפרעגט וואָס ער האָט ליב וועל איך אים קאָכן.

רחל: אָט זעסטו — דאָס איז די מעשׂה! איצטער פאַרשטײ איך שוין פאַרוואָס ער וויל פון אונדז אַוועקפאָרן. ווי פאַלסטו עס אויס צו טאָן. ביסט אַזוי באַרוועס צו אים געגאַנגען, ווײ איז מיר.

צינע: וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך מאַכן? פאַר וואָס קען איך צו אים נישט זיין אַזוי ווי סטערע איז צו הערש בערן?

רחל: יידן טוען נישט אַזוי. איך קען גאַנצענע נעכט מיט אַן אויג נישט צומאַכן זינט דו האָסט מיר דערציילט. איך האָב דעם טאַטן אַפילו אין די אויגן נישט אַנגעזען ביז פאַר דער חתונה.

צינע (כליפּעט, ווישט די טרערן.)

רחל: ווײ איז מיר, דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט. אפשר זאָל איך עס דערציילן דעם טאַטן; אפשר ט'ער וויסן ווי אַזוי צו רעדן מיט אים.

צינע: ניין, נישט דעם טאַטן. כ'האָב מורא ער זאָל דערפון וויסן. כ'וועל אפשר נישט אויסהאַלטן אויב ער וועט אַוועק.

רחל: פריער פאַר אַלץ, מיין קינד, זאָלסטו נישט אַרומגיין באַר־וועס פאַר אים אין די אויגן, מען טאָר נישט אַזאַ זאַך.

צינע: אפשר אַנטאָן אַן אַנדער קליידל?

רחל: כ׳ווייס, אפשר.

צינע (פריילעך)**:** איך ווייס שוין וואָס צו טאָן טאַקע; איך ווייס...

רחל: וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט אַמאָל די שׂמחה אויף דיר?

צינע: איך ווייס שוין אַלץ וואָס צו טאָן.

רחל: אַז דו וועסט זיין פאַרשייט וועט ער אַפילו נישט וועלן זיך אומקוקן אויף דיר.

צינע: גיי, מאַמע, זע וואו זיי זענען אַלע; איך וועל אַליין קענען אָפּקאָכן דעם וואַרעמעס.

רחל: זאָל איך דעם טאַטן גאָר נישט זאָגן?

צינע: ניין, מאַמע, איך בעט דיר.

רחל (ווישט אָפּ אַ טרער; גייט צו צינען, גיט איר אַ קוש און בלאָזט איר דריי מאָל אָפּ. גייט אַרויס.)

צינע (וואַשט דעם פּנים און פּלעכט איבער די האָר. טוט אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ אַזוי, אַז מען זאָל די האָר נישט אַרויסזען — און קוקט אַריין אין עמער וואַסער צו זען דאָרט איר געזיכט. נעמט אַראָפּ דאָס טיכל און שפּיגלט זיך ווידער אין עמער. פאַרדרייט די צעפּ אויף הינטן און שפּיגלט זיך. דאָך בלייבט ביי איר — מאַכן פוןביידע צעפּ איינעם; וויקלט אים אַרום קאָפּ און באַלד אָבער בלייבט ביי איר, אַז זי זאָל אים לאָזן פאַלן פון איר פּלייצע אַראָפּ. טוט אָן שיך און זאָקן. ווישט די טרערן.)

הערש בער (קומט אַריין)**:** פאַרטיק עסן?

צינע: באַלד וועט זיין פאַרטיק.

הערש בער: כ׳האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן.

צינע: וואָס טוסטו?

הערש בער: כ׳האָב גענוג וואָס צו טאָן; מיינסט כ׳דריי זיך אַרום פּוסט און פּאַס?

צינע: ביסט אַ שלעכטער ברודער.

הערש בער: וועל איך אַריינקומען שפּעטער.

צינע: כ'האָב דיר טאַקע עפּעס צו דערציילן.

הערש בער: כ'וויס שוין דיינע מעשיות.

צינע: ווייסט שוין טאַקע נישט. וועסט זיך שוין בעטן ביי מיר, איך זאָל דערציילן.

הערש בער: איז נישט; מיין באָבעס דאגה.

צינע: דו האָסט טאַקע נעכטן סטערען נישט געזען.

הערש בער: דו האָסט זי געזען?

צינע: כ'האָב גערעדט מיט איר.

הערש בער: זי האָט עפּעס געזאָגט?

צינע (נעמט אַרום זיין האַלדז און קוקט אים אין די אויגן): זי וויינט, זי קלאָגט; זי קען אָן דיר נישט לעבן.

הערש בער: כאַ־כאַ, אַ מוידעלע!

צינע: זי זאָגט, אַז זי וועט אפשר משוגע ווערן.

הערש בער: דאָס זאָגסטו אַ ליגן. ווי אַזוי האָסטו זי נעכטן געזען?

צינע: אַוודאי; כ'בין דאָרט געווען.

הערש בער: זאָגסט אַ ליגן; זי האָט מיר ביינאַכט נעכטן גע־פרעגט, וואָס דו בלאָזט זיך עפּעס אויף איר.

צינע: כ'האָב טאַקע מיט איר נישט גערעדט.

הערש בער: כאַ־כאַ, זעסטו, אַז דו ווילסט מיר פאַרדרייען אַ קאָפּ.

צינע: האָב טאַקע חתונה מיט סטערען; דיר וועט זיין גוט.

הערש בער: ווילסט זיין אַ שדכנטע? דיר וועט דערפון גאָר נישט אַרויסקומען.

צינע: ביסט דאָך מיינער אַ ברודער.

הערש בער: טאָ גיי רעד מיט איר, וואָס רעדסטו מיט מיר?

צינע: זי גייט דאָך אויס פאַר דיר.

הערש בער: שוין באַדאַרפט צו זיין. האָט זיך אָנגעהויבן צו בלאָזן.

ציגנע: מסתמא האָט זיך איר טאַטע אַריינגעמישט.

הערש בער: זאָג, פון וואַנען ווייסטו?

ציגנע: איך ווייס שוין.

הערש בער: וואָס רעדסטו היינט עפּעס אַזוי? האָסט עפּעס אָפּגעמאַכט מיט סטערען? זאָג. — וועסט מיר קריכן אין וועג אַריין, זאָג איך דיר, אַז ס'וועט דיר מער נישט פעלן.

ציגנע: שטיק נאַר; וואָס דו רעדסט. ביסט דאָך מיין ברודער — בין איך דיר אַ שונא?

הערש בער: איך ווייס, אַז דו ביסט מיר נישט קיין שונא. דעריבער פרעג איך דאָך — פאַרוואָס זי בלאָזט זיך? איך זאָג איר, אַז מע וועט אָפּקאָשען די היי וועלן מיר פאָרן אין שטאָט אַריין און וועל איר אָננעמען אויף אַ קלייד — האָט זי אויסגעגלאָצט אויף מיר אַזאַ פּאָר אויגן, פונקט ווי זי וואָלט מיך גאָר נישט קענען. און דו זאָגסט, אַז דו האָסט גערעדט מיט איר.

ציגנע: כ'האָב געוואָלט, אַז דיר זאָל טאָן הנאה.

הערש בער: איז נישט. זי מיינט, אַז כ'וועל איר טאָקע נאָכ־לויפן. פעלן גאָר מיידן אויפן דאָרף.

ציגנע: אָבער אַזאַ בריה ווי סטערע...

הערש בער: עך מיר אַ בריה!

ציגנע: האָסט געזען ווי זי וואַשט גרעט? אַז זי פּראַטשעט די גרעט ביים טייך הערט מען אַזש ביי אונדז. באשר איצטער שעמט זי זיך, אָבער, אַז זי וועט זיין דיין ווייב, וועט זי דיר קריכן אונטער די נעגל. איז אפשר נאָך אַמאָל אַזוי שטאַרק ווי איך. האָסט געזען אירע הענט? זיינען אפשר נאָך אַמאָל אַזוי גראָב ווי מיינע.

הערש בער: אויב דו ביסט אַזאַ גוטע שוועסטער, טאָ רעד מיט איר.

ציגנע: איך זאָל מיט איר רעדן? שעמען זאָלסטו זיך. וואָס ליגסטו דאָ אין שטוב אָפּ יעדן אָוונט? קענסט נישט אָפּעסן קיין וועט־שערע און גיין אַהין? וואָס באַדאַרף זי זיצן אַליין און אויסקוקן די אויגן נישט געשטויגן און נישט געפלויגן?

הערש בער: זע, פון וואַנען ווייסטו עס אַלץ?

צינע: פון וואַנען איך וויס? איך פאַרשטיי!

הערש בער: ביסט אַ פיינע חברהטע. איך וועל איר דערציילן וואָס דו האָסט מיר געהייסן טאָן.

צינע: באַדאַרפסט זיך שעמען איר אַזוינס צו דערציילן. זי באַדאַרף וויסן, אַז איך האָב דיר געהייסן גיין צו איר?

הערש בער: זי איז אַ מויד אַ פייער; איך וויס עס.

צינע: רעד אָפּ מיט איר, אַז זי זאָל אַרויסקומען היינט ביינאַכט אין אונדזערע היי.

הערש בער: דו וועסט אויך אַרויסקומען?

צינע: נאָך וואָס באַדאַרפסטו מיך?

הערש בער: זי וועט נישט וועלן אַרויסקומען, אַז דו ס׳נישט זיין.

צינע: זאָלסטו איר זאָגן, אַז איך וועל אויך זיין.

הערש בער: אָבער דו וועסט קומען?

צינע: איך וועל אפשר נישט קומען. דו וועסט מיט איר אַלץ אָפּרעדן. מע קען ווינטער פראַווען אַ חתונה.

הערש בער: אויף מיינע נאמנות, דו ביסט אַ כוואַט. אָבי כ׳האָב געמיינט, אַז דו קריכסט מיר אין וועג אַריין. דערפאַר, אַז כ׳וועל פאָרן אויפן יריד ברענג איך דיר פּאַטשערקעס.

צינע: ברענג בעסער פאַר איר.

הערש בער: פאַר איר האָב איך צייט. וואָס האָב איך צו ברענגען גלאַט אַזוי? כ׳וועל ברענגען, אַז מע וועט באַדאַרפן.

צינע: זאָג איר, זי זאָל נישט פאָלגן איר טאַטן, טאָמער מישט ער זיך אַריין.

הערש בער: כאַ־כאַ, דו לערנסט מיר טאַקע שיינע זאַכן.

צינע: טאַ זאָלסט איר זאָגן זי זאָל אַרויסקומען אין אונדזערע היי... שאַ אָט איז זי!

סטערע (קומט אַריין): אַ גאָט העלף; מיין טאַטע איז דאָ נישטאָ?

צינע: געווען און אַוועקגעגאַנגען.

סטערע: שוין לאַנג?

ציננע: באַדאַרפסט אים טאַקע אַזוי נייטיק האָבן?

סטערע: כ׳האָב געזען, ווי אברהם יעקב גייט אום מיטן רבין אויפן לאַנקע.

ציננע: ער געפעלט דיר?

סטערע: כ׳האָב אויף אים נישט געקוקט.

ציננע: שווער זיך.

הערש בער: אַ־אַ, ווי זי איז רויט געוואָרן! (ער כאַפּט זי אַרום, זי רייסט זיך אַרויס פון אים.)

ציננע: לאָז מיר נאַר, איך וועל זי כאַפּן.

סטערע (לאָזט זיך נישט): פאַר וואָס ווילסטו מיר כאַפּן?

ציננע: קום אַהער, הערש בער, לאָז איר זיך נישט אַרויסרייסן!

סטערע: וועלן מיר שוין טאַקע זען. (רייסט זיך אַרויס מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער, לויפט אַרויס פון שטוב.)

ציננע: ביסט אַ לעקיש. גיי אַרויס, זאָג איר, אַז זי זאָל אַרויס־קומען אין די היי.

הערש בער: איך באַדאַרף זי נישט. זי איז אַ שלעכטס. איך זאָג דיר אַז זי איז אַ שלעכטס. גיב מיר בעסער עסן, ט׳גלייכער זיין.

דוד נח, רחל (קומען אַריין.)

ציננע: שוין פאַרטיק אַנבייסן.

דוד נח: ער איז דאָך טאַקע גאָר קיין נאַר נישט.

ציננע: וועמען מיינסטו, טאַטע?

רחל: ער מיינט אלקנהן.

ציננע: וואָס איי, מאַמע? כ׳בעט דיר.

רחל: איי טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. וואָס האָט דאָ געטאָן די מיידל?

ציננע: זי איז געקומען פרעגן אויף איר טאַטן.

דוד נח: האָסט איר געקענט זאָגן, אַז ער איז שוין אַוועק אַהיים. אַזאַ זאַך... זעסטו, דאָס איז שוין אַן עוולה. כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז מיר אַ גוטער פריינט.

רחל: ער האָט מער שכל פון דיר.

ציניע: וואָס איז עס, מאַמע? פון וואָס רעדט איר?

רחל: ט׳זיין רעכט, אַז דו וועסט עס נישט וויסן.

דוד נח: וועסט פאַר אים מאַכן היינט אַן אַנדער געלעגער. שטאָפּ אַן דעם זאַק מיט פרישע היי. זאָל ער האָבן אַ ווייכערן גע־לעגער.

ציניע: אפשר גאָר מיין בעט זאָל ער נעמען?

דוד נח: דאָס וואָלט אפשר געווען נישט קרום. וועסט נאָר אַריינלייגן פרישע היי.

ציניע: וואו ל׳איך שלאָפן? איכ׳ל אפשר גיין צוריק שלאָפן מיט דער מאַמען.

הערש בער: זע נאָר, ס׳אַרא וואָרע זיי מאַכן פאַר אים.

דוד נח: האָסט אַ פויערשע קאָפּ און ווייסט אַפילו נישט וואָס פאַר אַ זכיה מיר האָבן.

הערש בער: וואָס קאָכסטו דאָרט?

ציניע: רעטשענע קאַשע מיט מילך.

דוד נח: זע, רחל, צי ס׳איז גענוג מילך אין טעפל.

ציניע: גענוג, גענוג, כ׳ווייס שוין אַליין.

רחל: האָסט אָנגעטאָן שיך? גוט האָסטו געטאָן, מיין קינד.

ציניע: איך וועל דערלאַנגען צום טיש.

לוי יצחק און אברהם יעקב (קומען אַריין.)

רחל: מע קען זיך שוין גיין וואַשן. (גרייט צום טיש. דערלאַנגט שוואַרץ און ווייס ברויט.)

אברהם יעקב: דער רבי זאָגט, אַז אים געפעלט ביי אונדז.

רחל: געלויבט איז דער אייבערשטער.

לוי יצחק: אַז מען וויל אַזוי שטאַרק, נו, וועל איך שוין בלייבן ביז איבער יום־טובים.

דוד נח: ס׳וועט דיר נישט באַנג טאָן. (דער עולם וואַשט זיך, גייט צום טיש, מאַכט אַ מוציא און קייט דעם ברויט.)

רחל (גיסט אָן פאַר יעדן אַ פאַליוועון שיסעלע קרופניק.)

ציניע (דערלאַנגט מיט אַ באַזונדערער כוונה.)

הערש בער: מע האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש פּונקט ווי שבת.

רחל: געלויבט איז דער אייבערשטער.

(זי גיסט אָן אַ שיסעלע פאַר לוי יצחקן. ווען צינע איז שוין מיט דעם אין העלפט וועג, רופט זי איר צוריק מיט אַ וואונק און גיסט אַריין אין שיסל נאָך אַביסל מילך.)

צינע (האַלטנדיק די שיסעלע אַזוי, בייגט זי זיך צו דער מוטער און גיט איר אַ קוש. גייט פאַרזיכטיק, מיט יראת־הכבוד צום טיש.)

דריטער אַקט

ביי דוד נחן פאַרן שטוב. סוף זומער. פאַרנאַכט. פון שטוב דערטראָגט זיך לוי־יצחקס שטימע ; ער לערנט.

צינע (זיצט פאַרן שוועל און שלאָגט פּוטער. בלייבט אַלע ווײַלע שטיל און הערט זיך איין צום געזאַנג וואָס ציט פון שטוב. זי דערמאָנט זיך אין עפּעס און לויפט אין גאָרטן אַרײַן.)

לוי יצחק (קומט אַרויס. באַטראַכט די פּוטער־קאַלטושקע ; פּרוּווט אַ ציִ טאָן דעם שטעקן ; זעט ווי אַרום שטעקן זיינען שטיקלעך פּוטער אָנגעקלעבט. ס׳דערהערט זיך פון גאָרטן צינעס אומרויקער אויס־געשריי און אַ געראַוויש צווישן די צווייגן פון אַ בוים. ער בלייבט אַ רגע דערשראָקן ; מאַכט עטלעכע טריט צום גאָרטן, קלעטערט שנעל אַריבער אַהין און באַלד איילט ער צוריק אין שטוב אַיין.)

צינע (באַווײַזט זיך אַ בלאַסע און האַלט זיך ביים זייט. זי קלע־טערט אַריבער דעם צאַם און דערנענטערט זיך צו איר פריערדיקן פּלאַץ ביים שוועל. באַטראַכט אַ בלוט־צייכן אויפן אָרעם.)

לוי יצחק (קומט אַרויס, טראָגט אַ קוואָרט וואַסער) **: כ׳טראָג דיר אַ טרונק וואַסער. האָסט זיך צעשלאָגן ?**

צינע (נעמט פון זיין האַנט און טרינקט.)

לוי יצחק : איך האָב זיך דערשראָקן צוליב דיר.

צינע : איך בין אַראָפּגעפאַלן פון שפּיץ בוים.

לוי יצחק : באַדאַרפט בענטשן גומל.

צינע : איך האָב זיך דערשראָקן און אַראָפּגעפאַלן.

לוי יצחק : אַט איז בלוט אויפן האַנט.

צינע: עס קלאַפּט מיר אַזוי דאָס האַרץ.

לוי יצחק: נאָכסאַל באַדאַרף מען קלעטערן אויף אַ בוים.

צינע: כ׳האָב געהערט ווי איר לערנט בין איך געגאַנגען אייך אַנרייסן עפּל.

לוי יצחק: פאַר וועמעס וועגן?

צינע: פאַר אייערט וועגן. מיינט איר, כ׳האָב נישט אָנגעריסן? (באַקומט פון איר שירץ צוויי רויטע עפּל.) איר זעט, ווי שמחת־תורה־עפּל. צוליב אייך בין איך אַראָפּגעפאַלן פון בוים; כ׳האָב געקענט געהרגעט ווערן.

לוי יצחק: זאָל גאָט אויסהיטן.

צינע: וואָס אַרט אייך, אַז כ׳וואָלט געהרגעט געוואָרן?

לוי יצחק: כ׳האָב דאָך אַ יידיש האַרץ.

צינע: נאָט אייך די צוויי עפּל.

לוי יצחק: פאַר ראש השנה אַ ברכה מאַכן — נישט רעכט.

צינע: און אַז מע וויל אַן עפּל און מען קען זיך נישט איינ־האַלטן?

לוי יצחק: מע באַדאַרף קענען גובר זיין דעם יצר הרע.

צינע: די עפּל וואַקסן זומער; קען מען זיך דען אַזוי לאַנג איינהאַלטן? איך עס אויף אַלע טאָג אפשר צען עפּל, און גאָר נישט. כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט אַז מע טאָר נישט.

לוי יצחק: אָט זאָג איך, אַז מען טאָר נישט.

צינע: ווער איז ער דער יצר־הרע?

לוי יצחק: ער זיצט אין מענטשן. אָט האָט ער דיך געשיקט אויפן הויכן בוים רייסן עפּל און טאַקע באַלד באַשטראָפט געוואָרן.

צינע: איי, איר ווייסט נישט פאַר וואָס כ׳בין אַראָפּגעפאַלן פון בוים.

לוי יצחק: פאַר וואָס ווייס איך עס עפּעס נישט?

צינע: איר ווייסט נישט. איר ווייסט שוין טאַקע גאָר נישט. ווען איר ווייסט ווי איך בין געוואָרן גאָר אַן אַנדער צינע... נו, פאַר־וואָס בין איך אַראָפּגעפאַלן פון בוים?

לוי יצחק: אַוודאי נישט אין מישנע. אין מישנע צעבלוטיקט מען זיך נישט קיין האַנט.

צינע: כ'וויל אייך עפּעס ווייזן. (לויפט אין שטוב אַריין.)

לוי יצחק (באַטראַכט די צוויי עפּל וואָס זיינען געבליבן לעבן אים אויף דר'ערד. שמעקט זיי.)

צינע (קומט אַרויס. ברענגט אַ ברעטל, אויף דעם איז אָנגעשריבן מיט קרייד־אותיות.)

לוי יצחק: וואָס איז עס?

צינע: לייענט איבער וואָס דאָ איז אָנגעשריבן.

לוי יצחק: ס'איז דאָך נישט אברהם יעקבס כּתב.

צינע: מיינער...

לוי יצחק (קוקט פאַרוואונדערט צו די אותיות. לייענט): „צינע בת ר' נח"...

צינע: נו, ווער האָט עס געשריבן?

לוי יצחק: נישט אברהם יעקב.

צינע: מעקט עס אָפּ.

לוי יצחק: נאָכסאָל זאָל איך עס טאָן? נישט גוט אַ נאָמען אָפּ־צומעקן.

צינע: איך בעט אייך מעקט עס אָפּ; ווישט אָפּ, אָט אַזוי...

לוי יצחק: כּע־כּע, מאַכט זיך קינדיש. נו, אָט האָב איך שוין אָפּגעמעקט.

צינע: איצטער פאַרמאַכט די אויגן.

לוי יצחק (טוט עס.)

צינע (באַקומט פון קעשענע אַ שטיקל קרייד און שרייבט.)

לוי יצחק: שוין?

צינע: נאָך איין ביסעלע האַלטס פאַרמאַכט. אָט שוין. נו, וואָס איז געשריבן?

לוי יצחק: מיין נאָמען... לוי יצחק... ווער האָט עס גע־שריבן?

צינע: איך.

לוי יצחק: ס'קען נישט זיין געמאָלט.

צינע: ס'האָט שוין יאָ געקענט זיין געמאָלט.

לוי יצחק: איך וועל עס אָפּמעקן און שרייבּ עס נאָך אַמאָל.

צינע: טאָ פאַרמאַכט ווידער די אויגן.

לוי יצחק (פאַרמאַכט די אויגן.)

צינע (שרייבּט ווידער מיט גרויסע אותיות אויף זיין נאָמען, און ווען ער האַלט אַזוי פאַרמאַכט די אויגן, פאַרגנבעט זי זיך שטיל צו אים און גיט אים אַ קוש. אַנטלויפט אין שטוב אַריין.)

לוי יצחק (איבּערראַשט פון דעם, וואָס ס'איז געשען. ער וויל אַריינ־גיין אין שטוב, נאָר, ווען ביים שוועל כאַפּט ער זיך, אַז ער באַדאַרף אין שטוב אַריין נישט גיין. ער נעמט דאָס ברעטל, ווישט אָפּ זיין נאָמען און שליידערט עס אַוועק. בּלייבּט זיצן אויף דעם אייגענעם בּענקל וואו זי איז פריער געזעסן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, פאַרטראַכט.)

אלקנה (קומט אָן): **גאָט העלף, רבי; גאָר אַליין?**

לוי יצחק (קוקט אים אָן צעשטרייט.)

אלקנה: וואָס איז דאָס? פאַרשפאַרט אין דער היים, זאָלסט פוטער שלאָגן — אַ שיינער תּכלית.

לוי יצחק (קוקט אים אָן נישט פאַרשטייענדיק.)

אלקנה: דאָס שלאָגסטו די פוטער?

לוי יצחק: איך מעג אויך שלאָגן פוטער, מה רעש?

אלקנה: איך בין געקומען דיר פרעגן אַ שאלה.

לוי יצחק: איך טאָר נישט פּסקענען קיין שאלות.

אלקנה: וואָס איז די נפקא מינה? אָבי מע ווייסט. אַזאַ שאלה קענסטו מיר אויך פּסקענען.

לוי יצחק: למשל?

אלקנה: וואָס טוט מען אַז אַ טאָכטער פאָלגט נישט אַ טאַטן?

לוי יצחק: האַ?

אלקנה: די עלטערע האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ — כאַטש שריי: חי וקים.

לוי יצחק: אפשר איז זי גערעכט.

אלקנה: וואָס הייסט — אַ קינד גערעכט, ווען דער טאַטע זאָגט — נישט?

לוי יצחק: עס טרעפט אַמאָל, אַז אַן עלטערער איז אויך אומ־געדעכט.

אלקנה: אָבער אַנטקעגן אַ טאַטן, אַז מע האָט אַ העזה? אָט דאָס פרעג איך.

לוי יצחק: אַמאָל באַדאַרפן טאַטע־מאַמע אויסהערן וואָס אַן עלטער קינד רעדט.

אלקנה: ניין, דאָס בין איך נישט מסכּים. אין דער תּורה שטייט געשריבן, אַז מען באַדאַרף האַלטן ערלעך טאַטע־מאַמע — אמת, שטייט אַזוי געשריבן?

לוי יצחק: ווער ווייסט עס דען נישט?

אלקנה: דעריבער זאָג איך דאָך, אַז אַ מויד באַדאַרף פאָלגן דעם טאַטן. וואָס, דוד נח איז נישטאָ?

לוי יצחק: נישטאָ.

אלקנה: כ'האָב פיינט אַן עם־הארץ; וואָס האָב איך מיר דאָ צו נאַרן? כאָטש איך בין אַליין נישט געלערנט, פונדעסטוועגן ווייס איך, וואָס הייסט אַ מענטש און וואָס הייסט — אַ דבר־אחר.

לוי יצחק: מען טאָר אַזוי אויף אַ יידן נישט רעדן.

אלקנה: וואָס איז דאָ פאַראַן צו שעמען זיך? דוד נח איז אַ גאָר־נישט און זיין זון איז אַ גאָרנישט.

לוי יצחק: פיינע יידן; איך האָב צו זיי גאָר נישט.

אלקנה: איך רעד עס טאַקע מכּח דיר; האַלטן דיך נישט מיט געבוג כּבוד. נישט אַזוי האַלט מען אַ פרעמדן מענטשן.

לוי יצחק: זיי טוען מיר נישט אַן חלילה קיין אומכּבוד.

אלקנה: דאָס יינגל איז טאַקע נישט אין אים געראָטן; אברהם יעקבן מיין איך. אָבער ער אַליין איז אַ גאָרנישט. האָט די טאָכטער צעלאָזן. ביי מיר וואָלט זי נישט אומגעגאַנגען אַזוי פאַרשייט.

לוי יצחק: דאָס איז מיר נישט נוגע צו וויסן; ס'הייסט לשון־הרע.

אלקנה: ביסט טאַקע אַ למדן, אַ פרומער, אָבער זעסט נישט וואָס זיי טוען מיט דיר.

לוי יצחק: וואָס זאָל איך דען זען? יידן. אַלע יידן גלייך.

אלקנה: טאָ וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין טאָכטער האָט זיך איינגעקלאַפּט אין זיין זון דעם בורילע? כ׳האָב זי געשלאָגן, ענטפערט זי אַנטקעגן, דאָס בין איך געקומען איבערשמועסן.

לוי יצחק: ער איז אַן ערלעכער בחור. וועט זיין אַ פרומער ייד.

אלקנה: כאַ־כאַ, איך האָב טאַקע געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין ביי מיר אין שטוב. מע וואָלט דיך ביי מיר בעסער צוגעזען. אפשר וואָלטן זיך די קינדער עפּעס אָפּגעלערנט. נו, זיינען זיי דיר פאַרלאָפן דעם וועג. אַלץ אַ מזל־זאַך.

לוי יצחק: איר זענט אין כּעס, ר׳ אלקנה, און איר רעדט לשון־הרע. איר זענט אַ שיינער ייד. דוד נח איז אייך נישט קיין שונא, און די קינדער לעבן בשלום — טאָ פאַר וואָס טוט איר אַזאַ זאַך?

אלקנה: ביסט אפשר גערעכט. אַ ייד באַדאַרף אַזוי נישט זיין. וואָס זאָל איך מאַכן? סע ברענט אין האַרצן. און טאַקע ווייל כ׳בין אַ ייד אַז עם־הארץ. די זין — וועט שוין קיין לייט פון זיי נישט זיין; טאָ פאַר וואָס זאָל איך עפּעס נישט קריגן פאַר דער טאָכטער אַזוי איינעם פון דער פרעמדע, וואָס זאָל באַשיינען אַ שטוב? עס מאַכט זיך אַ יום־טוב; סע מאַכט זיך אַ שבת; און טאַקע, אַז מע קומט אין שטאָט אַריין אויף ימים נוראים; וואָס אי׳ דאָ שייך? איך וואָלט מיר ביז דער לעצטער העמד געלאָזט קאָסטן.

לוי יצחק: אין וואָס געווענדט זיך דען? מע פאָרט אין שטאָט אַריין, מען פרעגט זיך נאָך. אין שטאָט פאַראַנען שיינע יונגעלייט.

אלקנה: ווער ווייסט דעם וועג?... ווער קען עס באַווייזן? ועמען איז עס גאָר אין קאָפּ געלעגן? דאָ ערשט האָבן זיך מיר די אויגן געעפנט.

לוי יצחק: האַ?...

אלקנה: פאַרשטייסט נישט וואָס כ׳מיין? איך זאָג, דו זאָלסט ווערן מיין איידעם. מיין סטערע, די עלטערע: מיט אַ כשר האַרץ. כ׳האָב זי היינט געוואָלט שלאָגן, נאָר ס׳האָט מיר פאַרדראָסן, ס׳אי׳ אַפילו נישט מיין געדאַנק — ס׳אי׳ מיין יידענע. זי האָט מיך אַהער אַריבערגעשיקט. וואָס האָב איך צו לייקענען, כאַ־כאַ, ווען דו זאָגסט מיר וואו דיינע טאַטע־מאַמע וואוינען, וואָלט איך געוועזן אַ בעלן שפּאַנען אַ פערד און זיך אַריבערכאַפּן צו זיי... קענסט מיר אפשר זאָגן אַוואו זיי וואוינען?

לוי יצחק: זענען שוין אויפן עולם האמת.

אלקנה: וואָס איך הער!

לוי יצחק: אויפן עולם האמת; שוין לאַנג.

אלקנה: אַ קיילעכדיקער יתום, עפּעס אַ קלייניקייט! און ס'וועט זיין אַן עוולה אַז כ'וועל דיר איינלאָזן.

דוד נח (קומט אַן): אַ גאָט העלף, אלקנה, וואָס טוט מען עפּעס איצטער דאָ?

אלקנה: אַט אַזוי, מע שמועסט.

דוד נח: ווער שלאָגט עס פּוטער? מיין יידענע אין דער היים, זע איך.

אלקנה: כ'האָב געמיינט, אַז מע האָט ביי דיר מכבד געווען דעם רבין, שלאָגן פּוטער.

דוד נח: כע־כע, מיין יידענע ווייסט נאָך, ווי אַזוי אַ מענטשן בכּבוד צו האַלטן.

לוי יצחק (גייט אַוועק הינטערן שטוב.)

דוד נח: איז גאָר קיינער נישטאָ אין שטוב? כ'בין אַ בעלן צו זען.

(ער קוקט אין פענצטער.)

אלקנה: דאַכט זיך, די מיידל איז אין שטוב.

דוד נח: קום אַריין אין שטוב; וואָס ס'דו שטיין דרויסן?

אלקנה: כ'קלייב מיר שוין אַוועקצוגיין.

דוד נח: וואוהין ביסטו דען געגאַנגען?

אלקנה: טאַקע אַהער. כ'האָב געוואָלט מיטן מלמד זיך דורכ־רעדן.

דוד נח: וואָרעם וואָס, די קינדער פּאַלגן אים טאַקע נישט?

אלקנה: געטראַכט רעדן מכּוח עפּעס אַנדערש, הערסט, ער איז דאָך אַ קיילעכדיקער יתום. נו, זאָג — באַדאַרף מען גאָר האָבן טאַטע־מאַמע?

דוד נח: אין שטאָט קען מען אַלצדינג דערוויסן.

אלקנה: ער קען מיינען, אַז כ'האָב גערעדט אויף דיר לשון־הרע...

דוד נח: וואָס האָט ער עפּעס צו מיינען?

אלקנה: וואו איז ער אַוועקגעגאַנגען? ער איז אַ גרויסער נאַר. כ'האָב דאָ גערעדט מיט אים און ער האָט מסתמא נישט פאַרשטאַנען.

רחל (קומט אָן): אַ גאַסט. שוין באַלד אַ וואָך צייט נישט געזען. וואָס מאַכט עפּעס גיטל?

אלקנה (קרעכצט צוביסלעך.)

רחל: טוט איר נאָך אַלץ וויי אין אַ זייט? באַדאַרפט פּרעגן ביי עמיצן אין דאָרף. האָרעוועט איבער די כוחות.

גיטל (קומט אָן.)

רחל: אָט אַ גאַסט. מיר רעדן דאָ איצטער פון אייך.

גיטל: ווי זאָגט מיין מאַמע: אַז גאָט איז אין הימל, זאָל איך מיר לייגן אין דר'ערד אַריין? כ'האָב עס געהאַט אַ שוואַרץ יאָר פון מיין טאָכטער...

רחל: וואָס איז דען חלילה?

גיטל: וואָס אי' דען...

אלקנה: אַ שאָד וואָס איך בין אַוועק פון שטוב; זי וואָלט שוין פון מיר גוט געכאַפּט.

רחל: אַזאַ יאָר מיר וואָס פאַר אַ קינד עס איז.

גיטל: איך ווייס, אַז זי געפעלט אייך.

רחל: אַוודאי געפעלט זי מיר. וואָס וואָלט מיר געפעלט ביי גאָט ווען איך האָב צו ציינען כאָטש נאָך אַ דריי טעכטער ווי סטערע...

גיטל: דו הערסט, אלקנה?

דוד נח: אַ בריה אַ מיידל; וואָס קען מען דען האָבן צו איר? מיט אַ יאָר יינגער פון ציינען און, קיין עין־הרע, באַכאַמאַל אַזוי גרויס ווי זי.

גיטל (צו אלקנהן): וואָס האָסטו מורא צו זאָגן? כ'ווייס נישט פאַרוואָס דו האָסט דאָ מורא צו האָבן. איך האָב איבערגעלאָזן די שטוב און געקומען אַהער, וואָרעם איך וויל עס נישט אַוועקלאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין.

רחל: איך פאַרשטיי דאָ גאָר נישט, גיטל, וואָס איר רעדט.

גיטל: כ'וויל, אַז הערש בער זאָל זיך פון איר אָפּטשעפּען.

דוד נח: וואָס טשעפּען זיך?... וואָס האָסטו צו אים, צו הערש בערן מיין איך?

אלקנה: כ'האָב צו אים גאָר נישט. ער איז דיר דיינער אַ זון. דיר געפעלט ער און מיר — נישט.

רחל: און מיר אַרט נישט, אַז ער געפעלט אייך נישט. געזען אַמאָל?

גיטל: טאָ זאָל ער אָבער סטערען נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ.

דוד נח: וואָס, אלקנה, סע שטייט דיר נישט אָן צו זיין מיין מחותן?

אלקנה: מיר שטייט נישט אָן, אַז דיין זון זאָל זיין מיין איי־דעם.

דוד נח: טאָ וואָס ביסטו געקומען מיר עס צו זאָגן? איך ווייס פון גאָר נישט. קענסט הערש בערן צו זיך אין שטוב נישט אַריינלאָזן. ס'איי דיר דיינע אַ זאַך.

רחל: איך זע נאָך נישט, אַז ער זאָל איר אַזוי נאָכלויפן. איך ווייס נישט וואָס איר האָט צו מיין קינד.

אלקנה: איך וועל רעדן קלאָרע דבורים.

גיטל: וואָס האָסטו זיך צו שעמען?

אלקנה: איך וויל דעם פרעמדן יונגן מאַן, דעם מלמד פון די קינדער. פאַרשטייסט, ער פּאַסט פאַר סטערען.

גיטל: און איר האָט אים אַריינגעכאַפּט צו זיך אין שטוב.

אלקנה: דיין טאָכטער מאַכט אים קאַליע.

דוד נח: וואָס מיינסטו?

אלקנה: כ'האָב אים געטראָפן זיצן דרויסן.

רחל: וואָס דרויסן? ווען דרויסן?... וואָס מיר האָט זיך גע־חלומט די נאַכט און יענע נאַכט... וואָס ווילט איר דאָ? וואָס זענט איר געקומען רעדן רשעות אויף מיינע קינדער?

דוד נח: שאַ, שריי נישט. מען קען דאָך מיט גוטן, ווי מענטשן, זיך דורכרעדן, איך פאַרשטיי דאָך נישט די גאַנצע מעשׂה דאָ. ער רעדט דאָך פון הערש בערן גאָר — נישט פון דער מיידל. וואָס קען ער גאָר האָבן צו דער מיידל?

רחל: הערסט דאָך וואָס מע רעדט צו דיר... איך בין זי אַ בעלן צו פרעגן... צינעלע? קום נאָר אַרויס אויף אַ מינוט!

צינע (קומט אַרויס; אַביסל צעטומלט.)

אלקנה: איי, וואָס דרייט איר אַ קאָפּ? גיי אין שטוב אַריין, צינע. ס׳וועט דיר נישט שאַטן, אַז כ׳האָב עפּעס חלילה אויסגערעדט אויף דיר. די מאַמע וויל עס נישט ליידן.

צינע: וואָס באַדאַרף מען מיר?

רחל: וואו ביסטו געווען, ווען אלקנה איז געקומען?

צינע: אין שטוב.

רחל: איך האָב עס אויף אייך נישט געגלייבט, אלקנה.

גיטל: איז נישט; בין איך בדלות.

דוד נח: אָבער וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו קריגן? איך זאָג, אַז מע באַדאַרף פרעגן די קינדער.

אלקנה: איך האָב נישט וואָס צו פרעגן ביי קיינעם. מיין טאָכטער וועט טאָן דאָס וואָס איך וועל הייסן.

דוד נח: זאָל זיין אַזוי.

רחל: גיי, מיין קינד, אין שטוב אַריין.

צינע: וואָס האָט איר מיך באַדאַרפט?

גיטל: זאָג מיר נאָר, צינע, וואָס רעדט מיט דיר סטערע?

צינע: זי רעדט מיט מיר — אַלץ רעדט זי מיט מיר. כ׳קען אַנגעדענקען וואָס?

אלקנה: הערסט, מיין ווייב, ווי קלוג ס׳איז ביי לייטן, אָט וועט עס פירט אַראָפּ דער קליינער מיינער פון וועג. זי וועט שוין ביי מיר וויסן ווי אַזוי צו גיין אַהער! איך גיי אַהיים און וועל צו איר אויס־לאָזן אַלע בייזע חלומות.

(לאָזט זיך גיין.)

דוד נח: אַן עוולה, אלקנה. כ׳האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ בעסערן טאַטן. וואוהין איז ער אַנקלאָפּן?

צינע: גייט בעסער אַהיים, גיטל; זעט ער זאָל זי נישט טשעפּען, וואָרעם זי איז גאָרנישט שולדיק.

גיטל: איך וויל דיר, צינעלע, גאָר נישט זאָגן, באשר די מאַמע שטייט דערביי... ווייטער...

רחל: גייט זיך געזונטערהייט פון דאַנען. כ'האָב נישט געשיקט נאָך אייך. כ'האָב געמיינט טאַקע, אַז איר זענט מיר גוטע־פריינד. קום אין שטוב אַריין, דוד נח. כ'האָב נישט וואָס צו רעדן מיט איר.

(גייען ביידע אין שטוב אַריין.)

גיטל: הער זיך איין, צינע, דייך מאַמע מיינט, אַז איך ווינטש איר שלעכטס; איך בין דיר נישט קיין שונא. איך וויל דיר זאָגן, די מאַמע זאָל נישט הערן, אַז איך ווייס אַלץ וואָס דו האָסט גערעדט מיט סטערען.

צינע: כ'האָב נישט קיין מורא. כ'האָב נישט גערעדט אַזעלכע זאַכן, וואָס כ'זאָל מיר באַדאַרפן שרעקן.

גיטל: אָט גייט טאַקע הערש בער; כ'וויל מיט אים רעדן פּראָסטע דיבורים.

הערש בער (קומט אָן): וואָס עפּעס אלקנה ברוגז? כ'האָב אים גערופן האָט ער זיך נישט אומגעקוקט.

גיטל: ער ווייס פאַר וואָס ער איז ברוגז.

הערש בער: און וואָס בלאָזט איר זיך אויף מיר? איך האָב קיין שטיינער אין גאָרטן נישט געוואָרפן.

גיטל: דו וואַרפסט שוין יאָ שטיינער, זאָל איך מיר דיר זאָגן.

הערש בער: וואָס דרייט איר אַ קאָפּ? פרעג איך אייך; איר האָט אַ בעסערן חתן פאַר סטערען? וואָס האָט איר אָנגעהויבן קריכן אין וועג אַריין? וואָס ווילט איר, איך זאָל אייך צוצאָלן פאַר סטערען? איך באַדאַרף אפשר פאָרן אויף אַ יריד, אַז איך האָב ליב סטערען און סטערע האָט מיך ליב... וואָס מישט איר זיך, פרעג איך אייך?

גיטל: אַזוי גאָר; אַזוי ווייט האַלט עס שוין?

צינע: יאָ, אַוודאי.

גיטל: קוקט זיי נאָר אָן; וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש אויף מיר, בעט איך אייך?

הערש בער: איר ווילט נישט — איז נישט. איז ווי איר ווילט

זיך, און זאָגט אלקנהן, אַז טאַמער הייבט ער אויף אַ האַנט אויף איר וועל איך אים ווייזן ווי אַזוי אַ טאַטע צו זיין.

גיטל: הערט נאַר, הערט נאַר, כ'בעט אייך.

הערש בער: טאָ הערט נישט, אויב איר ווילט נישט. קום אין שטוב אַריין, צינע.

(גייט אַריין אין שטוב.)

גיטל: איך גלייב דאָך מיינע אויערן נישט. איך גיי עס דער־ציילן אלקנהן...

(גייט אַוועק.)

אברהם יעקב (קומט אָן.)

צינע: גוט, אברהם יעקבל, וואָס דו גייסט. כ'האָב שוין די אויגן אויסגעקוקט נאָך דיר. אָט נאָ דיר אַ קוש און זאָג נישט דעם רבין, אַז דו האָסט מיר אויסגעלערנט אָנצושרייבן זיין נאָמען און מיין נאָמען.

אברהם יעקב: האַ, וואָס זאָגסטו?

צינע: איך בעט דיר, אָט, נאָ דיר נאָך אַ קוש, גוט? אָט גייט ער, זאָג אים גאָרנישט.

(לויפט אַריין אין שטוב.)

לוי יצחק (קומט אָן): וואו ביסטו געווען, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: כ'בין געגאַנגען זען צו דער פערד איז נישט פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ בלאָטע.

לוי יצחק: פאַר וואָס האָט זיך די שוועסטער אויסגעלערנט אָנצו־שרייבן מיין נאָמען?

אברהם יעקב: כי־כי — זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז מקנא וואָס אך לערן ביי אייך. זי וויל אויך לערנען, זאָגט זי.

לוי יצחק: האָסטו, הייסט עס, איר אויסגעלערנט.

אברהם יעקב: כ'האָב נישט געטאָרט? זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל איר לערנען דאַווענען — האָב איך מורא. אפשר טאָר מען נישט.

לוי יצחק: דאַווענען מעגן ווייבער לערנען. ווייבער באַדאַרפן אויך קענען דאַווענען.

אברהם יעקב: כ'וועל איר גיין זאָגן.

לוי יצחק: וואַרט נאָר אַביסל.

אברהם יעקב: זי וועט זיך זייער פרייען.

(לויפט אין שטוב אַריין.)

הערש בער (קומט אַרויס): גוט, וואָס איר זענט דאָ, רבי; איך וויל אייך עפּעס פרעגן. האָט נישט קיין פּאַראיבל.

לוי יצחק: פאַרוואָס נישט?

הערש בער: איך קענט דאָך עפּעס די תורה, זאָגט מיר ווי איז דער דין, אַז איך האָב מיר אויסגעקליבן אַ ווייב און אירע טאַטע־מאַמע האָבן זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ און ווילן נישט?

לוי יצחק: וואָס הייסט זיי ווילן נישט — ס'מוז דאָך זיין פאַר וואָס?

הערש בער: ווילן נישט — און שוין. גייט מאַכט מיט זיי.

לוי יצחק: באַדאַרף מען מאַכן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן,

הערש בער: זיי האָט פאַרדרייט דער קאָלטן אין קאָפּ און — גיי מאַך מיט זיי.

לוי יצחק: יידן קענען זיך דורכשמועסן. מסתמא איז דאָך פאַראַן אַ שׂכל דערביי.

הערש בער: וואָס פאַר אַ שׂכל? קיין שום שׂכל נישטאָ. איר טאַטע איז אַן עקשן און די מאַמע אַ בהמה און גאָר.. נישטאָ קיין שום שׂכל. האָבן זיך איינגעעקשנט.

לוי יצחק: מע באַדאַרף מיט זיי רעדן מיט גוטן. געבן זיי צו פאַרשטיין.

הערש בער: דאָס זענט איר אפשר גערעכט. אפשר האָב איך טאַקע גערעדט אַביסל נישט גוט. נאָר גיי וויים וואָס דו טוסט. אפשר ט'איר זיך, רבי, אַריינמישן; אפשר ט'ער האָבן אָפּשיי פאַר אייך, רבי. כ'מיין אלקנהן. איך וויל נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. האָט ער פאַרדרייט דעם קאָפּ.

לוי יצחק: וואָס קען איך דאָ העלפן?

הערש בער: ער וועט האָבן אָפּשיי. איר קענט דאָך זי. איר האָט דאָך זי געזען. אויפגעוואָקסן אינאיינעם. איך וויל זי נעמען ווי זי שטייט און גייט. — היינט גיי און מאַך מיט זיי.

לוי יצחק: אַליין איז די גלייכסטע זאַך. מע באַדאַרף רעדן אַליין, מיט גוטן, מיט אַ שׂכל.

הערש בער: מיט אים וואָלט איך שוין אויסגעקומען. נאָר די מאַמע אירע האָט פאַרדרייט די נאָז.

לוי יצחק: זאָל דיין מאַמע רעדן מיט איר.

הערש בער: די מאַמעס האָבן זיך צעקריגט.

לוי יצחק: וואַרט ביז ראש־השנה; זיי וועלן זיך איבערבעטן. עשׂרת ימי־תשובה, מען האָט חרטה, טאָמער טוט מען אַ קרומע זאַך.

הערש בער: איר רעדט, רבי, ווי אַ צדיק. אָבער איך קען נישט וואַרטן אַזוי לאַנג. איך וויל גיין צו זיי אין שטוב און זיי האָבן אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל נישט. איך ווייס פאַרוואָס, רבי; ס׳איז אַזוי, נאָר איך קען עס אייך נישט זאָגן. ס׳מאַכט נישט אויס, אַז איר ט׳נישט וויסן.

לוי יצחק: וואָס קען איך דען וויסן?

הערש בער: איך ווייס, רבי, אַז איר ווייסט פון גאָרנישט, דעריבער זאָג איך דאָך, זי ווייסט אויך פון גאָרנישט. דאָס דרייען זיי איר אַ קאָפּ. זי וויל נישט הערן דערפון. איר קענט זיך אַריינלייגן אין דעם.

לוי יצחק: איך פאַרשטיי דווקא נישט, פאַרוואָס איך קען דאָ העלפן.

הערש בער: איך וואָלט נישט וועלן, אַז דער טאַטע זאָל עס הערן; איר פאַרשטייט — ער וויל אייך פאַר אַן איידעם.

לוי יצחק: וועמען?

הערש בער: אלקנה וויל אייך פאַר אַן איידעם.

לוי יצחק: וואָס הייסט?

הערש בער: ער האָט דאָך אַ מיידל, סטערע; איר קענט זי, רבי.

לוי יצחק: איך פאַרשטיי עס נישט.

הערש בער: פאַרשטייט איר נישט. ער דרייט זיך אום דאָ אַרום אייך. וואָס קומט ער צונ׳אייך דווקא ווען קיינער איז נישטאָ? דאָס איז די גאַנצע מעשה.

לוי יצחק: נישט דאָס מיינט ער מסתמא.

הערש בער: איר זאָגט אים, אַז איר ווילט נישט זיין ׳טאָכ־טער.

לוי יצחק: מיר איז אַ חידוש די גאַנצע זאַך.

הערש בער: כ׳האָב געזאָגט דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז איר ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן.

לוי יצחק: ס׳איז מיר אַ גרויסער פּלא.

צינע (באַווייזט זיך אין טיר, הערט זיך אין דער שטיל איין וואָס מען רעדט.)

הערש בער: איך זאָג אייך, אַז אַן טאַטע־מאַמע זאָל מען אַזאַ זאַך נישט טאָן; אָבער וואָס קומט אַרויס? גיי מאַך מיט זיי.

לוי יצחק: מיר איז עס אַ גרויסע פּלא.

הערש בער: נעמט נישט פאַר אומגוט, רבי...

דוד נח (קומט אַרויס. כאַפּט צינען ביים אונטערהערן זיך; זי ווערט פאַרשעמט, באַהאַלט זיך הינטער דער טיר.)

הערש בער (וואָלט נאָך עפּעס וועלן זאָגן, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גייט אַוועק אין שטוב.)

דוד נח: אַן עקשן אַט דער אלקנה. אַ ייד זאָל זיין אַזאַ עקשן. אַ סך מאָל מיט אים זיך געקריגט. די ווייבער — אויך דאָס איי־גענע. ווען נישט יום־כיפּור וואָלט מען שטענדיק אַרומגעגאַנגען ברוגז. כ׳פרעג: פאַרוואָס? קען מען דען נישט לעבן אין שלום? פאַרוואָס זאָלן זיך יידן גלאַט קריגן? וואָס זאָגט איר, רבי?

לוי יצחק: נאָר אויף אַחדות און שלום שטייט די וועלט.

דוד נח: כ׳האָב עס געהערט אַמאָל; דער רב פון שטאָט האָט עס געזאָגט אין אַ דרשה. נאָר מיר, ברוך השם, באַדאַרף מען עס נישט דערמאָנען. איך בין מיר אַ ייד וואָס ווייס, אַז קיין ווערדע אויף דער וועלט האָט מען נישט. מיין יידענע וואָלט זיך יאָ אַמאָל וועלן אַרויס־כאַפּן פון די האַלאַבליעס, נאָר איך דערלאָז נישט. אַז מען לעבט פאַרוואָרפן אויפן דאָרף, וויפל פעלט, אַז מען זאָל ווערן חלילה ווי גוים? גוים קריגן זיך און יידן — קריגן... כ׳האָב מיר מיין שׂכל.

לוי יצחק: אַזוינע יידן ווי איר מעגן זיין אין דער שטאָט אויך.

דוד נח: כע־כע, מע ווערט אַביסל פאַרגרעבט אויפן ישוב; אָבער, אַז עס קומט צו אַן עוולה טאָן — כאַפּט מען זיך. מען ווייסט, געלויבט איז דער אייבערשטער, פון דאַנען אַהין. כאָטש אין שטאָט גיט מען דעם ישובניק נישט אָפּ דעם גרויסן כּבוד. מילא, מע קען דאָך זיך נישט גלייכן צו אַ שטאָט־מענטשן. אַ שטאָט־ייד איז טאַקע אַ ייד. רעדט אויס אַ וואָרט מיט אַ רב; הערט אַ קדושה אין דער צייט און קען געבן אַ נדבה, אַז דער וואָס אין הימל העלפט.

לוי יצחק: איר זענט אַ פיינער ייד; נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אַזוינע יידן.

דוד נח: מיין טאַטע, זאָל זיין אין גן־עדן, אויך אַ דאָרף־מענטש געווען. נישט געוואוסט ווי אַזוי די קינדער מדריך צו זיין. וואָס ט׳מען געקענט מאַכן? אַבי ווי עברי אויסגעלערנט. ביי מיר אין שטוב טאַקע איז ער געשטאָרבן. כ׳האָב אים געפירט אין שטאָט אַריין און ס׳האָט זיך שוין פון שטאָט נישט געוואָלט אָוועקפאָרן. נו, מסתמא וויל אַזוי דער וואָס אין הימל, אַז לעבן זאָל מען וויט פון יידן און צו קבר־ישׂראל כאָטש קומען צווישן יידן. נישטאָ וואָס צו מאַכן. מילא דער עלטערער, שוין אַזוי אָפּגעלאָזן די לייטשעס; אָבער דער ייִנגערער האָט געקענט זיין אַ מענטש. כ׳האָב געטראַכט, ווען אלקנה זאָל וועלן געבן צו שטייער; נו, הער איך דאָך, אַז זיינע ייִנגלעך קריכן אין די אויגן אַריין. כ׳וואָלט דיר פונדעסטוועגן זאָגן: אָט פאַר שוין נישט אַוועק. זאָל שוין זיין ווי ס׳איז.

לוי יצחק: איך פאָר נישט אַוועק, רב דוד נח. איך קלייב אייך זאָגן, אַז איר זאָלט זיך מיישב זיין אפשר...

דוד נח: וואָס אי׳ דאָ פאַראַן צו רעדן. אויב נישט אלקנה, וועל איך אַליין — מיט אַלע מיינע כּוחות. וואָס הייסט?...

לוי יצחק: כ׳מיין איר זאָלט זיך פריער מיישב זיין.

דוד נח: כ׳האָב מיר גאָר נישט וואָס צו מיישב זיין.

לוי יצחק: כ׳מיין אַז איר זאָלט מיך נעמען פאַר אַן איידעם. דאָס מיין איך.

דוד נח (אַביסל צעטומלט): האָ... וואָ...

לוי יצחק: מיינע טאַטע־מאַמע זיינען אויפן עולם האמת; אַניט וואָלט איך זיי געשיקט רעדן פאַר מיר.

דוד נח: יאָ, צינע, מיין קינד.

לוי יצחק: איר פאַרשטייט... אַז אויב... איר באַדאַרפט מסכים זיין.

דוד נח: מסכים, מסכים. ביי איר באַדאַרף מען גאָר נישט פרעגן.

לוי יצחק: מע באַדאַרף ביי דער מוטער פרעגן.

דוד נח: איך מיין, פרעגן דער מוטער, כע... כע... כע... מיין קינד, מיין איך, וועט פאָלגן, אַ כשר קינד... רחל! רחל! קום נאָר אַרויס אויף אַ ווײַלע!

לוי יצחק: פונדעסטוועגן...

דוד נח (רופט): רחל, רחל, זיי זשע מוחל.

רחל (קומט אַרויס): מיר האָבן אַ גאָט אין הימל, וואָס?

דוד נח: אָט איז די מאַמע; צי דו ביסט מסכים פרעגט ער.

רחל: גאָט אין הימל, וואָס נאָך קען איך פאַרלאַנגען פאַר מיין קינד?

(ווישט די טרערן.)

דוד נח: דו פאַרשטייסט דאָך גאָר נישט פון וואָס צו זאָגן...

רחל: ווייסט, איך ווייס נישט? ווי ווייסט עס נישט אַ מאַמע? אַלץ ווייס איך... (נעמט אַרום לוי יצחקן און קושט אים.) איך וועל דיר זיין ווי אַ מאַמע. וואָס נאָך קען איך אויסבעטן ביי דעם וואָס אין הימל. ווי זאָגט מען עס איר אָן? מאַמעלעך, זי וועט עס אפשר נישט אויסהאַלטן.

אלקנה, גיטל, סטערע (קומען אָן.)

אלקנה: וואו איז דיין זון, דוד נח?

דוד נח: איך בעט דיר, אלקנה, קריג זיך נישט איצטער מיט מיר.

אלקנה: וואו איז דיין זון? כ׳וויל אַז סטערע זאָל אים פאַר מיר אין די אויגן זאָגן, אַז זי וויל אים נישט קענען.

סטערע (מיט פאַרווײנטע אויגן): זאָל איך צער האָבן, אויב איך ווייס וואָס מע וויל פון מיר האָבן.

הערש בער (קומט אַרויס.)

גיטל: אַט איז ער אַליין.

רחל: פאַרשטערט מיר נישט מיין שמחה, גיטלשי.

גיטל: ביי אייך איז אַ שמחה און ביי מיר איז פינצטער און ביטער.

הערש בער: סטערע, גוט וואָס דו ביסט געקומען — זאָג דעם אמת!

אלקנה: זי האָט נישט וואָס צו זאָגן.

הערש בער: פאַר דער גאַנצער וועלט זאָג דעם אמת, סטערע! איך האָב נישט קיין מורא!

רחל: שאַ, שריי נישט אַזוי, מיין קינד.

הערש בער: איך בין שוין אין כעס. איך לאַך פון אַזוינע טאַטע־מאַמע! סטערע איז מיט מיר אין דאָרף געוואַקסן. אין איין פעלד אויסגעוואַקסן און זי איז מיינע! זאָג, סטערע, זאָג, האָב קיין מורא נישט.

אלקנה: וואָס זאָגסטו צו זיין קאָפּ, גיטל? ער האָט דאָך נישט געקענט צוויי מיט צוויי איבערציילן, זע נאָר סאָראַ צונג! ווי ער קען זיך עס אויסטענהן, כאַ— כאַ — כאַ.

הערש בער: איך ווייס נישט צי איך רעד גוט צי — שלעכט. איך האָב געפרעגט דעם רבין; כ'האָב געזאָגט, אַז כ'וויל זיך נישט שטעלן טאַטע־מאַמע אַנטקעגן. דער רבי האָט געהייסן — מיט גוטן. כ'האָב געוואָלט עס טאָן היינט ביינאַכט, טאַ וואָס זענט איר אַראָפּגעקומען, זי געבראַכט צו שלעפּן מיט פאַרוויינטע אויגן? וואָס האָט איר זי צו מאַכן וויינען אומזיסט און אומנישט?!

רחל: אַזאַ יאָר אויף מיר ווי ער איז גערעכט.

הערש בער (די טרערן וואַרגן אים): איר האָט נישט פאַר וואָס איר צו פאַרביטערן די יאָרן, איך קען נישט זען, אַז זי וויינט...

סטערע (צעוויינט זיך אויפן הויכן קול.)

גיטל: שאַ, שטיק נאַר; ער האָט זיך צערעדט און זי...

אלקנה: כאַ־כאַ־כאַ... איך שטיי און איך הער... וואָס אי' דאָס מיט דיר אלקנה?

הערש בער: אין איין פעלד זיינען מיר אויסגעוואַקסן — וואָס

קריכט איר אין וועג אַריין? האַ? כ'נעם זי ווי זי שטייט און גייט. וואָס ווילט איר נאָך? אַ סוף מיט אַן עק זאָל עס נעמען!

אלקנה: איך גיב דיר נדן אויך, הערש בער. אַז דו רעדסט אַזוי, האָב איך דיך ליב. כ'האָב געמיינט אפשר... נו איז נישטאָ וואָס צו רעדן. עסט שאַנעוועו מיין טאָכטער... נו שוין.. ווייַן נישט. ווען זאָל עס אין קאָפּ אַריין, אַז הערש בער זאָל קענען אַ טרער לאָזן... ס'האָט מיר אַזש אַליין... (אָלע ווישן די אויגן.) גיב אַ האַנט, דוד נח.

(נעמען זיך אַרום, כליפּען, די ווייבער וויינען אויפן הויכן קול.)

ציניע און אברהם יעקב (קומען אַרויס, קוקן פאַרוואונדערט; הייבן אויך אָן ווישן די אויגן.)

רחל (נעמט אַרום ציניען, קושט זי): קינד מיינס, ביסט דאָך אַ כלה געוואָרן.

ציניע און סטערע (כאַפּן זיך אַרום און קושן און האַלדזן זיך לאַנג.)

אלקנה (גייט צו לוי יצחקן, נעמט זיין האַנט): זאָל זיין מיט מזל. ווערסט האָבן אַ כשרע יידישע טאָכטער. כאָטש צווישן גוים געוואַקסן, אין מיטן פעלד...

גיטל: מען זעט דאָך, אַז אַפילו אויפן דאָרף פאַרלאָזט אויך נישט דער וואָס אין הימל...

(פאַלט רחלען אויפן האַלדז.)

צוויי שטעט

1919

פערזאָנען פון דער ערשטער שטאָט:

ר׳ לוי יצחק.
צינע, זיין ווייב.
חיים }
גנענדל } זייערע קינדער.
טייבעלע }
אַלטע, אַ דינסט.
הענעך יואל, גבאי.
עוזר }
זאוול } קצבים.
איטשע.
מרדכי.
משה.
כוועדער, שבת־גוי.
פּאַוועטינע, שטאָט־משוגענער.
אַן עולם, מענער, פרויען, אַלטע, יונגע.

צווייטע שטאָט:

נחמן, גבאי.
בנימין.
זלמן.
ציבוליע, שב־גוי.
אלקנה.
לייזער.
אַלטע לייט, אַן עולם, מענער, פרויען און קינדער.

ערשטער אַקט

בײַ ר׳ לוי יצחקן אַ גרויסער בית־הרב. ספרים־פּאָלעצעס
און ספרים אַרום די ווענט, ארון־קודש און עמוד אין
מזרח־וואַנט. איין טיר פירט אין דרויסן, די אַנדערע —
צו די אינווייניקסטע חדרים.
ס׳איז אַרום שבועות. וואַרעם און זוניק. די פענצטער
אָפן, פון וואַנען ס׳יאָגט זיך דער גערויש פון מאַרק.

משה פּאַוועטינע (קוקט אַריין דורכן אָפענעם פענצטער, שמעקט פאַרגאַפט די לופט, וואָס ציט פון דרויסן. קראַצט זיין צעשויבערטע באָרד.)

אַלטע (קומט אַריין פון דער אַנדערער טיר): וואָס ׳סטו זאָגן גוטס, ר׳ משה?

משה: איך הער, אַ ראָסל־פליייש קאָכט זיך.

אַלטע: אַ חוש הריח!

משה: איבערן גאַנצן מאַרק צעטראָגט זיך דער ריח. ווערסט מיר, אַלטע, געבן דעם טעפּל?

אַלטע: שפּעטער, אַז מען וועט אָפּעסן, וועל איך דיר דעם טעפּל אַרויסשטעלן הינטער דער טיר.

משה: באַדאַרפן קומען פריער פונם הונט.

אַלטע: איך מאַך חוזק. ווערסט אַריינקומען אין קיך, וועל איך דיר אָנגיסן אין אַ שיסל; ווערסט נאָך ברויט אויך האָבן דערצו.

משה: איך דערשמעק, אַז די קאַרטאָפל זיינען געוועזן צופיל צוגעפּרוירן.

אַלטע: וואָס פאַר אַ קאַרטאָפל?

משה: וואָס דו קאָכסט איצטער.

אַלטע: ביסט דערביי געווען ווען זיי זיינען געפּרוירן?

משה: איי, דער עסיק! איי, ווי ער שמעקט!

אַלטע: ווענסט דערשמעקן דעם מלאך המוות אַז ער וועט באַדאַרפן קומען?

משה: איך דערשמעק אים ווי נאָר ער קומט אין שטאָט. אַז איך הענג אין פּאַוועטינע דערציילן עס מיר די שפּינען.

אַלטע: וואו ביסטו געשלאָפן היינטיקע נאַכט?

משה: אין שול אויפן בוידעם. אין אַ וויגעלע פון פּאַוועטינע.

אַלטע: אַז אַך און אַז ווי צו אונדזערע זינדיקע נשמות.

משה: ווייסט, ווי דען; וועד נאָך קען זיך אויפהאַלטן אין דער פּאַוועטינע? איך טאַקע און די שפּין, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כי.

כוועדער (באַווייזט זיך אין אַנדערן פענצטער): אַ גאָט העלף אַלטע!

אַלטע: אַ גוט יאָר, כוועדער; וואָס ׳סטו עפּעס זאָגן גוטס?

כוועדער: איך היינט געזען ציבוליע, ער זאָגט: איך גיין אין זיין שטאָט, ער גיין אין מיין שטאָט.

משה: איך דערשמעק, ס׳זיין מחלוקת.

כוועדער: דו שוין דערשמעקט. דו ניש קיינעם זאָג. שטאָט מיר ניש לאָזן, ניש באַצאָלן וואָס קומט.

אַלטע: גיי שוין גיי, כוועדער, שטאָט איז אַזוי צוגעוואוינט צו דיר.

כוועדער: דאָרטן טאַקע יידן באַקן ווייסע חלה, גיבן גרויסע שטיקער. דייבע יידן קאַרגע יידן.

משה: דאָרטן באַקט מען געפלאָכטענע חלות.

כוועדער: דאָרט גיט ווייַן אויך. דאָ זיי זאָגן, כוועדער ניש טאָר טרינקען יידישן ווייַן.

אַלטע: דו טרינקסט דאָך נישט קיין ווייַן.

כוועדער: יידישן ווייַן איך טאַקע טרינק. יידן מעגן — כוועדער מעג.

חיים (קומט אַריין, קלעטערט אַרויף אויף אַ טיש און זוכט צווישן די אייבערשטע פּאָלעצעס ספרים.)

כוועדער: דו שוין אויסגעלערנט אַלע קניזשקעס, וואָס אונטן?

משה: איך דערשמעק, זיין קאָפּ טראָגט אים אין דער הייך.

צינע (קומט אַריין): אַ גאָט העלף, ר׳ משה, וואָס מאַכט איר עפּעס?

משה: איך דערשמעק אַז מאָרגן ט׳גיין אַ רעגן.

צינע: אַלץ דערשמעקסטו... וואָס זוכסטו דאָרטן אַזוי מיין קינד?

משה: איך דערשמעק, אַז ער וועט וואַקסן זייער הויך.

צינע: הלוואַי זאָל זיין ווי דו זאָגסט.

חיים (פון זיין פּלאַץ): אַזוי, אַזוי, משה ווייסט וואָס פון מיר וועט ווערן.

צינע: וואָס איז דער חילוק? ווער ס׳זאָל מיר ניט זאָגן גוטס אויף מיין קינד איז מיר ליב און ניחא.

אַלטע: נישט איינמאָל איז מקוים געוואָרן וואָס ער האָט געזאָגט. כ׳פלעגט אַמאָל פשוט מורא האָבן פאַר אים.

כוועדער: ער בילט שלעכטע זאַכן, זיין נאָז איז פון הונט דער־ריבער ער גוט שמעקט.

חיים: נו, וואָס, משה, איז אמת וואָס כוועדער זאָגט אויף דיר?

הענעך יואל (קומט אַריין): אַ גאָט העלף.

צינע: אַ גוט יאָר, ר׳ הענאָך יואל. וואָס הערט מען עפּעס אין שטאָט?

הענעך יואל: אין שטאָט שמועסט מען... געקומען זיך דורכ־רעדן מיטן רב מכּוח דעם.

צינע: וואָס חלילה עפּעס?

הענעך יואל: מען וועט זיך דאַרפן דורכריידן מיטן רב.

צינע: כוועדער זאָגט אַז ער גייט אַוועק פון שטאָט.

הענעך יואל: דאָס וועט שוין זיין די גרעסטע דאגה. זאָל ער גיין.

צינע: שוין אַזוי צוגעוואוינט צו אים. ווי אַזוי וועט עס גאָר די שטאָט קענען אויסקומען אָן אים?

כוועדער: איך נאָך ניש גיי, איך נאָך באַדאַרף טראַכטן.

חיים: וואָס הערט מען עפּעס אין שול?

הענעך יואל: די שול בענקט נאָך דיר. ס'איז דאָרטן איצטער שטיל און אומעטיק געוואָרן. די שול וואָלט וועלן זאָלסט קומען אַהין לערנען.

צינע: ס'איז גאָר אין שטוב ליכטיקער געוואָרן זינט ער האָט זיין ספר אַהער אַריבערגענומען און לערנט דאָ.

הענעך יואל: מען טאָר אַ שול נישט פאַרשעמען. די חענט פון אַ שול בענקען נאָך דעם קול פון לומדי תורה.

ר׳ לוי יצחק (קומט אַריין.)

הענעך יואל: אַ גאָט העלף, רבי.

ר׳ לוי יצחק: אַ גאָט העלף, אַ גוט יאָר.

הענעך יואל: וואָס מאַכט דער רבי?

צינע: געלויבט איז דער אייבערשטער.

כוועדער (גייט אַוועק פון פענצטער ציענדיק משהן מיט זיך.)

משה: לאָז, איך וויל נאָך קוקן אויף אונדזער רב. (גייט דאָך אַוועק.)

ר׳ לוי יצחק: געקענט זיין אַ גרויסער און אפשר אַ שיינער ייד.

צינע: אַז דער וואָס אין הימל שיקט עפּעס אָן אויף אַ מענטשן.

הענעך יואל: אַז עמעצן איז באַשערט צו זיין משוגע העלפן נישט קיין טענות ומענות.

ר׳ לוי יצחק: די וועלט האָט זיך אירע וועגן און הינטערוועגן, הייסט דער וואָס אין הימל איינעם גיין מיטן גלייכן וועג און דעם אַנדערן מיטן הינטער־וועג. נו, וואָס מאַכסטו, חיים?

חיים: פון הינטערוועגן ווערן אַמאָל וועגן.

הענעך יואל: כאַ־כאַ־כאַ, שאַרף געזאָגט.

ר׳ לוי יצחק: און גרויסע וועגן ווערן אַמאָל פאַרוואַקסן מיט גראָז. אָבער די וועגן פון דער וועלט איז אַמאָל שווער משיג צו זיין: קומט דער רצון פון גאָט און טוט זיך זיינס. און אַזוי גייט זיך אַ מענטש אַ מאָל אַראָפּ פון זינען.

(אַ ווײַלע שטיל.)

צינע: כ׳האָב געהערט, אַז געסט קומען היינט צו אונדז, לוי יצחק.

לוי יצחק: געסט? אַ חידוש.

הענעך יואל: הייסט עס, אַז דאָ ווייסט מען פון דעם?

ר׳ לוי יצחק: וואָס איז דער מער?

חיים: אַז צוויי שטעט וועלן האָבן אַ סכסוך וועט עס זיין...

ר׳ לוי יצחק: עפּעס אַ סכסוך אַהינטער מיינע פּלייצעס?

הענעך יואל: מען שמועסט אין שול, אַז חיים זאָל האָבן אַ האַנט אין דעם און דעריבער האָט ער איבערגעלאָזן די שול.

ר׳ לוי יצחק: מה רעש? איך האָב אויך ליב געהאַט יחידות אין זיינע יאָרן.

הענעך יואל: אמת רבי. יחידות איז אַ גרויסע זאַך, אָבער, אַז מען איז גורם, אַ שטאָט זאָל האָבן עגמת נפש — אַ גאַנצע שטאָט, רבי.

ר׳ לוי יצחק: איך פאַרשטיי דאָך גאָר נישט פון וואָס דער שמועס איז. בין איך חלילה גורם עגמת נפש?

גנענדל און טייבעלע (קומען אַריין.)

טייבעלע: ס׳איז אַזוי גוט, וואָס מיר פאָרן אַרויס פון דאַנען.

גנענדל: טאַקע אמת?

צינע: ט׳איר עס, קינדערלעך, געהערט?

טייבעלע: כוועדער האָט געזאָגט.

ר׳ לוי יצחק: גאָר אַזוי, כוועדער ווייסט וואָס עס גייט געשען מיט לוי יצחקן הא־הא־הא.

הענעך יואל: די שול קאָכט מיט דעם.

ר׳ לוי יצחק: אַ שפּיצל וויל מען אָפּטאָן לוי יצחקן, נו איז וואָס, קאַרג שיינע רבנים, שיינע יידן פאַראַנען?

טייבעלע: איך פריי זיך אַזוי וואָס מיר פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

ר׳ לוי יצחק: וואָס הייסט, אַלע ווייסן און איך בבחינת ילד — וואָס הייסט? וואָס זאָגט איר עפּעס, ר׳ הענעך יואל?

חיים: משנה מקום — משנה מזל.

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס ווייסטו אויך פון דעם? ס׳איז דאָך מיר אַ חידוש. און ווי איז אַז לוי יצחק וועט זיך נישט לאָזן? כע־כע־כע.

הענעך יואל: אַ שטאָט איז אַ שטאָט. אפשר ווינציק שׂכירות, וועט מען רופן אַן אסיפה און זען וואָס צו טאָן. דער בית הרב קליין — שמועסט מען דאָך אַז די שטאָט וועט בויען אַ גרעסערן.

צינע: מיר פעלט דאָ חלילה גאָר נישט.

ר׳ לוי יצחק: און מחלוקת אַוודאי; און עגמת נפש אַוודאי... הייסט עס מיך פרעגט מען גאָרנישט. קומט מיט מיר, ר׳ הענעך יואל, ס׳איז מיר אַ גרויסער חידוש. (גייט אַרויס מיט הענעך יואלן.)

טייבעלע: איך וועל מיר עס אָנטאָן לכּבוד דעם אין אַ נייער קלייד.

גנענדל: וואָס דיר ליגט אין זינען!

צינע: וואָס זאָגסטו צו דעם, חיימל?

חיים: מסתּמא באַדאַרף אַזוי זיין.

טייבעלע: זען אַ נייע שטאָט און נייע מענטשן איז טאָקע זייער שיין.

צינע: אין דיינע יאָרן בין איך אויך אַזוי געווען.

חיים: דאָס איז ניט געווענדט אין אונדז. אויב אַ שטאָט האָט אַ גרויסן כּוח, נעמט זי מיט געוואַלט.

גנענדל: יאָ, חיימל, איך זאָג אויך אַז אַן אַנדער שטאָט איז בעסער.

טייבעלע: און ווי, אַז דער טאַטע וועט ניט וועלן?

צינע: מיר איז אויך ליב דאָ. וואָס זאָגסטו, מיין קינד?

חיים: צוויי שטעט, און אַז דריי שטעט וועלן פירן מחלוקת — מה רעש?

צינע: זיין נאָמען גייט דאָך אַרום ווי דער שמעקעדיקער ריח. אפשר פאַרשטיי איך נישט. אפשר באַדאַרף איך זיך נישט מישן. נאָר ווען מען וואָלט מיך פרעגן וואָלט איך געזאָגט, אַז שטאַרבן באַדאַרף מען דאָרט וואו מען האָט קינדער געבוירן.

טייבעלע: האָסט געזען, גנענדל, אַז דער טאַטע וויל נישט. ווען

ער וואָלט ביי מיר פרעגן, טראַכט איך, אַז כ׳וואָלט אים זאָגן — כ׳וויס טאַקע ניט וואָס אים צו זאָגן.

גנענדל: איך וואָלט אים זאָגן: טאַטע, לאָמיר פאָרן אין אַ נייער שטאָט, כי־כאַ־כאַ־כאַ.

צינע: לאַכט ניט אַזוי הויך, קינדערלעך.

חיים: צי דען איז נאָר איין וועג פאַראַנען? פאַראַנען ברייטע וועגן, פאַראַנען זייטיקע וועגן — אַלע זענען גלייך פאַר דעם וואָס זוכט דעם גלייכן וועג...

צינע: עס קען זיך חלילה אַ גרויסע מחלוקת צעפלאַקערן.

גנענדל: פאַר וואָס מחלוקת?

צינע: זי איז אין מיר געראָטן. איך אין אירע יאָרן בין געזעסן אין דאָרף און דאָס האַרץ האָט געצויגן אין ערגעץ, געמאָלקן די קו און געקוקט ערגעץ ווייט.

טייבעלע: און מיר אויך; אַז איך מעלק די קו דאַכט זיך מיר, אַז ערגעץ ווייט מוזן זיין אַנדערע קי וואָס מען מעלקט זיי גאָר ניט.

צינע: גיי, מיין זון, אויכעט צו אין בית המדרש אַריין און זע וואָס איז דאָרט אַזוינס. (גייט אַרויס.)

חיים (וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געגריבלט צווישן די ספרים): מאַמע, דו ביסט אַוועקגעגאַנגען?

טייבעלע: ווייסט, חימל, איך וויל אַזוי, אַז מיר זאָלן ערגעץ פאָרן. דו קענסט דאָך מאַכן אַזוי, אַז מיר זאָלן פאָרן.

חיים: דאָס איז ניט מיין זאַך.

גנענדל: האָסט דאָך פריער געזאָגט.

חיים: דו פאַרשטייסט ניט וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט.

טייבעלע: איך פאַרשטיי שוין גאָר גוט.

חיים (גייט אַרויס.)

טייבעלע: יעמאָלט וועט רבקה דעם פעטער הערש בערס אפשר קומען צו אונדז.

גנענדל: כ׳האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט מיט דער מאַמען גערעדט.

טייבעלע: מיינסט, חיים ווייסט ניט דערפון?

גנענדל: אפשר טראַכט ער דערפון. ער האָט אַזאַ גוטן קאָפּ. ער וועט דאָך אויך זיין אַ רב.

טייבעלע: ווייסט, איך טראַכט, אַז מען וועט אָפּפאָרן איין שעה באַרג אַרויף און דערנאָך אַ שעה באַרג אַראָפּ און דערנאָך אַ שעה מיטן גלייכן וועג — קומט מען אַרויס צום אָרט וואו דער הימל ליגט שוין אויף דר׳ערד.

גנענדל: און מען וועט אפשר באַדאַרפן אַרויספאָרן אויף דער אַנדערער זייט הימל.

טייבעלע: מען וועט אויפהייבן דעם ברעג און דורכפאָרן.

גנענדל: מיר רעדן נאַרעשקייטן.

טייבעלע: אפשר איז אין דער אַנדערער שטאָט דיין חתן?

גנענדל: איך ווייס ניט צי כ׳האָב גאָר ערגעץ אַ חתן.

טייבעלע: יעדערער האָט אַ באַשערטן. זעסט ווי רבקה דעם פעטער הערש בערס האָט שוין אַ באַשערטן.

גנענדל: מען ווייס נאָך גאָר ניט פון דעם. ס׳קען נאָך זיין אַנדערש.

טייבעלע: ווי דערוויסט ער זיך וואו זיין באַשערטע איז?

גנענדל: אַ ווינטעלע טוט אים אַ בלאָז אין אויער און ראַמט אים איין אַ סוד וואו זי איז.

טייבעלע: ס׳איז אפשר ניט שיין פאַר ר׳ לוי יצחקס אַ טאָכטער צו ריידן אַזוינע רייד.

גנענדל: טאַקע ניט שיין.

טייבעלע: מיר בלאָזט שוין אַמאָל אַ ווינטעלע אין אויער.

גנענדל: וואָס זאָגט ער דיר?

טייבעלע: ער שעפּטשעט, שעפּטשעט, איך פאַרשטיי נאָך ניט אַזוי גוט וואָס ער מיינט, אָבער דאָס האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט.

גנענדל: אַ, דו, און מיר זאָגסטו גאָר ניט.

טייבעלע: און דיר בלאָזט ניט דער ווינט אין אויער אַריין?

גנענדל: איך מיין אַז רבקהן מוז ער שוין אויך גאָר גוט בלאָזן. איך וויל טאַקע, אַז מען זאָל אונדז אַרויסנעמען פון דאַנען. טאַקע

וואָס זיצן אויף איין אָרט? כ׳וועל אפשר פאָרן צום פעטער הערש בערן אין דאָרף אַריין.

טייבעלע: דו טראַכסט שוין פון דיין באַשערטן?

גנענדל: איי, דו ביסט אַזאַ.

טייבעלע: איך טראַכט אַמאָל.

גנענדל: פופצן יאָר אַלט.

טייבעלע: און דו אין גאַנצן זעכצן.

גנענדל: אָבער איבער אַ יאָר איז שוין זיבעצן.

טייבעלע: אפשר צוליב אונדז וויל מען דעם טאַטן אינערגעצן צונעמען.

גנענדל: וואָס רעדסטו?

טייבעלע: טרעפט ניט, אַז די כּלה באַדאָרף קומען צו איר חתן? די מאַמע דערציילט אַז דער טאַטע איז צו איר געקומען אין דאָרף אַריין. ווייסט, אַז חיים טראַכט שוין אויף פון עפּעס. אַז ער זיצט ביי דער גמרא פאַרטראַכט ער זיך אַמאָל אַזוי און איך ווייס פון וואָס ער קען טראַכטן.

גנענדל: ער טראַכט גאָר ווי אַזוי ער וועט ווערן אַ רב. ווייסט דאָך אַז ער וועט זיין אַ גרויסער רב.

צינע (איר שטימע פון דער אַנדערער שטוב): קינדער, וואו זענט איר?

גנענדל: קום, טייבעלע, דערצייל ניט דער מאַמען וואָס מיר האָבן גערעדט.

עוזר, זאוול (קומען אַריין.)

עוזר: דער רבי נישטאָ?

גנענדל: ער וועט אפשר באַלד אַריינקומען (גייען ביידע אַרויס.)

זאוול: וואָס זאָגסטו צו דעם?

עוזר: אַז עס וועט קומען צו עפּעס וועל איך נישט שווייגן.

זאוול: אַז אַ שטאָט קריכט אין וועג אַריין — מיינסטו אַז אַ גאַנצע שטאָט מעג? מען קען נאָך אַ שטאָט אויך אָנלערנען.

ר׳ לוי יצחק (קומט אַריין): אַ גאָט העלף, עוזר, אַ גאָט העלף, זאוול.

עוזר: אַ גאָט העלף, רבי.

זאַוול: וואָס מאַכט דער רבי?

ר׳ לוי יצחק: נו, וואָס אַ כשרה וואָך? נישט געוויזן זיך מסתּמא אַלץ כּשורה.

זאַוול: וואָס האָט עס פּאַר אַ ווערדע? ווען אַפילו צוואַנציק אָקסן ווערן מיר טריפה וואָלט עס מיר אַזוי נישט אָרן ווי די נייס וואָס כ׳האָב נאָר וואָס געהערט.

עוזר: ווייסט, ווייסט, אַזאַ זאַך זאָל אין אונדזער שטאָט פּאַר־לויפן.

זאַוול: מיר שמועסן מכּוח דעם, וואָס אַן אַנדער שטאָט וויל אייך צונעמען פון אונדז.

ר׳ לוי יצחק: אָט דאָס איז גאַנצן? נו, וואָס איז? גרעסערע רבנים פּאַר מיר זיצן און וואַרטן אויף אַ כּסא־הרבנות.

עוזר: דער רבי איז אַן עניו, אָבער מיר באַדאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַרײַנלייגן.

זאַוול: אונדזער שטאָט שמט אין דער וועלט און דאָס איז נישט צוליב מיין זכות אָדער צוליב עוזרס זכות. מעלד איך מיר אייך, רבי.

ר׳ לוי יצחק: יעדער ייד האָט פאַרדינט אַז צוליב אים זאָל די וועלט האָבן אַ קיום; איך בין מיר אויך נישט מער ווי אַ ייד צווישן יידן.

עוזר: הייסט עס אַז דער רבי ווייסט שוין פון דעם?...

ר׳ לוי יצחק: יאָ, מען ווייסט שוין.

זאַוול: וואָס מיינט דער רבי צו טאָן?

ר׳ לוי יצחק: ווי דער וואָס אין הימל וועט זיין זיין רצון.

העניך יואל (קומט אַריין.)

עוזר: דער רבי ווייסט שוין פון דעם.

העניך יואל: ס׳איז נאָך ביי גאָט אין די הענט.

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס צוויי שטעט קריגן זיך איבער לוי יצחקן, טשיקאַווע.

עוזר: די קעפּ זיינען זיי נישט אויסגעדאַרט.

דריי יידן (קומען אַריין אויפגערעגט, מיט אַ „גאָט העלף״.)

ר׳ לוי יצחק: וואָס מאַכט עפּעס איטשע? וואָס מאַכט עפּעס ר׳ מרדכי און משה?

איטשע: טאַקע אמת, רבי, וואָס מען זאָגט?

ר׳ לוי יצחק: וואָס, די וועלט גייט חלילה אונטער? מה רעש?

הענעך יואל: אמת, אמת.

מרדכי: איר לאָזט אונדז איבער אויף הפקר.

ר׳ לוי יצחק: וואָס, צו קליינע קינדערלעך זענט איר געגליכנט?

משה: עס קען נישט געמאָלט זיין.

איטשע: בלוט וועט זיך גיסן.

זאוול: דאָס זאָג איך דאָך, אַז בלוט וועט זיך גיסן.

ר׳ לוי יצחק: יידן טאָרן אַזוי ניט רעדן. יידן באַדאַרפן זיך צוהערן צום שׂכל, צום האַרצן.

איטשע: אונדזער שטאָט קען חלילה אומקומען.

עוזר: ס׳רעכט, אַז יעדע שחיטה זאָל ווערן טריפה.

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס, אַז לוי יצחק מאַכט פון טריפה כשר?

זאוול: נישט דאָס, רבי, האָט ער געמיינט.

עוזר: אַז איר זאָגט כשר איז כשר. אין אַלע הימלען איז מען מסכּים אויף דעם.

ר׳ לוי יצחק: צי דען, רחמנים בני רחמנים, בין איך דער, וואָס טראָגט אייך אויף זיינע פּלייצעס? צוליב יעדן יידן באַזונדער איז כּדאַי געוועזן, אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן.

איטשע: נישט צוליב אַזעלכע יידן, ווי איך.

עוזר: און נישט צוליב אַזעלכע יידן ווי איך.

מרדכי: אַז אַ שטאָט האָט נישט קיין מורה־דרך איז עס אַ שטאָט אָן אַ קאָפּ.

ר׳ לוי יצחק: איך האָב ביי זיך אין האַרצן גוט בודק געווען; געוואויגן מיינע מעשׂים און געלייגט אויף דער אַנדערער וואָגשאָל די מעשׂים פון דער קהילה — — —

מרדכי: וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן, רבי, — די שטאָט האָט

אויפגעציטערט סכנות. אין אַנדערע הייזער הערט מען געוויין. מייך טאַטע האָט זיך אַליין געלאָזט גיין אַהער, האָט ער נעבעך מער ווי פון שטוב ניט געקענט אַרויסגיין.

משה: דער עולם האָט זיך געחדושט פאַר וואָס חיים האָט אײַ־בערגעלאָזן די שול און האָט זיך פאַרמאַכט אין בית הרב. מען האָט אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין דעם באַטייט דערפון.

ר׳ לוי יצחק: גרייסט מיך נישט אַזוי. דערהייבט מיך ניט. איך ווייס גאָרנישט דערפון לעת עתה. מסתמא איז דאָך פאַראַן אַ שטאָט און איך ווייס גאָר נישט פון איר. מסתמא פאַראַן דאָרטן אַ רב און מען וויל מחלוקות... וועט דאָך לוי יצחק אויף דעם ניט איינגיין... כאַ־כאַ־כאַ, ס׳איז פלאי־פלאים...

צינע און מיט איר צוויי אַלטע ווייבער הינדע און פעשע באַ־וויזן זיך אין טיר.

הינדע: איך זע די שטאָט איז שוין דאָ.

(ווישט די טרערן.)

פעשע: וואָס וועט חלילה ווערן פון אונדז?

צינע: ס׳איז נאָך נישט באַוואוסט. זיי זשע מוחל, לוי יצחק. זיי האָבן דיר געוואָלט עפּעס פרעגן.

הענעך יואל: גייט, ווייבער, איר האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן. גייט בעסער רודערט אויף די שטאָט.

ר׳ לוי יצחק: פלאי פלאים: איך הער אַ שטורעם אַרום זיך און ווייס ניט פון וואַנען ער קומט. קענט איר מיר אפשר זאָגן, וואָס פאַר אַ שטאָט עס וויל מיך אַריינשלעפּן אין מחלוקות.

הענעך יואל: וואָס באַדאַרף מען זיך באַהאַלטן?

זאַוול: האָראַטשין איז עס. — שטעקן אין דעם קצבישע קעפּ. האָבן זיך דערוואוסט, אַז ביי אונדז איז ווינציקער טריפה, ווי ביי זיי.

ר׳ לוי יצחק: נו, און ר׳ מרדכי?

הענעך יואל: איז דאָך אַוועק פון זיי.

ר׳ לוי יצחק (שווייגט אַ ווײַלע): געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס היט מיך אויס פון מחלוקות, פון ריב און מדון. (גייט אום אויף און אָפּ. ווי ער וואָלט זיך איבערלייגן.)

איטשע (אין דער שטיל צו עוזרן): זעט אויס, אַז ער וויל אונדז לאָזן.

עוזר: אַ גרעסערע קהילה.

ר׳ לוי יצחק: סודעט זיך נישט, יידן. בישטאָ קיין סודות ביי לוי יצחקן אין הויז. איך וועל מיר נישט באַיילן, אויב אַזוי איז דער רצון פון דעם וואָס לעבט אייביק, אַז איך זאָל מיין דירה מעתיק זיין, נו ווער קען זיך שטעלן אַנטקעגן.

הינדע (לאָזט אַרויס אַ געוויין.)

הענעך יואל: גייט אייך, וויבער, געזונטערהייט.

צינע: קומט, זייט מוחל, אין דער אַנדערער שטוב.

פעשע: אוי, ווי איז מיר, אַזאַ חורבן, אַזאַ קלאָג...

איטשע: וואָס איז דאָ פאַראַן צו שטיין? זאָל מען רופן אַן אַסיפה, זען, וואָס מען זאָל טאָן.

אַ ייד (רייסט זיך אַריין): אַן עוולה, רשעים. אַ פולע שטאָט רשעים. גוים טוען אַזוי, אָבער ניט קיין יידן, וואָס האָבן אַזאַ צדיק!

ר׳ לוי יצחק: וואָס איז דער מער? — ממש די ערד האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן. ווער זענט איר? עפּעס אומבאַקאַנט... שלום עליכם.

ייד: איך בין בינעם פון האָראָטשין, בין אַהער געקומען מיט נאָך יידן, האָט מען מיר פאַרשטעלט דעם וועג. שוין אפשר צוויי שעה, אַז איך וויל מיר אַהער דערשלאָגן.

עוזר: דיין גליק, וואָס איך בין ניט געווען; כ׳וואָלט דיר שוין באַוויזן, ווי צו קומען אַהער.

ייד: אַ בזיון אַזעלכע רייד צו הערן ביים רב אין שטוב.

ר׳ לוי יצחק: איך בעט אייך, ר׳ עוזר, און אייך, ר׳ זאַוול, זייט נישט קיין מחרחרי ריב.

ייד: איך בין געקומען אַהער מיט מיינעם אַ שותף גאָר האָבן אַ דין־תורה, מער גאָר ניט; איז מען מיר באַפאַלן גלייך ווי איך וואָלט וועלן די שטאָט באַגנבענען.

איטשע: מען ווייסט צוליב וואָס איר זייט אַהער געקומען, אָבער איך זאָג מען זאָל דעם רבין העכערן שכירות און בויען אַ נייעם בית־הרב. איך גיי עס מודיע זיין דער שטאָט.

ייד: רבי, איך בין געקומען אַהער האָבן אַ דין־תורה. זאָלן זיי צולאָזן מיין שותּף אַהער. מיין פערד און וואָגן האָבן זיי צוגענומען און ס׳פערד וועט פון הונגער פאַלן.

ר׳ לוי יצחק: דאָס איז דאָך בלויז אַ שפּיצל און נישט מער; יידן וועלן דאָך אַזאַ זאַך נישט טאָן.

בינעם: דאָס שריי איך דאָך, אַז ס׳איז אַ בזיון.

זאַוול: איך וועל זען, אַז מען זאָל דיר פערד און וואָגן אַרויס־געבן נאָר בתנאי דו זאָלסט זיך אויפזעצן מיט דיין שותּף און פאָרן געזונטערהייט אַהיים.

ר׳ לוי יצחק (זאָגט גאָרנישט און גייט אַרויס.)

בינעם: אַ בזיון אַזעלכס צו ריידן אין די ד׳ אמות פון רב. אין האָראָטשין וואָלט אַזאַ זאַך נישט געקענט פּאַסירן.

איטשע: מען וועט דיר דיינע ביינער צעברעכן. פאָר אַהיים און זאָג, אַז האָראָטשין וועט מיטן פייער אָוועקגיין אויב זיי וועלן זיך מיט כאָטשאָוועער יידן אָנהייבן.

בינעם: ס׳איז אַן אומכּבוד פאַר דער תורה, אַז ר׳ לוי יצחק איז ביי אייך רב.

עוזר: איך בין גרייט אויף אַלצדינג צו גיין און האָראָטשין וועט עס ניט דערלעבן.

בינעם: אַן אומכּבוד פאַר אים צו שטיין אין אייערע ד׳ אמות.

איטשע: קומט, יידן, אין שול אַריין; קומט, יידן, לאָמיר זען וואָס ס׳איז פאָראַן צו טאָן. (גייט אַרויס אין איינעם מיט מרדכין און משהן.)

חיים (קומט אַריין.)

הענעך יואל: אָט איז חיים — וואָס הערט מען עפּעס?

חיים: יידן שלאָגן זיך איבער דער תורה און די תורה איז אין אָרון קודש.

בינעם: גייט, יידן, הייסט מען זאָל אַרויסגעבן פערד און וואָגן.

עוזר: האָט קיין מורא נישט, ס׳פערד וועט נישט הונגערן; ביי סענדערן אין שטאַל איז נאָך דאָ פאַר אים גענוג. ס׳פערד איז נישט אַריינגעפאַלן צו רשעים.

זאוול: ס׳פערד איז ניט שולדיק, אַ שטומע צונג, נישט געוואוסט, אַז ס׳פירט יידן מאַכן מחלוקות, ס׳פערד וויל קיין מחלוקות נישט.

בינעם: מיט קיין עמי הארצים וויל איך קיין מגע ומשא ניט האָבן. (גייט אַרויס מיט כעס.)

זאוול: וואָס זאָגסטו צו זיין קאָפּ? קום, עוזר, לאָמיר האַלטן אַן אויג אויף אים. (גייען ביידע אַרויס.)

העניך יואל: נו, וואָס זאָגסטו, חימל, וועט טאַקע די וועלט אונטערגיין?

חיים: אויב אַן אַנדער שטאָט וויל דעם פּאָטער פאַר רב, טאָ ווער קען זיך שטעלן אין וועג?

העניך יואל: מען שמועסט, אַז אונדזער קהילה וועט פאַריתומט ווערן. שטאָט וועט טאָן אַלץ, וואָס זי וועט זיין ביכולת. ס׳איז אַ גרויסע בושה, אַ גרויסער בזיון פאַר כאַטשעווע.

(דרויסן אַ געדויש, ווי אַ גרויסער עולם וואָלט זיך דערנענטערן צום שטוב.)

שטימען (הינטערן פענצטער.)

— קיינער וועט נישט האָבן קיין העזה דאָס צו טאָן.

— איבער מיין גוף וועט מען אַריבערגיין.

— צי האָבן מיר אים ווינציק כבוד אָפּגעגעבן.

— ביי אונדז וואָלט מען איך פאַרשטיינערט.

— מען קען עס טאָן דאָ אויך.

— ס׳איז נאָך פאַראַן אַ דין אויף דער וועלט.

— די וועלט וועט אונטערגיין.

— איך גיב מיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועק.

— וואָס איז דען מיין פאַרגעניגן ווערט ביי מיר.

— אַ דין תורה!

— מען וועט מסרן.

— אין קייטן אַוועקגיין.

— איך וועל האַראַטשין מיטן פייער אַוועקלאָזן — ווען איך זאָל אפילו אין קייטן אַוועקגיין.

— גייט דער רב אַוועק, פאַרקויף איך מיין שטוב, אַלץ וואָס איך האָב און כ׳לאָז מיר פון דאַנען, נעם ווייב און קינד און לאָז מיר פון דאַנען.

הענעך יואל: נו, וואָס זאָגט ר׳ חיים אויף דעם?

חיים (פאַרטראַכט, ענטפערט נישט.)

הענעך יואל: **סכנות נפשות!**

ר׳ לוי יצחק (קומט אַריין, אַ סך יידן באַווייזן זיך אין טיר. דרויסן נאָך מער. דער עולם שווייגט, ווי מ׳וואָלט וואַרטן אויף ר׳ לוי יצחקס ווערטער. ער גייט אום אויף און אָפּ, די יאַרמלקע פאַר־רוקט אויף אַרויף.)

הענעך יואל: **וואָס האָט דער רבי בדעה צו טאָן? וועלן מיר בלייבן כצאן בלא רועה?**

ר׳ לוי יצחק: **יידן, רחמנים בני רחמנים, פאַר וואָס האָט איר פון אייער גרויסקייט אויף איין מענטשן אַרויפגעלייגט און איצטער, אַז ס׳האָלט דערביי איך זאָל משנה מקום זיין, איז גלייך ווי איך וואָלט פון אייער גרויסקייט פאַרנומען. אויב איך וועל מעתיק זיין מיין דירה וועט עס זיין נישט מיין רצון. ס׳איז דער רצון פון יושב כרובים. כ׳וועל זיך אים נישט שטעלן אַנטקעגן.**

איינער (פון עולם מיט טרערן אין זיין שטימע): **קהל וועט עס ניט אַריבערטראָגן.**

אַ צווייטער: ס׳איז נאָך פאַראַן אַ דין: מיר וועלן נעמען דעם דין אין אונדזערע אייגענע הענט.

ר׳ לוי יצחק: **אַזאַ דין בין איך נישט מצדיק, און דו, מיין זון, וועסטו מצדיק זיין אַזאַ דין?**

חיים: איך שטיי, ווי אַ תלמיד פאַר אַ רבין.

הענעך יואל: איך זאָג אויך, אַז קהל וועט עס נישט אַריבער־טראָגן.

איינער: אַ כמאַרע ציט זיך איבער אונדזערע קעפּ.

(אין טיר באַווייזן זיך נאָך יידן. זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אַריינשפּאַרן אין שטוב אַריין נאָר מען לאָזט זיי ניט.)

שטימען:

— **זיינען ניט ווערט די שוועל אַריבערצוגיין.**

— **לאָזט זיי נישט אַריין.**

— **ס׳איז שפיכת דמים.**

— זיי זענען שופך אונדזערע דמים...
— יידן, פֿאַרגעסט זיך נישט.
— יידן, זייט נישט מבייש קיין יידן.
— אַ חרפּה, אַ בושה.
— סדום!

ר' לוי יצחק (וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים אין די פּאַליצעס ספרים אַריינגעגראָבן ווענדט זיך צום עולם אין טיר מיט אַ ציטער־דיקער שטימע): **יידן, זייט מכניסי אורחים, זייט נישט מבייש אַ שטאָט, לאָזט זיי דורך, לאָזט מיר מקבל פּנים זיין יידן פֿון אַן אַנדער שטאָט... זייט זשע מוחל!**

(דער עולם אין טיר מאַכט אַן ווערטער אַ וועג צווישן זיך און עטלעכע אומבאַקאַנטע בכבודיקע יידן קומען אַריין, גייען אָן ווערטער צו ר' לוי יצחקן און גיבן אים שלום. דער עולם קוקט מיט אַ שטילן טרויער.)

צווייטער אַקט

אַ גרויסער ליכטיקער חדר אין אַ שפּאָגל נייער שטוב. דער אָרון־קודש אין מזרח־וואַנט, די פענצטער אָפן און דאָס ליכט שטראָמט איין פון דרויסן.

ציבוליע (דער שטאָטישער שבת־גוי, קומט אַריין מיט אַ ברעט אונטערן אָרעם און שטעלט זיך צושלאָגן צו דער שורה פּאָלעצעס, וואָס אַרום די ווענט.)

אַ ייד (שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין פענצטער): **ביסט שוין פאַרטיק, ציבוליע?**

ציבוליע: די טשוועקעס, טייוואָלים, נישט קריכן אין האָלץ אַריין.

ייד: וואָס, בייגן זיך?

ציבוליע: לייזער גענומען געלט, געגעבן בראָט, נישט טשוועקעס. נישט קריכט אין האָלץ.

ייד: אפשר אַ שלעכטער האַמער?

ציבוליע: טשוועקעס שלעכטע.

ייד: וועסטו נאָך היינט נישט ווערן פאַרטיק מיט דעם.

ציבוליע: איך האָב היינט נישט געגעסן. ברענגט ברויט מיט אַ אַ ציבעלע, די טשוועקעס גייען בעסער.

ייד: אַז מען טוט אַזאַ מלאכה באַדאַרף מען פאַסטן, גוי, דו איינער.

ציבוליע: אַז איך נישט עס, איך נישט האָב כּוח.

(שטימען פון קינדער הינטערן פענצטער):

— דאָ וועט וואוינען דער רב.

— מיין טאַטע וועט גיין מיט מיר, ער זאָל מיך פאַרהערן.

— מיין טאַטע איז טאַקע נישטאָ אין דר׳היים, אפשר וואָלט ער אויך געפאָרן אים באַגעגענען.

— דיין טאַטע קען ניט פאָרן: ער איז אַ שוסטער.

— טאַקע, נאָר שיינע יידן קענען פאָרן אים באַגעגענען.

— מיין טאַטע אַ שיינער ייד, מיין טאַטע, אַבי ער גיט נדבות.

ציבוליע (שרייט אַראָפּ פון זיין אַרבעט): דיין טאַטע, לייבל, אַ גוטער ייד, ער שוסטער, אָבער בעסער פון אַלע האַראַטשינער יידן דיין טאַטע.

די קינדער (הינטערן פענצטער צעלאַכן זיך מיט אַ קלינגעדיקן געלעכטער.)

ציבוליע: אַ שוסטער גוט: אַ טייוול גוט — וואָס נישט, מאַטיע.

ייד: כע־כע־כע, ביי דיר זיינען אַלע גלייך. ווער עס גיט דיר אַ שטיק חלה איז גוט.

ציבוליע: ביי גאָט אויך אַלע גלייך.

אַ יינגל (הינטערן פענצטער שרייט אויס): מען פאָרט!

שטימען:

— איך הער אויך.

— לאָמיר לויפן אַנטקעגן.

(מען הערט זייערע געשווינטע טריט.)

ייד: אייל זיך צו, ציבוליע. (פאַרשווינדט.)

ציבוליע: איך זיך נישט האָב וואָס צו איילן. איך אייך זאָג: דו, ראַבין, איך — ציבוליע. דו גאָר האָב קניזשקעס, איך שוין מאָך פאַלעצעס גענוג.

אַ פרוי (שרייט הינטערן פענצטער מיט ווילדע קולות): איך וועל נישט לאָזן צעשניידן מיינע פערענעס. מיינע פעדערן ווילן זיי אַרויס־לאָזן.

ציבוליע: אַ בעסטיע מיט די פעדערן. איך גיי נעמען אַ שטעקן און איר טרייב פון שטאָט.

פרוי: מיטן ווינט וועלן די פעדערן אַוועקפליען, וואו וועל איך נעמען אַן אַנדער פערענע!

ציבוליע (שפרינגט אַראָפּ פון באַנק און גייט צום פענצטער):

דו בעסטיע, קיינער נישט טשעפּעט דיינע פּעדערן. היינט דו זיי גוט, דו נישט זיי משוגע. דער ראַבין קומט, דו ניט זיי משוגע.

קינדער (הינטערן פּענצטער, מען הערט ווי זיי רייצן זיך מיט דער משוגענער.)

ציבוליע: **אַזוי, טרייבט אַוועק, טרייבט אַרויס פון שטאָט. נישט שיין, דער ראַבין קומען.**

(צוויי אַלטע יידן שטעקן אַריין אין פּענצטער די קעפּ. די לאַנגע, גרויע בערד. באַטראַכטן די שטוב. שווייגנדיק טוט איינער אַ שמעק טאַבאַק און אַזוי דער אַנדערער.)

ערשטער: **וועט זיין אַ שיינער בית הרב.**

צווייטער: **אַ גרויסער בית הרב.**

ערשטער: **זאָל מען קיין בזיונות ניט האָבן.**

צווייטער: **אַ גרויסער ייד, כאָטש נאָך ניט קיין בא בשנים.**

ערשטער: **אַבי אַן מחלוקת.**

צווייטער: **שטאָט וועט אים האַלטן בכבוד.**

ערשטער: **זאָגן, ער איז אַ חכם.**

צווייטער: **וועט האָבן חיונה בהרחבה.**

ערשטער: **איך וואָלט אַן ערל נישט געגעבן טאָן אַזאַ מלאכה.**

ציבוליע: **איך מעג. איך ווייס דיינע קניזשקעס גוט. ווייס וואָס אַ ראַבין זאָגט. איך מעג הייצן אויוונס; מעג נעמען אַראָפּ לייכטער, מעג אַלץ. ציבוליע גוט, אַ ייד גוט.**

ערשטער (ניט הערנדיק וואָס ציבוליע רעדט): **אין אַלטן בית הרב מער יראה פאַראַנען.**

צווייטער: **האָבן אַ נייעם אָרון־קודש געמאַכט — געקענט רעכט זיין דער אַלטער.**

ערשטער: **האָבן בדעה אים דאָרטן לאָזן.**

צווייטער: **נו, ווילן זיי אים אָנטאָן אַ נחת רוח. מה רעש? מען וועט דעם אַלטן בית הרב נישט פאַרלאָזן. וועט מען דאָרטן אין מיטן דער וואָך אַ פּרק משניות לערנען.**

(עס דערטראָגט זיך פון וויטן אַ גערויש פון קלעזמער־שפּילן.)

ערשטער: **זיי קומען!**

צווייטער: אַפילו קלעזמער נישט פֿאַרפֿעלט.

ערשטער: לאָמיר גיין מקבל פּנים זיין. (פֿאַרשווינדן.)

ציבוליע (בלייבט מיטן האַמער אין איין האַנט און אַ טשוואַק אין דער אַנדערער, הערט זיך צו פֿאַרגאַפֿט צו די ווייטע מוזיק־קלאַנגען, קראַצט זיך אין קאָפּ פֿאַר תּענוג, וואָלט וועלן צושלאָגן נאָך אַ ברעט, אָבער די אַרבעט קלעפּט זיך ניט.)

אַ מיידל (שרייט הינטערן פֿענצטער): **ציפּע! גיכער קום אַרויס, ציפּע! מען האָט די פֿערד אויסגעשפּאַנט און יידן האָבן זיך איינגעשפּאַנט. ציפּע! דיין טאַטע איז אין די האַלאַבאַלעס און מיין טאַטע אויך.**

(די מוזיק ווערט שטאַרקער. אַ שמחת־תּורה־ניגון טיילט זיך אַרויס.)

אַן אַלטע פֿרוי (באַווייזט זיך אין טיר, באַטראַכט די שטוב): **אַט דאָ וועט עס די שכינה רוען, געלויבט ביסטו גאָט און געלויבט איז דיין נאָמען.**

ציבוליע (שפּייט אויס): **נישט קען מער שלאָגן טשוועקעס.** (קלייבט אַביסל צו און גייט אַרויס פֿאַרביי דער אַלטער.)

די אַלטע פֿרוי (קומט אַריין אינעווייניק, זעצט זיך אויף אַ זייטיקער באַנק און וואַרט שווייגנדיק. די מוזיק און געזאַנג ווערט נעענטער און נעענטער; שוין ביים סאַמע שטוב. קינדער לויפֿן אַריין און בלייבן שטיין ביי די ווענט מיט גרויס דרך ארץ און ערוואַרטונג.)

ר׳ לוי יצחק (באַווייזט זיך אין טיר, געפֿירט פֿון חשובע יידן. ער באַטראַכט אַפֿילו ניט די שטוב, ווי זי זעט אויס. די יידן מיט שמחת־תּורהדיקן געזאַנג רינגלען אים אַרום. ביסלעכווייז באַטייליקן זיך די יינגלעך אויך אין געזאַנג און פּאַטשן מיט די הענט.)

אַ ייד (ברענגט אַריין אַ ספר תּורה אַריבערגעדעקט מיט אַ טלית און שטעלט זיך אַוועק ביים זייט פֿון ר׳ לוי יצחקן. מען טאַנצט אַרום זייביידן, ביסלעכווייז באַרויקט מען זיך.)

ר׳ לוי יצחק (נעמט איבער די ספר־תּורה פֿון יידן. ער קושט איר, יידן טוען עס נאָך און דערנאָך טראָגט ער זי אין אָרון־קודש אַריין.)

אַ ייד: אַט אַזוי, מיטן רב איז צוגעקומען נאָך אַ ספר תּורה.

ר' לוי יצחק (גערירט): **נישט נאָך מיינע כוחות נאָך יידן, רחמנים בני רחמנים.**

ווייבער (פירן אַריין אונטער די הענט די רביצין. זי איז אויפ־גערעגט און דאָס פּנים לייכט.)

ר' לוי יצחק: וואו איז מיין זון און מיינע טעכטער?

אַ ייד: זיי קומען מיט דער אַנדערער פור, מיט די ספרים. ס'פערד האָט זיך אַביסל איינגעמידט.

נחמן: פּאַליצעס גענוג. איידער וואָס זאָל מען פון בית המדרש אַריינברענגען ספרים, וואו איז גדליה דער שמש? ר' גדליה נעמט עטלעכע יינגלעך און גיט זיי ספרים פון בית המדרש. אַ חילול, ליידיקע פּאַליצעס.

ר' לוי יצחק: מיינע ספרים וועלן דאָך מן הסתם באַלד זיין.

נחמן: ביי ר' מרדכין זיינען געשטאַנען די אייגענע ספרים.

גדליה: קומט, קונדייסים, קומט, שקצים. (ער נעמט מיט זיך אַ פּאָר יינגלעך און גייט אַרויס.)

ר' לוי יצחק: איז דאָ שלום? איז דאָ שלווה? וועל איך זיך קענען אָפּגעבן מיט משפט צדק? וועל איך דאָ רואיק קענען לערנען די תורה?

אַ ייד: צדיקים אויף דער וועלט ווינציק פאַראַנען. יידן זאָלן זיין געזונט.

ר' לוי יצחק: צדיקים... וואו זיינען עס צדיקים גמורים פאַראַן? כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. יעדער ייד האָט אַ חלק עולם הבא; מיינט דאָך עס, אַז ער האָט פאַרדינט, מיינט דאָך עס, אַז ער איז ווערט...

צוויי יידן (סענדער און ירחמיאל קומען אַריין, אַביסל מגושמדיק, דערלאַנגען דעם רב אַ שווערן שלום עליכם.)

ירחמיאל: דאָס וועט זיין אונדזער רב? שלום עליכם!

סענדער: צופוס געקומען, ביי מיר ס'פערד געפאַלן און ער האָט ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן, כאַ־כאַ־כאַ!

ר' לוי יצחק: ווי איז אייער נאָמען, זייט זשע מוחל?

ירחמיאל: מיין נאָמען איז ירחמיאל ליפּוטשער, און זיין נאָמען

איז סענדער כאַרילאָווקער. שכנישע דערפער. (אין דעם עולם רופט עס אַרויס אַ צופרידענעם געלעכטער.)

סענדער: לאָכן יידן פון אַ דאָרפישן מענטשן. וואָס, ירחמיאל?

ירחמיאל: שוין באַלד דריי חדשים און נישט עולה לתורה געווען, כאַ־כאַ־כאַ! מען איז פאַריאָגט, צום גוטן יאָר.

ר׳ לוי יצחק: יידן ציט צו יידן אין שטאָט אַריין. כ׳געדענק ווי איך האָב זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ דאָרף ביי פיינע יידן. געלערנט מיט זייערע קינדער און דאָרט מיט גאָטס חסד מיין זיווג געפונען.

צינע (שמייכלט מיט ליבע צו די ווייבער וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט.)

אַ יינגל (הייבט אָן צו וויינען ערגעץ אין ווינקל. דער עולם ווענדט זיך אין יענער זייט.)

ר׳ לוי יצחק: ווער וויינט עס?

נחמן: ס׳איז אַ יתום דאָ געבליבן, האָט ער אַ טבע צו וויינען דווקא יעמאָלט ווען ס׳איז אַ שמחה.

אַ ייד: אַרויס, דו יונגאַטש, דרויסן וועסטו וויינען!

ר׳ לוי יצחק (פאַרשטעלט דעם יינגל דעם וועג): קום צו מיר, מיין קינד, וואָס וויינסטו?

יינגל: כ׳וויל לערנען.

(אַ געמורמל אין עולם. יינגלעך לאָכן זיך פאַנאַנדער.)

ר׳ לוי יצחק: נו, איז אין וואָס געוועגדט? יידן ווינציק פאַראַן וואָס ווייסן די תורה?

יינגל: קיינער וויל מיט מיר ניט לערנען, באשר איך בין אַ יתום...

ר׳ לוי יצחק: ווי אַלט ביסטו?

יינגל: איך בין שוין אַלט צוועלף יאָר און קיינער וויל מיט מיר ניט לערנען.

ר׳ לוי יצחק: וואו עסטו?

נחמן: עס פעלט אים נישט צו עסן.

אַ ייד: קומט צו מיר אויך אַריין. קיין עין־הרע אַ גרויסער פרעסער.

ירחמיאל: ווי איך בין אַ ייד, איך נעם אים צו זיך אויפן דאָרף, ער וועט ביי מיר ווערן אַ לייט.

סענדער: איך וואָלט אים אויך געגעבן צו עסן, זאָל מען מיר אים נאָר אָפּגעבן.

נחמן: נעם זיך אים.

יינגל: איך וויל ניט, איך וויל לערנען.

סענדער: וואָס זאָגסטו צו אים? אַ געשטעל פון אַ יתום!

ר׳ לוי יצחק: ווייך נישט, מיין קינד. איך וועל מיט דיר לערנען תורה, זעץ דיר אַנידער אין אַ ווינקל צווישן די קינדער. ווייך נישט.

גדליה (און הינטער אים יינגלעך קומען אַריין, יעדער איינער טראָגט אַ ברעמיע ספרים. שטעלן די ספרים אין די פּאָלעצעס אַריין).

ר׳ לוי יצחק: איך באַגער צו זען דעם בית המדרש.

נחמן: גייט זאָגט, אַז מען גייט אין שול אַריין.

ר׳ לוי יצחק: ס׳איז אונדזער דירת־קבע. (ער לאָזט זיך צום טיר. דער עולם מאַכט אַ וואַרע אים דורכלאָזנדיק. גייען אים אַלע נאָך אויסער צינע און נאָך אַ פּאָר ווייבער, וואָס בלייבן.)

אַ פרוי: אַז מען איז ווערט ביי גאָט שיקט ער שוין צו נחת מיט דער פולער האַנט.

צווייטע: געלויבט איז דער אייבערשטער.

צינע: מיין האַרץ פאָלט מיר שיר נישט אַרויס פאַר שמחה. ווי רופט מען אייך, זייט זשע מוחל?

ערשטע: דאָבע חנה, אַן אלמנה. מיין מאַן איז געווען אַ לערנער. נישט באַשערט געווען.

צווייטע: איך בין דאָ אין שטאָט געבוירן געוואָרן. געדענק ווי ר׳ מרדכי איז דאָ אָנגעקומען פאַר אַ רב. מיר האָבן שוין אַזאַ מזל. אַלע שיינע יידן אָדער שטאַרבן דאָ אויס אָדער גייען אַוועק.

דאָבע חנה: גאָט איז מיט דיר, זעלדע, וואָס דו רעדסט. מען קען טאָקע חלילה מיינען ווייס איך דאַרט וואָס.

צינע: געווען אַ יונגער מאַן דער פריערדיקער רב?

דאָבע חנה: געהאַט שוין אויסגעגעבענע קינדער.

זעלדע: נעמט ניט פאַר אומגוט, רביצין.

ציניע: עס ציטערט מיר מיין האַרץ פאַר שׂמחה... ווי איז מיר.

בנימין שמשון (קומט אַריין צורודערט מיט דער בייטש אין האַנט): אַ גאָט העלף! וואו איז מען? וואו זענען אַלע?

ציניע: דאַכט מיר איר האָט געפירט מיינע קינדער, וואו זענען זיי?

בנימין שמשון: שרעקט זיך נישט, רביצין, ס'האָט גאַרנישט געטראָפן. איך באַדאַרף האָבן די מאַנסבילן. וואו זענען זיי?

דאָבע חנה: וואָס זייט איר, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַזוי צעטראָגן?

ציניע: עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז ס'האָט חלילה...

בנימין שמשון: גאַרנישט, גאַרנישט. כ'האָב געזאָגט אַז מען זאָל מיר צושפּאַנען נאָך אַ פערד; ס'וואָלט אַזאַ זאַך נישט געטראָפן ווען איך האָב נאָך דעם קאַשטאַנעוואַטן אויף מיין שלייע.

ציניע: ווי גאָט איז אייך ליב, וואו האָט איר אַהינגעטאָן די קינדער?

זעלדע: אַ מאָדנער מענטש, וואָס האָסטו מורא צו רעדן?

בנימין שמשון: וואו זיינען די מאַנסבילן? וואָס האָב איך מיט אייך, ווייבער, צו רעדן.

(ער לאָזט זיך צום טיר.)

ציניע (זי און די ווייבער פאַרשטעלן אים דעם וועג): וואָס אַנטלויפט איר? כ'וועל עס אפשר נישט אויסהאַלטן... כ'וועל אפשר..

בנימין שמשון: האָבן זיך אַוועקגעיאָגט מיטן רב מיט די טייערע פערד און מיר געלאָזן פון הינטן. נו, האָבן מיך די כאַטשעווער יידן אָנגעיאָגט ווי נאָר איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון באַרג.

ציניע: און די קינדער?

בנימין שמשון: דאָ, דאָ.

דאָבע חנה: טפוי זאָל עס ווערן.

זעלדע: די האָר שטעלן זיך קאַפּויר.

ציניע: איך וועל עס ניט אויסהאַלטן.

בנימין שמשון: שרעקט זיך נישט, רביצין, איך באַדאַרף האָבן

די מאַנסבילן. וואו זענען זיי? אוודאי אין שול. — דער רב זאָגט אוודאי אַ דרשה — אוואַ (איילט אַרויס.)

ציניע: ווי איז מיר...

זעלדע: וויינט ניט, רביצין, די קינדער זיינען געזונט, דער נאַר — מען קען זיך ביי אים נישט דערוויסן.

גנענדל (און נאָך אַ פּאָר פרויען קומען אַריין אויפגעבראַכטע.)

ציניע: אַט איז מיין טאָכטער! וואו איז חיים און טייבעלע?

גנענדל: וועלן אפשר באַלד אויכעט קומען.

אַ פרוי: איך קוק, עפעס אַ מיידל גייט און פרעגט וואו וואוינט דער רב? פרעג איך: וואָס פאַר אַ רב? מאַכט זי: דער נייער רב — זאָל איך עס וויסן אַזאַ זאַך...

גנענדל: אפשר אַ האַלבע שטאָט האָט זיך נאָכגעיאָגט. וואָלטסט זען וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן, מען האָט אויסגעשפּאַנט אונדזערע פערד און איינגעשפּאַנט אַנדערע.

ציניע: טאָ וואו זיינען די קינדער?

גנענדל: איך זאָג דאָך דיר, כאָטשעוועער יידן האָבן אונדז דער־יאָגט, אויסגעשפּאַנט די פערד און איינגעשפּאַנט זייערע און פאַר־קירעוועט צוריק. טייבעלע האָט זיך געפרייט וואָס זי פאָרט צוריק.

דאָבע חנה: רשעים זיינען זיי דאָך, נישט קיין יידן.

ציניע: און חיימל?

גנענדל: ער האָט געשוויגן.

זעלדע: וו'הייסט געשוויגן? מען באַדאַרף דאָס כ'וויס ניט וואָס צו טאָן פאַר אַזאַ זאַך.

גנענדל: זיי האָבן דעם וואָגן ספרים אויך פאַרנומען מיט זיך.

ציניע: די ספרים, ווי איז מיר.

גנענדל: איטשע האָט געשריגן: ר' לוי יצחק קען אָן די ספרים נישט אויסקומען. לאָמיר די ספרים נעמען און די קינדער לאָזן. האָט לייב הערש געזאָגט — די ספרים זענען זיך ספרים און די קינדער זענען זיך קינדער, האָט ער געזאָגט.

ציניע: טאָ ווי אַזוי קומסטו אַהער? ווי אַזוי ביסטו...

ציבוליע (לויפט אַריין): גוט. דו נישט שרעק, קאַניוכעס, קבצנים

זיך געזעצט רייטנדיק, זיך אָװעקגעיאָגט זיי ברענגען. זיי שוין קריגן. זיי שוין האָבן!

זעלדע: גראָבע יונגען, שפּילן זיך מיט פייער. דער רב זאָל לעבן װייסט גאָרנישט פון דעם.

דאָבע חנה: דער צדיק, אים גייט עס גאָר נישט אָן.

צינע: אפשר װעט זיי חלילה קיין בייז נישט טרעפן, אָבער ס׳האַרץ פאַלט מיר אַרויס פאַר שרעק.

עמעצער (שרייט אַריין אין פענצטער): מען פאָרט!

גנענדל: מסתמא זיי. אפשר אויך אַנטלאָפן געװאָרן װי איך.

צינע: הייסט עס, דו ביסט אַנטלאָפן געװאָרן. װיי צו מיינע יאָרן.

(אַ גערויש פון אָנקומענדע פורן. הענעך יואל, עוזר, זאַװל און נאָך יידן קומען אַריין.)

הענעך יואל: כ׳האָב געזאָגט, אַז אין שול זיינען זיי. ער מוז זאָגן אַ דרשה. לאָז מען אַראָפּנעמען די ספרים.

עוזר: כ׳האָב געזאָגט אַז ס׳װעט זיין אַן עװלה.

צינע: װאָס האָט איר צו אונדז?

הענעך יואל: נישט מיין שולד.

עוזר: כ׳האָב געשריען, אַז ס׳איז אַן עװלה.

צינע: װאָס האָט איר צו אונדז?

הענעך יואל: נישט מיין שולד.

עוזר: כ׳האָב געשריען, אַז ס׳איז אַן עװלה.

זאַװל: מיר זיינען נישט װערט, האָב איך געזאָגט, און גיט זיך אונטער, האָב איך געזאָגט.

עוזר: איך האָב זיך נישט אונטערגעגעבן, אָבער די קינדער פאַרכאַפּן צוריק — האָב איך געזאָגט איז אַן עװלה.

זאַװל: זעסט אַ בית הרב. זעסט װאָס דאָ טוט זיך? אונדזער שטאָט האָט אויף דעם קיין שׂכל נישט געהאַט.

הענעך יואל: גייט טראָגט אַראָפּ די ספרים. כ׳װעל אפשר גיין אין בית המדרש אַריין.

אַ ייד: מיר קלעפּן זיך נישט די הענט.

ציִנע (וויינט אין דער שטיל.)

זאַוול (צו אַ יידן) : **נו, וואָס, שׂמחה, ס׳פאַרקלעמט דאָס האַרץ, האָ?**

עוזר: און איך, מיינסטו, האָב נישט געוויינט, אַז כ׳האָב געזען ווי די פורן רירן זיך.

אַ ייד (וואָס איז אַ ווײַלע פריער אַרויסגעגאַנגען, קומט אַריין מיט אַ ברעמיע ספרים און שווייגנדיק צושטעלט ער זיי אין די פּאָלעצעס. אַלע מענער, טרויעריקע, שווייגנדיקע, יעדערער עפנט אַ ספר, בלעטערט, לאָזט אַרויס פון צייט צו צייט אַ זיפץ.)

אַ צווייטער ייד (קומט אַריין מיט אַ ברעמיע ספרים און שטעלט זיי אין די פּאָלעצעס אַריין.)

ר׳ לוי יצחק (און נאָך אים אַ גרויסער עולם קומט אַריין. אין עולם שפּירט זיך אַן אויפרעגונג. ביי אים אָבער רוט אויפן פּנים אַ גוטמוטיקער שמייכל. רעדט מיט ליבע) : **נו, עס ווע́לן דאָך צוליב לוי יצחקן צוויי שטעט חלילה נישט חרוב ווערן; די ספרים מיר געבראַכט און די קינדער צוגענומען.**

הענעך יואל: כ׳האָב געזאָגט, אַז מען טאָר דעם רב אָן ספרים נישט לאָזן.

נחמן: הייסט עס געמיינט, אַז כּאַטשעווע האָט שוין קיין ספרים נישט אַפילו.

ר׳ לוי יצחק: און די קינדער ביי מיר צוגענומען: ווי יעקב אָבינו, צוגענומען ביי אים בנימינען, אַז ער זאָל אַליין נאָכקומען. וואָס יידעלעך קען איינפאַלן צו טאָן.

אַ ייד: די שטאָט איז פאַרפינצטערט געוואָרן. איך וועל מוזן ציען קיין האַראָטשין.

אַ צווייטער: אדרבא ציט אַהער וועט האַראָטשין ווערן גרע־סער. אדרבא.

נחמן: זאָל מען אַריינברענגען משקה און טרינקען לכבוד דעם רבין מיט די יידן פון כּאַטשעווע. וואָס כעסט איר זיך כּאַטשעווער יידן, אַזוי איז דער ווילן פון גאָט, אַזוי פיל יאָרן האָט איר זוכה געווען און איצטער איז עס אונדזער זכיה.

ר׳ לוי יצחק (קוקנדיק ווי מען טראָגט די ספרים אין שטוב אַריין) :

כאַ־כאַ־כאַ, געבראַכט מיר די ספרים און צוגענומען די קינדער. ווי איז אַז די ספרים קען איך אויסנוויניק און די קינדער באַדאַרף איך אַלע ווײַלע אויף זיי קוקן, אַז איך זאָל האָבן דעם תענוג פון גדול בנים און דעם צער פון גדול בנים?

עוזר: וואָס האָבן מיר געטאָן?

זאוול: אַ גרויסע נאַרישקייט געווען.

אַ ייד: פשוט פון זינען אַראָפּ.

אַ צווייטער: ווער ווייסט וואָס דאָרט וועט זיך אָפּטאָן אויב זיי וועלן זיי אָניאָגן.

בנימין שמשון: וועלן זיי נישט דעריאָגן. כ׳האָב באַטראַכט זייערע פערד. האָבן נישט קיין פערד.

ציבוליע (לויפט אַריין): יידן זיך שלאָגן אין מאַרק.

נחמן: אַ חילול השם. וואָס ווילן פון אונדז די כאַטשעוווער יידן?

ר׳ לוי יצחק: זעט שלום זאָל זיין.

בנימין שמשון: קומט יידן, קומט זאָל מען עס נישט דערלאָזן. (יידן גייען אַרויס.)

ר׳ לוי יצחק: אפשר האָב איך טאַקע געמאַכט אַ טעות. קען זיין נישט איבערגעלייגט זיך ווי געהעריק איז. וואו איז די רביצין?

צינע: אפשר, לוי יצחק, זיינען מיר באַגאַנגען אַן עולה אַנט־אַנטקעגן כאַטשעוווער יידן?

ר׳ לוי יצחק: עס קען חלילה קומען צו שפיכת דמים, כ׳וועל אויך אַרויסגיין.

אַ עלטערער ייד: ס׳איז אַ פחיתת הכבוד. זאָל דער רב בלייבן אין שטוב.

ר׳ לוי יצחק: יידן, איך בעט אייך, ברענגט נישט לוי יצחקן צו קיין נסיון.

אַ ייד (צעשויבערט, אויפגערעגט, לויפט אַריין מיט אַ געשריי): ער איז אַן עוכר ישראל, אַ רשע מרושע, האָט געבראַכט מחלוקת אויף אונדזער שטאָט, מען וועט איינער אויף דעם אַנדערן מלשין זיין...

נחמן: וואַרפט אים אַרויס דעם עזות פּנים!

שטימען:

— וואַרפט אים אַרויס.

— ס׳איז אַ חלול השם.

— ער האָט פאַרשוועכט די תּורה.

— אין חרם אַריינוואַרפן.

— מלקות באַדאַרף מען אים געבן.

דער ייד: אָפּגעדאַרט וועט ווערן די האַנט דעם וואָס וועט מיך פּרואוון אַרויסוואַרפן.

ר׳ לוי יצחק: יידן, אַן רוגז. אפשר איז ער גערעכט.

שטימען:

— אַן אַלטער עזות פּנים.

— האָט ר׳ מרדכילען אויך בזיונות אָנגעטאָן.

— ער איז שיכּור.

— וואַרפט אים אַרויס!

(פון צווישן די ווייבער דערהערט זיך אַ געוויין.)

נחמן: טרייבט אַרויס די ווייבער פון דאַנען!

ר׳ לוי יצחק: זייט כובש אייער כּעס, יידן. לאָזט מיר זייט מוחל צו צו אים. אפשר איז ער גערעכט. (קלייבט זיך דורך צום בעל מחלוקת.) ווער זייט איר? שלום עליכם.

אַ ייד: זלמן פעלץ — ווער ווייס עס נישט?

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס, ר׳ זלמן איז אייער נאָמען. זייט זשע מוחל, ר׳ זלמן. איך וויל איר זאָלט אַרויסלייגן אייערע טענות בפני כּל עם ועדה. און זאָל קהל משפּטן, אפשר בין איך אומגערעכט. אפשר בין איך נישט ווערט צו פאַרנעמען דעם כּסא הרבנות נאָך ר׳ מרדכין.

נחמן: וואָס רעדט איר, רבי? מיט וועמען אַ משפּט האָבן? ס׳איז אַ חילול הקודש איר זאָלט שטיין אין זיינע דלת אמות.

זלמן (מיט חוצפּה): ער איז אַ רשע מרושע! אַן עוכר ישראל!

שטימען:

— לאָזט מיר נאָר צו צו אים.

— פאַרשפּאַרן אין הקדש.

— זאָל ער זיך אויסניכטערן.

— איך וועל פון אים די פעל אַראָפּשינדן.

נחמן: וואַרפט אים אַרויס ווי אַ קרעציקן הונט פון דאַנען.

(די כאַטשעוועד יידן אין אַ בינטל שטייען אָן אַ זייט און סודען זיך. אַנדערע ברעכן מיט די הענט פאַר עגמת נפש.)

ר׳ לוי יצחק: יידן, הערט מיר אויס. ס׳האָט נאָך קיינער נישט געטאָן קיין שלעכטס מיט כוונה. ס׳איז מסתמא אַ סבה פאַראַנען. זאָל ער זאָגן בפני עם ועדה, וואָס ער האָט צו מיר?

איינער (פון עולם): קיין שום סבה נישטאָ, רבי. מען האָט אים אָנגעשטעלט ער זאָל עס טאָן. אָנגעשיכּורט אים. איך ווייס ווער.
(קוקט צו די כאַטשעוועד יידן.)

הענעך יואל: ס׳איז אַ בלבול אויף כאַטשעוועד יידן, רבי, איר טאָרט עס נישט דערלאָזן.

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס, אַז עמעצער האָט עפּעס אַקעגן מיר. טאָ פאַרוואָס האָט מען עס מיר פריער ניט מודיע געווען. איך האָב דאָך געפרעגט צי איך וועל חלילה נישט גורם זיין קיין מחלוקת מיט מיין קומען אַהער.

נחמן: וואו איז עס נישט קיין מחלוקת. מחלוקת איז ווי טרו־קענע האָלץ, מען באַדאַרף נאָר אַ פייער אונטערלייגן דער ווינט קומט שוין אַליין און צעבלאָזט.

ר׳ לוי יצחק: הייסט עס, אַז איך בין עס דער ווינט, וואָס צעבלאָזט דעם פייער... שיין, לוי יצחק...
(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ טרויעריק.)

איינער (פון די כאַטשעוועד): פאַרט מיט אונדז צוריק, רבי! עס וואַרטן אויף אייך פורן הינטערן באַרג. דאָ וועט איר האָבן נאָר מחלוקת.

ר׳ לוי יצחק: אויב ס׳איז געווען מחלוקת וועל איך זען, אַז שלום זאָל זיין. באַדאַרף איך דאָ זיין.

שטימען:
— אַזוי, רבי.
— לאַנג לעבן זאָל ר׳ לוי יצחק!
— דאָס האָבן זיי אים אָנגעשיכּורט.
— זאָלן זיי אַרויסגעבן דעם, וואָס האָט עס געטאָן.

ר׳ לוי יצחק: איך וויל אָבער זיך דורכשמועסן מיט ר׳ זלמנען. אפשר וועט ער מיר זאָגן פאַרוואָס... זייט זשע מוחל, ר׳ זלמן, יידן לאָזט צו ר׳ זלמנען נעענטער.

נחמן: רבי, אַ פּחיתת הכבוד.

ר' לוי יצחק: נישטאָ אַזאַ זאַך ביי לוי יצחקן. איך בין מוחל אויף מיין כבוד. נישט אומזיסט האָט ער מיר אָנגערופן עוכר ישׂראל. ס'איז פאַראַן אַ טעם דערביי...

זלמן: איך זאָג דו זאָלסט זיך איינפּאַקן און פאָרן פון דאַנען. גיי דיר צוריק מיט די כאַטשעווער יידן.

צינע (פון צווישן עולם): לוי יצחק, זיי זיך מיישב. אפשר זאָלן מיר פאָרן צוריק וואו מען האָט אונדז געהאַלטן מיט כבוד.

גנענדל (גייט צו דער מוטער, קושט איר און ווישט די טרערן.)

נחמן: אַ חרפּה, אַז אַזאַ זאַך זאָל ביי אונדז פאַרלויפן. וואַרפט אים אַרויס דעם פּושע־ישׂראל.

(ער לאָזט זיך צו זלמנען.)

זלמן: דעם עוכר ישׂראל וואַרפט אַרויס...

(מען וויל אים אַרויסוואַרפן, ער כאַפּט זיך אָן פאַרן עמוד.)

אַ ייד: לאָזט מיר נאָר צו צו אים, איך וועל אים באַלד...

ר' לוי יצחק: יידן, רחמנים בני רחמנים, דערלאָזט נישט צו קיין שפיכת דמים.

נחמן: שלעפּט אים אַוועק פון אָרון קודש.

זלמן (ציט זיך צום אָרון קודש.)

שטימען:

— לאָזט אים נישט.

— ער וועט די תורה מחלל זיין.

— צעברעכט אים רוק און לענד.

— ס'איז אַזאַ זאַך נישט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט.

— איר וועט אים ממיתן.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי!

זלמן (ווערט זיך, שרייט): אַלע קללות וועלן קומען אויף אייך... אַלע חרמות וועלן קומען אויף אייך!

(עס ווערט אַן אַלגעמיינער געטומל. אַלע לאָזן זיך צו זלמנען. ער ווערט זיך מיט אַלע כוחות, כאַפּט זיך אָן אַן עמוד און שלעפּט

מיט דעם עמוד מיט זיך. זיינע הענט צעבלוטיקט. דער קאַמף איז אַ שטילער און ביטערער. פון דער ווייבערשער זייט רייסט זיך אַרויס זיפצן און קרעכצן. מען וואַרפט אים אום אויף דער ערד און מען שלעפט אים צום טיר.)

ר׳ לוי יצחק (פאַרשטעלט דעם וועג): **יידן, וואָס טוט איר? איר זייט שופך דמים. באַטראַכט, יידן, וואָס איר טוט.**

(מען טראָגט זלמנען אַרויס פון שטוב. ער ווערט זיך איצטער כמעט ניט.)

אַ פרוי (הייבט אָן ווייגען אויפן הויכן קול און גייט אַזוי ווייגענ־דיק אַרויס פון שטוב.)

ר׳ לוי יצחק: דער ייד האָט עס נישט געטאָן מיט קיין שלעכ־טער כוונה. מן השמים ווינקט מען צו מיר, אַז איך בין באַגאַנגען אַ קרומע זאַך.

אַ ייד: נישט אַנדערש אַ קליפה האָט זיך אין אים אַריינ־געזעצט.

אַ צווייטער: ער איז בכלל אַ גאַנץ שטילער מענטש, וואָס איז מיט אים געשען וואָס ער איז אַזוי פון די כלים אַרויס?

אַ דריטער: ער איז דאָך גאָר געווען אויפן דאָרף, ווען איז ער אָנגעקומען?

ר׳ לוי יצחק: וואָס איז זיין אומנות?

נחמן: אַ שוסטער און אַ שלעכטער דערצו.

ר׳ לוי יצחק: אַ יגיע כפים. ס׳איז מיר אַ רמז מן השמים.

הענעך יואל: אין כאַטשעווע וואָלט אַזאַ זאַך ניט פּאַרלאָפן. כאַטשעווער יידן ווייסן ווען זיי האָבן געדאַרפט ביי זיך אין שטאָט.

עוזר: ס׳איז פאַר אונדז אַ בזיון.

ר׳ לוי יצחק: איך בין דער חוטא, נישט ר׳ זלמן. ער איז גע־שיקט געוואָרן מיר צו וואָרנען. בין איך דאָך דער פושע. איך לוי יצחק האָב זיך צופיל גענומען אויף די פּלייצעס. נישט מיין זכיה...

(הינטערן טיר ווערט אַ גערודער.)

איינער: זלמן בעט מען זאָל אים אַריינלאָזן. ער וויל בעטן ביים רב מחילה.

שטימען:

— פאַרשפּאַרט די טיר.

— אַ בזיון.

— ניין, לאָזט אים אַריין.

— מען טאָר נישט.

— מען טאָר נישט פאַרשטעלן אַ יידן דעם וועג, אַז ער וויל זיין אַ ייד.

ר׳ לוי יצחק (גייט צום טיר און מאַכט אַ וועג פאַר זלמנען.)

זלמן (קומט אַריין בלאַס, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס.)

ר׳ לוי יצחק: וואָס איז דער מער, ר׳ זלמן? זייט מיר מוחל. אפשר בין איך באַגאַנגען אַן עוולה. און דורך אייך באַדאַרף איך עונש אָפּקומען.

זלמן (שעפּטשעט): ניין, רבי... כ׳האָב אייך מבייש געווען... זייט מיר מוחל. בפני כל עם ועדה זייט מיר מוחל...

ר׳ לוי יצחק: מוחל, מוחל במחילה גמורה.

זלמן: אַ שלעכטע מחשבה איז מיר אַריין אין קאָפּ, אַז איך זאָל אייך מבזה זיין...

ר׳ לוי יצחק: קומט נעענטער, יידן. זעט, יידן, אַז צווישן אייך אַרבעט אַ צדיק גמור און איר האָט עס נישט געוואוסט.

נחמן: זיי צופרידן, זלמן, וואָס אַ גוטע מחשבה איז געקומען אין צייט.

שטימען:

— פאַסטן באַדאַרף ער.

— צדקה געבן.

— נעם אויף זיך אַ תשובה, זלמן.

— כאַ־כאַ־כאַ, זלמן, האָסט זיך געשפּילט מיט פייער!

ר׳ לוי יצחק: דאָס בין איך געווען דער בעל נסיון און דורך מיר איז אַ צדיק גמור פאַרשעמט געוואָרן.

(צו באַמערקן אַז ער האָט זייער פיל איבערגעלעבט פאַר דער קורצער צייט.)

צינע: וואָס וועט זיין מיט די קינדער?

ר׳ לוי יצחק: כאַ־כאַ־כאַ! אויך אַ נסיון... ס׳איז שיין צו זיין אַ ייד. וואויל צו זיין אַ ייד...רבונו של עולם, באַשטראָף מיך אין צייט און לאָז ניט מיין האַרץ זאָל אַריינפאַלן אין יאוש.

נחמן (מיט כעס): כאַטשעווער יידן! וואָס שטייט איר מיט פאַר־לייגטע הענט! פאַרוואָס זעט איר ניט אַז די קינדער זאָלן קומען און...

ר׳ לוי יצחק (לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול, רעדט שוואַך): פאַראַן אַמאָל, אַ מענטש איז זיך קונה זיין וועלט אין איין שעה, און פאַראַן אַ מענטש וואָס מאַכט חרוב זיין וועלט אין אַ רגע.

נחמן: איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז די כאַטשעווער יידן זאָלן פאַרן און ברענגען די קינדער און ר׳ לוי יצחקן נישט גורם זיין קיין עגמת נפש.

ר׳ לוי יצחק (מאַכט מיטן האַנט ווי בעטנדיק אַז נחמן זאָל שווייגן. ער רעדט פריער שטיל און שפּעטער גייט ער איבער אין התלהבות. רעדט אַזוי זיצנדיק אויף זיין אָרט): ס׳איז וואויל צו זיין אַ ייד. שלום איז די יידישע קרוין, שלום איז זיין נאָמען... איינמאָל אין לעבן קומט מען צו אַ נסיון, איינמאָל, איינמאָל... טאָ וויל איך אים גיין אַנטקעגן... יידן, רחמנים בני רחמנים.

(דער עולם הערט פאַרגאַפט צו זיינע ווערטער. פון דרויסן דער־טראָגט זיך אַ געזאַנג. אַלע הערן זיך צו מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם.)

אַ שטימע (דערטראָגט זיך פון דרויסן): זאָגט אָן דעם רב, אַז די קינדער קומען.

ר׳ לוי יצחק (שעפּטשעט): געלויבט איז דער אייבערשטער, גע־לויבט איז דער אייבערשטער.

אַ ייד (פון צווישן די כאַטשעווער ביים טיר): כ׳וועל אפשר אַהיים נישט דערפאָרן...

(כאַפּט זיך פאַרן האַרצן און הייבט זיך אָן אַראָפּלאָזן. געזאַנג דערנעענטערט זיך.)

דריטער אַקט

אַביסל שפּעטער דעם אייגענעם זומער. אָוונט. אין בית־הרב, וואָס אין פריערדיקן אַקט. לוי יצחק און חיים זיצן ביידע ביים טיש און לערנען, פאַרטיפט אין אַ גרויסן ענין.

צינע (טראָגט אַריין צוויי גלאָז טיי און שטעלט אַנידער לעבן די מענער, גאַרניט זאָגנדיק. וויל שוין אָוועקגיין צוריק.)

ר׳ לוי יצחק: וואָס טוען די קינדער?

צינע: זיינען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן.

ר׳ לוי יצחק (פאַרטיפט זיך ווידער אין ספר ברומענדיק אַ גמרא־ניגון. הייבט אויף די אויגן און באַמערקט, אַז צינע שטייט און קוקט צו אים): האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, צינע?

צינע: איך שטיי אַזוי זיך, כ׳טראַכט פון די קינדער.

ר׳ לוי יצחק: וואָרעם וואָס?

צינע: האָבן זיך שוין חברטעס אויסגעפונען.

(וויל אָוועקגיין.)

ר׳ לוי יצחק: זיי זשע מוחל, צינע.

צינע: האָסט מיט מיר וואָס צו רעדן?

ר׳ לוי יצחק: זיי זשע מוחל.

צינע (זעצט זיך.)

ר׳ לוי יצחק: כ׳האָב ענמת נפש.

צינע: איך ווייס.

ר׳ לוי יצחק: וואָס וואָלסטו דערויף זאָגן?

ציניע: כ׳מיין, אַז דו פֿאַרשטייסט בעסער.

חיים (פֿון דער גמרא אַרויס): איך וואָלט מסכּים געווען, ווען מען נעמט אונדז אַרויס אין אַן אַנדער שטאָט.

ר׳ לוי יצחק: ביסט ניט משׂיג די גרויסע טרחה און די גרויסע אחריות.

חיים: אַז מען רופֿט באַדאַרף מען גיין.

ר׳ לוי יצחק: מען גייט ניט אַוועק פֿון אַ שטיק ערד ביז מען האָט ניט געמאַכט, אַז זי זאָל געבן אירע פּירות. וואָס האָב איך אויפֿגעטאָן אין האַראַטשין, וואָס איך זאָל שוין טראַכטן פֿון אַנדערע קהילות?

ציניע: טאָ וואָס וועט זיין?

ר׳ לוי יצחק: כ׳וועל מיך אָפּזאָגן פֿון רבנות און זאָלן די אויגן פֿון דער וועלט ניט זיין געווענדט מער צו לוי יצחקן.

ציניע: וואָס מיינסטו, לוי יצחק?

חיים: אַוועקפֿאָרן אין דאָרף אַריין, טאָן וואָס דער פֿעטער טוט, וואָס דער זיידע טוט.

ציניע: דאָס מיינט ניט דער טאַטע.

ר׳ לוי יצחק: און אפֿשר טאַקע דאָס. מה רעש? איך קען מער ניט סובל זיין אַזאַ טרחה. יידעלעך קוקן צו מיר; און זייערע דאגות האָבן זיי אויף מיר אָנגעלייגט, און זייערע תּרעומות.

ציניע: חלילה, ווי פֿאַלט עס דיר איין? איז עס דען געווענדט אין אונדז.

ר׳ לוי יצחק: כאַ־כאַ־כאַ, ביסט גערעכט. ניט געווענדט אין מיר. נישטאָ קיין בחירה. גיי זאָג יידעלעך, אַז דו קערסט זיך אָפּ פֿון זיי, אַז דו ווענדסט זיך אָפּ.

(פֿאַרטיפֿט זיך ווידער אין ספֿר. צעוויגט זיך מיט אַ רירנדיקן ניגון און חיים פֿון זיין זייט פֿאַראייניקט זיך מיט אים און די גאַנצע שטוב ווערט פֿול מיט די קלאַנגען פֿון גמרא־ניגון.)

ציניע (זיצט ווי אַ פֿאַרגליווערטע, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, איינזאַפּנדיק אין זיך די קלאַנגען. מען קלאַפּט אין טיר.)

ר׳ לוי יצחק: דאַכט מיר עמעצער קלאַפּט אין טיר.

צינע: האָ, כ'האָב מיר אַזוי פאַרטראַכט. יאָ, טאַקע, מען קלאַפּט.
(זי גייט עפענען. בלייבט פאַרוואונדערט שטיין.)

הערש בער (באַווייזט זיך אין טיר. פאַלן איינס דאָס אַנדערע אויפן האַלדז.)

צינע: זע נאָר, לוי יצחק, סאַראַ גאַסט!

הערש בער: נישט געוואַרט, אַז הערש בער זאָל קומען?

ר' לוי יצחק (גייט אים אַנטקעגן): שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ ייד.

הערש בער: און דאָרטן איז דאָך מסתמא, חיים... וואָס מאַכט חיים?

חיים: שלום עליכם.

צינע: מיר האָבן היינט גערעדט פון דיר. וויפל האָט מען זיך שוין ניט געזען. דאַכט זיך באַלד אַ יאָר זיבן?

הערש בער: קאָם זיך דערשלאָגן. אַזוי איז מען פאַרוואָרפן. כ'וואָלט פון גאָרניט געוואוסט. פאָרט עפּעס דורך אַ ייד און בלייבט נעכטיקן. פרעג איך אים, וואָס עס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט? דערציילט ער: אַז צוויי שטעט שלאָגן זיך איבער אַ רב. פרעג איך: וואָס'אַראַ שטעט און וואָס'אַראַ רב? מאַכט ער: אַז דער רב איז ר' לוי יצחק, און די שטעט זענען האָראָטשין און כאָטשעוועז. כאַ־כאַ־כאַ, טראַכט איך מיר, שוין אַזוי באַשערט, מען זאָל זיך שלאָגן איבער לוי יצחקן...

צינע: וואָס מאַכט עפּעס דער טאַטע? וואָס מאַכט סטערע און די קינדער?

הערש בער: גאָט צו דאַנקען געזונט. ווייט, ווייט זיך פאַר־קליבן. וואָס האָבן מיר היינט — דאַנערשטיק? מאָנטיק באַגינען זיך אַרויסגעקליבן פון דער היים.

ר' לוי יצחק: געפאָרן?

הערש בער: אַ ביסל געפאָרן, אַ ביסל געגאַנגען.

ר' לוי יצחק: געלויבט איז דער אייבערשטער.

הערש בער: און דאָס איז חיים? קיין עין־הרע באַלד שוין אַזוי גרויס ווי מיין בנימין.

צינע: און וואָס מאַכט דייך רבקה?

הערש בער: שוין אַזוי גרויס ווי די מאַמע. האָב פון איר נחת. כ׳האָב מורא, אַז זי איז אין דיר געראָטן, כאַ־כאַ־כאַ. פרום, אַז דאָס איז — צו זוכן... פרימער פון מיר. זאָגט, אַז זי מוז אויך זיין אַ רביצין. וואָס זאָגסטו צו איר?

ר׳ לוי יצחק: איז שוין אַלט דאַכט מיר זיבעצן יאָר.

הערש בער: געוואָרן חול המועד פסח.

ר׳ לוי יצחק: געלויבט דער אייבערשטער.

צינע: אפשר ביסטו הונגעריק, הערש בער?

הערש בער: גאָט צו דאַנקען נישט הונגעריק, וואו זיינען די טעכטער?

צינע: אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַ ביסל.

ר׳ לוי יצחק: וואָס מאַכט דער שווער?

צינע: זע נאָר, זע נאָר, גאָר פאַרגעסן צו פרעגן וואָס דער טאַטע מאַכט.

הערש בער: דער טאַטע ווי דער טאַטע. גאַנץ אַלט, אָבער וויל נאָך נישט איינזיצן אין שטוב. כ׳וואָלט אים געלאָזן זיצן און רוען; גאָט צו דאַנקען ס׳פעלט מיר נישט ווער ס׳זאָל טאָן. נו, שטייט ער אויף פריער פון מיר. בענקט אין שטאָט אַריין. געוועזן אַ בעלן מיט־צוהאַלטן מיט מיר. ער וויל אויך, זאָגט ער, זען דעם איידעם און די קינדער... אַ בעלנות — קוים אים אָפּגעהאַלטן. און חיים זיצט נאָך אַזוי שפּעט איבער דער גמרא...

ר׳ לוי יצחק (באַטראַכט הערש בערן): אַזוי, אַזוי... אַ שיינער ייד הערש בער. כאָטש אויפן דאָרף. איך בין דיר מקנא, הערש בער.

הערש בער: וואָס איבער מיר שלאָגט מען זיך נישט?

ר׳ לוי יצחק: אַ סך עגמת נפש געהאַט. געקומען צו שפיכת דמים. און איצטער זיץ איך און טראַכט צי דאָס איז דער שכר פון דער תורה; איז אפשר אַ באַוויז, אַז איך בין נישט ראוי צו זיצן אויף אַ כסא הרבנות?

הערש בער: נאַרישקייטן. איך זאָג מיר מיינס: וואָס גייט מיר אָן די וועלט, אַז איך טו מיר מיינס?

ר׳ לוי יצחק: דו ביסט דער אייגענער הערש בער.

הערש בער: נישט דער אייגענער. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן צו שמעקן טאַבאַק און ווי איך זע שמעקט איר אויך טאַבאַק — אַט לאָמיר טאַקע פאַרזוכן, זייט זשע מוחל.

(דערלאַנגט אים זיין טאַבאַק־פּושקע.)

ר׳ לוי יצחק: אַלץ דער אייגענער הערש בער... איך קוק אויף דיר און מיינע אַמאָליקע יאָרן קערן זיך אום צו מיר.

הערש בער: און חיים הערט זיך גאָר נישט צו צום שמועס אונדזערן.

חיים (רייסט אָפּ דעם קאָפּ פון ספר): וואָס מאַכט עפּעס דער פעטער?

הערש בער: האָ, שוער אָפּצורייסן די אויגן פון ספר? וואָס מאַכט דער פעטער... איך בין געזונט און שטאַרק. מען האָרעוועט אָבי גאָט צו דאַנקען פאַראָן חיונה. לערנסט, ערגעץ וואו וואָרט שוין אַ שטאָט אויף דיר.

צינע: און וואָס מיינסטו? נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר.

ר׳ לוי יצחק (נעמט הערש בערן אונטערן אָרעם און שפּאַצירט אום מיט אים איבערן שטוב: ווייסט, הערש בער, וואָס איך טראַכט? כ׳וואָלט זיך וועלן מיט דיר מישב זיין.

הערש בער: מיט מיר מישב זיין — איך זאָג מיר מיינס — זאָל זיך די וועלט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און איך טו מיר מיינס.

ר׳ לוי יצחק: בענקט זיך נאָך יענע יאָרן, רעדנדיק מיט דיר.

צינע: איך וואָלט נאָך איצטער אויך וועלן זיין ווי דעמאָלט. אוי, מאַמעלעך, אַז איך דערמאָן זיך ווי אַזוי איך בין עס אַרומגע־לאָזן באָרוועס, געווען אַזוי פאַרשייט.

הערש בער: וואָלסט אַריבערגעקומען און זען מיין רבקהן וואָלט־סטו מיינען דו ביסט צוריק אַ מיידל געוואָרן. וואו זענען די מיידלעך? כ׳וואָלט זיי וועלן זען.

ר׳ לוי יצחק: כאַ־כאַ־כאַ, יענע צייטן געווען שיינע, ביסטו גאָר נישט הונגעריק? וואָלסט אים, צינע, מאַכן אַן עסן.

צינע: אַט גיי איך דיר מאַכן אַן עסן. אפשר וועסטו אַריינגיין אין דער אַנדערער שטוב? זיי זשע מוחל.

הערש בער: יאָ, האָט מען זיך געשלאָגן האָב איך געהערט.

צינע: נאָך יענע וואָך אַריינגעפאַלן און נישט געלאָזט לייענען, יענעם מאַנטיק.

הערש בער: אַ וועלט איז ניט משוגע.

חיים: איך ווייס ניט צי איך וועל זיין רב.

ר׳ לוי יצחק: ביסט ראוי צו זיין רב.

חיים: איך וועל ניט זיין קיין נוח־לבריות און איבער מיר וועט מען זיך ניט שלאָגן.

ר׳ לוי יצחק: אַז די הצטרכות פון דער וועלט וועלן דיר ליגן אויפן קאָפּ און זייערע דאגות אין האַרצן וועסטו זיין אַ נוח־לבריות ווי דיין טאַטע.

חיים: כ׳בין דאָ אַריין אין אַ האַרבן ענין, טאַטע, זיי זשע מוחל.

ר׳ לוי יצחק: אַ גאַסט פאַראַן און ס׳וועט קיין עוולה ניט זיין אַז דו וועסט מפסיק זיין.

חיים (פאַרגראָבט ווידער די אויגן אין ספר.)

גנענדל און טייבעלע (קומען אַריין.)

הערש בער: איך קען שווערן, אַז דאָס זיינען דיינע קינדער.

טייבעלע: ס׳איז דער פעטער!

גנענדל: טאַקע דער פעטער. וואָס מאַכט איר, פעטער?

טייבעלע: וואָס מאַכט עפּעס דער זיידע און די מומע?

הערש בער: געזונט, גאָט צו דאַנקען.

טייבעלע: וואָס מאַכט רבקה — איז שוין עפּעס אַ גרויסע?

הערש בער: גרעסער פון דיר. גרעסער פון גנענדלען אויך.

טייבעלע: אוי, דער פעטער וועט מיך נעמען מיט זיך, גוט?

גנענדל: איך וויל אויך מיטפאָרן.

הערש בער: אדרבא ואדרבא, איר׳ט זיין ביי מיר אָנגעלייגטע געסט, מען וועט זיך פרייען מיט אייך, פרעגט שוין גאָרנישט.

ר׳ לוי יצחק: ווי לאַנג קענסטו דאָ פאַרווילן?

הערש בער: איך וועל שוין פאַרווילן ביז איבערן יריד. מאָנ־

טיק איז דער יריד. אפשר וועט גאָט עפּעס צושיקן אַ מציאה.

טייבעלע: איך וויל מיטפאָרן. איך וויל זיין אין אַ דאָרף. וועסט מיך לאָזן, מאַמע?

צינע: גיי שוין, גיי. ביי דיר איז אַלץ רעכט. זי איז דאָך צו־פרידן געווען וואָס מען האָט זי געוואָלט פאַרנעמען צוריק אין כאַ־טשעווע.

הערש בער: וואָס הייסט?

צינע: מען האָט דאָך זיי איבערגעכאַפּט אין מיטן וועג, חיימען און טייבעלען, און געפירט צוריק קיין כאַטשעווע. מיינסט עפּעס אַ קלייניקייט האָט זיך אָפּגעטאָן.

הערש בער: אין דער האַלבער וועלט פאַרלויפט דאָך עס נישט.

טייבעלע: זע נאָר אויף חיימען — דער פעטער איז געקומען און ער האָט אַפילו קיין צייט ניט אַ קוק צו טאָן אַהער. וועסט סיי ווי נישט קענען לערנען ווי דער טאַטע.

צינע: הער אויף מיין קינד.

גנענדל: אַוודאי איז זי גערעכט. אַפילו די שטוב זאָל זיך איבער־קערן וועט ער די אויגן פון דער גמרא ניט אַרויסנעמען. אַז מיר זענען געפאָרן אַהער איז ער געזעסן אין וואָגן און געקוקט אין אַ ספר. חיים! דער פעטער איז געקומען!

הערש בער: טשעפּע אים ניט. ניט אַזוי גרינג אַ רב צו ווערן. איך געדענק דיין טאַטן אין זיינע יאָרן. געווען ביי אונדז, געבעטן זיך ביי אים: קוק אַרויס אַ ביסל אויף דער לאָנקע — ער זיך זיינס. זעסט דאָך וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען.

ר׳ לוי יצחק: אין בית־מדרש נאָך ליכטיק?

גנענדל: ליכטיק.

טייבעלע: אַרום בית־מדרש שטייען נאָך יידן און רעדן.

ר׳ לוי יצחק: שווער צו טראָגן אויף די פּלייצעס...

הערש בער: אַלץ דער אייגענער לוי יצחק, כאַ־כאַ־כאַ, אַז מען האָט אים אָנגעגאָסן נאָך אַ שיסל קרופּניק האָט ער אויך ניט גע־וואָלט. געדענקסט, צינע?

ר׳ לוי יצחק: זאָגסטו, אין בית־המדרש איז נאָך ליכטיק?

ציגע: וואָרן דו וואָלסט נאָך איצטער אַהין געגאַנגען?

הערש בער: כ׳וואָלט אויך געוועזן אַ בעלן צו גיין.

ר׳ לוי יצחק: דאַכט מיר, אַז אַ מענטש טאָר נישט מאַכן אַזוי פיל געטומל אַרום זיך, ס׳איז אַ נעץ פון כבוד און שׂנאה, פון נחת־רוח און יסורים. דאַכט זיך מיר, אַז אַלע פונדאַמענטן אונטער מיר שאָקלען זיך.

הערש בער: ווייסט, ציגע, אַז דו האָסט זיך אַביסל אַראָפּגע־רוקט. וואָלטסט אַנקוקן סטערען — אַ יידענע ווי אַ סאָד קיין עין הרע. און וויפל זי צורעוועט עס.

ציגע: האָט אפשר מער הרחבה.

הערש בער: מילא אַ רב צו זיין איז שווער, אָבער צו זיין אַ רביצין.

ר׳ לוי יצחק: טראָגט דעם עול גלייך מיט מיר.

(אַ קריג הינטער דער טיר.)

אַנשל און נאָטע (קומען אַריין ביידע אויפגעבראַכטע.)

אַנשל: אויב אַ דין תורה איז אַ דין תורה!

נאָטע: כ׳וויל מיט דיר קיין דין תורה נישט האָבן. זאָל עס דער רב אַפילו הערן.

אַנשל: גוטן אָוונט, רבי, איך וויל האָבן ביי אייך אַ דין תורה מיט אים. ער האָט מיך באַגזלט, האָט מיך געלאָזן ווי איך שטיי און גיי.

נאָטע: איך וויל מיט דיר נישט האָבן קיין דין תורה. וואָרעם דו וועסט דעם רב פאַרדרייען דעם קאָפּ ווי דו האָסט מיר פאַר־דרייט.

אַנשל: אַ בזיון אַזוי צו רעדן; אין חרם באַדאַרף מען דיך אַריינלייגן פאַר אַזאַ חילול השם! רבי, איר האָט געהערט דיבורים?

ר׳ לוי יצחק: כ׳האָב גאָר נישט געהערט און וויל גאָר נישט הערן. איך וועל מער קיין שאלות ניט פסקענען און וועל אויף קיין דין תורה נישט ענטפערן.

ציגע: גאָט איז מיט דיר, לוי יצחק.

הערש בער: דאָס מאַכט ער חוזק. אַלץ דער אייגענער לוי יצחק.

שלום עליכם, יידן. איך קען אים ווען ער איז געווען נאָך גאָר, גאָר... איז מיינער אַ שוואָגער. אַט אַזוי איז ער שוין געווען. געשלאָגן זיך איבער אים מיט אַלע ישובניקעס און ער גאָר נישט.

אַנשל: אָבער וואָס האָט עס צו טאָן איינס מיטן אַנדערן? איך וויל אַ דין תורה...

חיים (הייבט אויף דעם קאָפּ פון ספר): וואָסווילט איר, יידן?

אַנשל: לאָמיר גאָר פרעגן ר׳ חיימען.

חיים: עס טאָר קיין תלמיד נישט פסקענען אין די אויגן פון רבין.

נאָטע: רבי, ער האָט מיך געלאָזן ווי איך שטיי און גיי. כאַטש נעם וואָרף זיך אין וואַסער אַריין.

ציגע: לוי יצחק, פאַרוואָס זאָלסטו די יידן נישט וועלן אויס־הערן? קום, הערש בער, אין דער אַנדער שטוב אַריין. קומט, קינדער.

(גייען אַלע אַרויס לאַזנדיק ר׳ לוי יצחקן און די יידן. חיים ביי זיין טיש.)

חיים (הייבט זיך אויף פון זיין פלאַץ, וויל אַרויסגיין.)

ר׳ לוי יצחק: בלייב דאָ, מיין זון. (צו אַנשלען) וואָס אַזעלכעס ווילט איר פון אַ יידן? אַט איז מיין זון, זיין קאָפּ קלערער פון מיינעם — ער וועט אייך אויסהערן.

אַנשל: צו יונג. פאַרשטייט נאָך נישט אין משא ומתן. פאַר־שטייט נאָך ניט די אַלע דריידלעך. ווי ער זאָגט — האָב איך אים אין איין העמד געלאָזן. לאָמיר נאָר אַרויסלייגן מיינע טענות, וועט מען זען וואָס און ווען. איר ווייסט עס נישט, רבי. די זאַך האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פאַר רב מרדכין: מיר האַנדלען שוין אין איינעם ביי אַ יאָר פופצן.

ר׳ לוי יצחק: און געקומען צו ר׳ מרדכין האָבן דין תורהס?

אַנשל: יאָ, אַלע וואָך. איך האָב געוואָלט פון אים פטור ווערן און ר׳ מרדכי האָט נישט דערלאָזן, געזאָגט, אַז יידן באַדאַרפן נישט איינרייסן איינער מיטן אַנדערן.

ר׳ לוי יצחק: זאָג איך אויך דאָס אייגענע: יידן בעדאַרפן נישט איינרייסן איינער מיטן אַנדערן. נאָר אויף שלום שטייט די וועלט.

אַנשל: אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ דיין תורה?

ר׳ לוי יצחק: לאָזט מיר גיין מיין וועג. גייט גיט איבער אין שטאָט, אַז מען זאָל זיך זוכן אַן אַנדער מרא דאתרא.

נאָטע: וואָס זאָגסטו נישט צו דעם, עס קען דאָך נישט גע־מאָלט זיין!

אַנשל: דער רבי מיינט עס אַודאי, אַז איך זאָל אים נאָכגעבן. ניין, דאָס וועט נישט זיין. איך וועל אים שלעפּן אין אַן אַנדער שטאָט אַריין.

ר׳ לוי יצחק: גייט גיט איבער דער שטאָט באַציייטנס, אַז זיי זאָלן זיך זוכן אַ מרא דאתרא.

נאָטע: דער רב מיינט עס טאַקע מיט אַן אמת.

אַנשל: און וואָס וועט זיין מיט מיין עסק?

ר׳ לוי יצחק: מסתמא דורכקומען ווי אין די פופצן יאָר ביז איצטער.

אַנשל: אָבער דאָס וואָסער גרייכט שוין אָט ביזן האַלדז: איך קען שוין נישט מער.

ר׳ לוי יצחק: איך קען שוין אויך ניט מער. שווער סובל צו זיין. איך זע די מחלוקה ווי אַ גרויס פייער פאַרשפּרייט זי זיך פון שטאָט צו שטאָט און איך אַליין, שטיי אין מיטן פייער און מיט די פּאָלעס צעבלאָז איך די פלאַמען. אַ פּחד נעמט מיך אַרום ווען איך זע וואָס אַרום מיר טוט זיך.

אַנשל: הערסט, נאָטע? קום לאָמיר עס איבערגעבן שטאָט.

נאָטע: וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

אַנשל: אויב ס׳איז טאַקע אַן אמת — ווייס איך וואָס דאַרטן. מוחל דעם דיין־תורה, ווי זאָגט דער רבי: זאָל זיין ווי געווען — ווייס איך דאַרטן וואָס — קום, נאָטע.

נאָטע: און שטאָט הייבט גאָר נישט אָן צו וויסן. קום, אַנשל, לאָמיר נישט באַלעמוטשען.

(גייען אַרויס שנעל.)

ר׳ לוי יצחק (פאַלט אַריין אין אַן עקסטאַז): כאַ־כאַכ־כאַ, ווי גרויס איז דיין פאָלק ישׂראל! אַפילו די ערגסטע פון צווישן זיי; אַפילו

אין דער רגע פון פרוד־לבבות אין משׂא ומתּן; אַפילו ווען געלט ליגט אויף דער וואָג־שאָל... כאַ־כאַ־כאַ — איך לויב דיך, רבונו של עולם... וואָס זאָגסטו, מיין זון?

חיים: איך זאָג, אַז ד י ן שטייט העכער. אַז צוויי יידן ווילן אַ דין תּורה באַדאַרף מען זיי אויסהערן און געפינען דעם שולדיקן, און אומגערעכטן.

ר׳ לוי יצחק: נישטאָ קיין גערעכט און אומגערעכט! פאַראַן אַ יאָך וואָס הענגט איבערן מענטשנס קאָפּ; שטעקט איינער אַליין אַריין דעם קאָפּ אין יאָך אַריין און מאַכט זיך פאַרן אומגערעכטן, טייט מען אויף אים מיט די פינגער: אָט גייט דער אומגערעכטער, דער רשע מרושע...

חיים: איך האָב געזען, אַז אַנשל איז אומגערעכט.

ר׳ לוי יצחק: און איך האָב געזען די גוטסקייט אין זיינע אויגן.

חיים: איך האָב געזען, אַז ער האָט זיין שותּף באַגזלט.

ר׳ לוי יצחק: איך האָב געזען, אַז זיין האַרץ איז גוט צו זיין שותּף, וואָס שוין גאַנצע פופצן יאָר איז ער מיט אים אין איינעם און לאָזט זיך פון אים באַגנבענען און באַגזלענען. ניין, ער גנבעט נישט, ניין, ער גזלט נישט. זיי לעבן בשלום, בשלווה — טאָ באַדאַרף איך הערן זייערע טענות און דעם שולדיקן זוכן?...

חיים: דעריבער האָט מען אויף דיר תּרעומות, אַז דו מיידסט אויס אַרויסצוגעבן אַ פּסק.

ר׳ לוי יצחק: וועט מען זאָגן, אַז לוי יצחק ווייסט נישט; אַז לוי יצחק קען קיין פּסק נישט אַרויסגעבן. צינע, צינע!

(צינע און הערש בער קומען אַריין.)

צינע: וואו זיינען די יידן?

הערש בער: שוין נאָך דעם דין תּורה? אַ שאָד וואָס איך בין דערביי נישט געווען.

ר׳ לוי יצחק: כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳פּסקן נישט, האָבן זיי די טענות אָנגעוואָרן. כאַ־כאַ־כאַ.

הערש בער: שלום געוואָרן?

ר׳ לוי יצחק: נאָך מער פון שלום. אין זיך אַליין פאַרגעסן. דאגת־הכּלל.

הערש בער: יידן זיינען דאָך יידן, דאָס זאָג איך מיר מיינס.

נחמן (און נאָך אַן עולם יידן לאָזן זיך אַריין, צווישן זיי אויך אַנשל און נאָטע.)

ר׳ לוי יצחק: די וועלט נאָך אויף?

נחמן: אַ גוט נאָוונט, רבי.

ר׳ לוי יצחק: אַ גוט יאָר. וואָס עפּעס אַ סבה געטראָפן אין שטאָט?

נחמן: אָט איז אַנשל און נאָטע, זיי האָבן די שטאָט אויפגעּ־רודערט.

ר׳ לוי יצחק: נאָך אַלץ זיך נישט אויסגעגלייכט?

אַנשל: מיר זיינען פון קאָפּ אַרויס די טענות.

נאָטע: וואָרעם וואָס, איך באַדאַרף זאָרגן פאַר מיין ווייב און קינד? זענען שוין ברוך השם פאַרזאָרגטע.

ר׳ לוי יצחק: טאָ וואָס באַדאַרפט איר נאָך לוי יצחקן האָבן? אים צאָלן שׂכירות און מאַכן, אַז צוויי שטעט זאָלן מחלוקת פירן צווישן זיך?

אַ ייד: אַ שיינע עצה, כ׳לעבן — כאַ־כאַ־כאַ. און וואָס וועט פון אונדז ווערן?

הערש בער: די אַמאָליקע טענות, איך געדענק עס ווי איצטער.

ר׳ לוי יצחק: נו, ר׳ אַנשל און ר׳ נאָטע, אָט איז אַן עדה יידן, אַלע שיינע יידן. איר האָט טענות איינער צום אַנדערן — זאָל שטאָט אויסהערן און פּסקענען.

אַנשל: איך האָב צו אים נישט קיין טענות.

נאָטע: מיר האָבן זיך אויפן וועג אויסגעגלייכט.

נחמן: אמת, וואָס זיי דערציילן?

ר׳ לוי יצחק: מסתמא איז אמת.

שטימען:

— ווער ט׳עס דערלאָזן.

— וועט מען העכערן שׂכירות!

— מען קען ניט לאָזן אַ שטאָט אויף הפקר.

ר׳ לוי יצחק: קוקט אַן דעם יידן, אַ שוואַגער מיינער: דער רביצינס אַ ברודער. פרעגט אים צי ער האָט געהאַט מיט עמיצן אַ דין תורה אין לעבן.

הערש בער: נישט אויסגעקומען. וואָלט געווען נאָענט אַ רב וואָלט מען זיך אויך אַמאָל באַדאַרפט אַריבערכאַפּן, מען טוט אַמאָל אַן עוולה... וואָלט נישט שאַדן. נו, וואוינט מען אויפן דאָרף, קומט מען אויס, געלויבט דער אייבערשטער, אַן דעם.

ר׳ לוי יצחק: קומט מען אויס אַן דעם... קומט מען אויס אַן דעם.

נחמן: רבי, אפשר צו־ווינציק שׂכירות? מיר האָבן זיך מישב געווען אפשר...

ר׳ לוי יצחק: צו פיל כבוד, אָבער נישט קיין קאַרגע שׂכירות.

(אַ גערודער. אַ געטומל דרויסן. אַן עולם מענטשן שטופּן זיך אַריין. מען שלעפּט מיט געוואַלד כוועדערן און נאָך עפּעס אַ יידן אַ צעשראָ־קענעם.)

איינער (שרייט): יידן, מען האָט אונדז געוואָלט אונטערצינדן!

אַ צווייטער: ס׳איז אַזאַ זאַך נישט געהערט געוואָרן אין דער האַלבער וועלט.

ר׳ לוי יצחק: וואָס טוט זיך דאָ, יידן? ווער מען האָט איר עס דאָ. כוועדערן און ביינישן...

בנימין שמשון: געוואָלט מאַכן בורא מאורי אש. געכאַפּט ביי דער האַנט.

ר׳ לוי יצחק: פאַר וואָס און פאַר ווען?

בנימין שמשון: דאָס זיינען כאַטשעווער. מען פאַרשטייט די מעשה.

שטימען:

— דאָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.
— איבערגעבן צום משפט.
— משפטן דאָ אויף אָן אָרט.
— בינדן און אַריינוואַרפן אין טייך אַריין.
— די גאַנצע שטאָט זייערע שטעקט אין דעם.
— זאָלן זיי זיך מודה זיין!

— מודה זיין! אַניט וועט מען זיי אַרויספירן אויפן מאַרק און געבן מלקות.

— איינער איז אַ גוי, כאָטש ער רעדט יידיש.

ר׳ לוי יצחק: אום גאָטעס ווילן. לאָזט צורו יידן, עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין.

שטימען:

— איך זאָג, אַז כאָטשעווע איז הינטער זיי.

— עס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.

— ברענגט אַהער דעם עלטסטן און זאָל מען זיי בינדן.

— איך זאָג, אַז מען זאָל די זאַך פאַרשטיקן.

בנימין שמשון: דעם פייער פאַרשטיקט און זיי אָפּלאָזן. ניין, דאָס וועט ניט דערלאָזן ווערן. איך וועל מיין קאָפּ אָוועקגעבן און אַזאַ זאַך זאָל נישט פאַרשוויגן ווערן.

ר׳ לוי יצחק: דערציילן, ביינישׁ, ווי קומסטו אַהער? איז אמת וואָס מע זאָגט אויף דיר?

כוועדער: אמת. איך, ביינישׁ, געוואָלט צינדן.

שטימען:

— האַ־האַ!

— וועמען האָבן זיי געוואָלט צינדן?

— יאָ, וועמען, זאָלן זיי זאָגן.

— וואָס איז די נפקא מינה?

— שטאָט האָבן זיי געוואָלט מיטן פייער אָוועקלאָזן.

— אַזאַ חילול השם.

נחמן: שווייגט! שטיל זאָל זיין. דערציילט וואו האָט איר זיי געכאַפּט. עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין אַז איין שטאָט זאָל דער אַנדערער וועלן אָוועקלאָזן מיטן פייער.

שטימען:

— אַליין זיך מודה געווען.

— זייט אים מכבד!

— גיט אים דאָ אויף אָן אָרט אָפּ זיין פסק.

— אָט דאָ מלקות אים אַריינצייילן.

ר׳ לוי יצחק: יידן, דערמאָנט אייך: איר זאָלט חלילה נישט גורם זיין צו אַ גרויסער זינד.

כוועדער: כוועדער שולדיק. זיי אים געזאָגט: גיי כוועדער, צינד אָן האַראַטשין. איך זאָג: אַ ייד מיט מיר גיין. זאָג איך, ביינישׂ, דו גייסט — איך גיי. שטאָט פאַרברענט ווערן, ראַבין גיין צוריק.

נחמן: דערציילט ווי איז עס געווען?

מאיר לייבעס: וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן? איך גיי, איך זע עמיצער גנבעט זיך הינטער מיין שטאַל, טראַכט איך מיר טאָמער גנבים. גיי איך אַוועק און רוף אַרויס אין דער שטיל סענדערן, קומען מיר שוין צו אַז דער פייער האָט זיך שוין גענומען פאַרנעמען גאָר אויף אַ גרויסן אופן. די סטרעכע אונטערגעצונדן. פונקט געשטאַנען אַ פעסל רעגן־וואַסער אונטערן סטרעכע, האָב איך אָנגעשעפּט מיטן היטל און איינגעלאָשן.

נחמן: הייסט עס, זיינען זיי טאַקע די צינדערס.

ר׳ לוי יצחק: נישט צו גלייבן אויף יידן אַזאַ זאַך.

שטימען:

— דעריבער האָט מען דאָך אָן ערל מיטגענומען.
— אַוודאי האָט ער מורא געהאַט אַליין.
— געקענט די גאַנצע שטאָט אַוועקלאָזן מיטן פייער.
— אַזאַ ווינט.
— אין אַזוינע היצן.
— מענטשן געקענט אומקומען.
— דער בית מדרש געקענט מיטן פייער אַוועקגיין.
— אַ גוי מיטגענומען, ער זאָל די מלאכה אָפּטאָן.

כוועדער: איך נישט אַ גוי. איך אַ ייד — דו אַ ייד. דו הינטי־שער ביין. כאַטשעווע קען אָן ראַבין נישט זיין.

ציבוליע: דו הינטישער ביין, דו האַראַטשין וויל פאַרברענען. איך דיר...

(ער לאָזט זיך צו כוועדערן. מען נעמט אים אַוועק אָן אַ זייט.)

ביינישׂ: איך, איך האָב אונטערגעצונדן.

ר׳ לוי צחק: איך גלייב נישט.

ביינישׂ: געוואָלט אָנשרעקן די שטאָט.

ציבוליע: זיי געוואָלט בינדן.

(ער רייסט זיך שלאָגן. מען האַלט אים אָן אַ זייט.)

שטימען:

— רבי, איר זייט צו ווייך מיט די פושעים.

— אַז מען וועט פאַרשוויגן איצטער וועלן זיי סוף־כל־סוף האַראַ־טשין אָוועקלאָזן מיטן פייער.

נחמן: איך זאָג, אַז זיי זענען ניט שולדיק. גאַנץ כאַטשעווע שטייט הינטער זיי. מען באַדאַרף רופן נאָך רבנים און האַראַטשין זאָל האָבן מיט כאַטשעווע אַ דין תורה.

(צוויי יידן, צעשראָקענע, רייסן זיך אַריין מיט אַ געשריי.)

ערשטער: יידן, ראַטעוועט זיך, מען איז געקומען אייך אונטער־צינדן.

צווייטער: דאַכט מיר, אַז אייער שטאָט ברענט שוין ערגעץ.

ר׳ לוי יצחק: שלום עליכם, יידן, כאַטשעווער יידן.

ערשטער: אָט איז דאָך כוועדער: אָט איז דאָך בייניש.

צווייטער: דאַנקען גאָט. געלויבט איז דער אייבערשטער.

שטימען:

— געכאַפּט אייערע לייט.

— אפשר אויך געקומען צינדן, כאַ־כאַ־כאַ...

— זאָל מען זיי בינדן.

— שמידן אין קייטן.

— אין תפיסה זיין פאַרשפאַרן.

ערשטער: לאָזט געמאַך, יידן, מיר האָבן זיך דערוואוסט וואָס מען וויל האַראַטשין טאָן, זענען מיר געלאָפן נישט דערלאָזן. די פערד שיר צום טויט ניט פאַרשמיסן.

כוועדער: דו כוועדער אַ נאַר און דו בייניש אַ נאַר, דיינע אייגענע געקומען דאַנאָסן.

ר׳ לוי יצחק: איך גלייב דאָך נישט מיינע אויגן; איך גלייב נישט מיינע אויערן: כאַטשעווע און האַראַטשין זענען זיך צענויפגע־קומען אין מיין שטוב צוליב אַ שׂרפה, עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין. זעט, יידן, צי די גאַנצע זאַך איז ניט אַ טעות.

הערש בער: זיינען טאַקע שטאָטישע יידן ניט קיין נאַראָנים. ביי אונדז וואָלט מען פאַר אַזאַ זאַך —

ר׳ לוי יצחק: מען טאָר נישט אַזוי, הערש בער. יידן זיינען

יידן. העלף מיר, רבונו של עולם, די מחלוקת איינצושטילן. איך פיל ווי די ערד שאָקלט זיך אונטער מיר. העלף מיר, רבונו של עולם, איך זאָל חלילה נישט נכשל ווערן, און אַז צוליב מיר זאָלן, חלילה, אונדזערע יידן, בני אברהם יצחק ויעקב נישט נכשל ווערן.

(עס קומען אָן נאָך כאַטשעווער יידן, צעשראָקענע, גיבן אָפּ אַ גוטן אָוונט, בלייבן אין טיר, קוקן זיך אַרום.)

ערשטער: אָט איז ביניש און כוועדער — האָבן זיך אונטער־געגעבן.

צווייטער: געלויבט איז גאָט.

דריטער: געלויבט איז השם יתברך.

פערטער: ס'איז צוליב אייער זכות, רבי.

בנימין שמשון: שוין באַלד גאַנץ כאַטשעווע זיך אַראָפּגע־לאָזן.

אַ שטימע (אין טיר): רבי, לייגט זיך אַריין ס'זאָל זיין שלום.

ר' לוי יצחק: ווער האָט זיך עס דאָרטן מיט אַזאַ אמת באַהאַלטן הינטער דער טיר? קומט אַריין, זייט זשע מוחל. דעם מבשׂר פון שלום דאַרפן מיר האָבן.

דער ייד (אין טיר): דער רבי, זאָל לעבן, ווייסט אַליין וואָס צו טאָן.

ר' לוי יצחק: כאַ־כאַ־כאַ, אַלץ לוי יצחק, אַלץ... נו, וועט איר פאָלגן וואָס לוי יצחק וועט זאָגן? איז, ערשטנס, פאַרלאַנג איך, אַז ביי מיר אין שטוב זאָל כאַטשעווע און האָראָטשין זיין איין שטאָט. כאַטשעווער און האָראָטשינער עדות זאָלן זיך ביי מיר אונטערן דאַך ניט קריגן.

אַ שטימע: נאָך יידן קומען.

אַ צווייטער: גאַנץ כאַטשעווע לאָזט זיך אַראָפּ אַהער.

ר' לוי יצחק: געלויבט איז השם יתברך.

נחמן: זאָל מען האָראָטשינער יידן צונויפרופן. גיי, בנימין שמשון, גייט יידן, שטאָט איז אויף, זאָל מען קומען אַהער, זאָל זיין אַן אַסיפה און זען וואָס צו טאָן. פאַר איין וועגס וועט מען באַטראַכטן וואָס צו טאָן מיט די אונטערצינדער.

ר' לוי יצחק: נישטאָ קיין אונטערצינדער, נישטאָ. יידן, זייט

מוחל, קומט אַריין. צינע, זיי מוחל, לאָז די יידן אַריין אין דער אַנדערער שטוב.

(עס ווערט אַ באַוועגונג ביים טיר. נאָך יידן קומען אַן. מען הערט אַ געוויש פון פרישע אָנגעקומענע פורן. מען קומט אַריין מיט דעם גרויסן גוטן אָוונט און מיט גרויס דרך־ארץ שפּאַרט מען זיך דורך צו ר׳ לוי יצחקן און מען גיט זיך שלום עליכם.)

ר׳ לוי יצחק: ווי גרויס איז דיין פאָלק ישראל ווען עס דער־נעענטערט זיך מיטן האַרצן צו דיר.

כוועדער (צו די וואָס האַלטן אים)**: לאָז אָפּ, איך נישט אַנטלויף, איך נישט האָב וואו צו אַנטלויף.**

אַ שטימע: לאָזט אים נישט אָפּ.

(האָראָטשינער יידן קומען אָן אויפגערעגטע.)

שטימען:

— אַ גוטן אָוונט, רבי.

— שיינע לייט, אונטערצינדן גאָר געוואָלט.

— נישט אמת.

— וואָס טוען זיי דאָ.

— אַ דין תורה צו אונדזער רב.

— נייך, געוואָלט אונטערצינדן סענדערן, האָט מען געכאַפּט אין מיטן דער אַרבעט.

— וואו זענען די צינדער?

— אָט די אָ.

— שאַ, דרך־ארץ, ביים רב אין הויז.

— שטילער זאָל זיין.

— אַן אַסיפה, רבי, אַן אַסיפה.

— זאָלן זיךביידע שטעט צונויפרעדן, אפשר וועט מען קענען קומען צו אַ פשרה.

— וואָס פאַר אַ פשרה? אונדזער רב איז אונדזער רב!

ר׳ לוי יצחק: זייט־זשע מוחל, יידן פון כאָטשעווע און יידן פון האָראָטשין, איך וויל אַז איר זאָלט אַרויסוואַרפן די שנאה פון האַרצן און איינער דעם אַנדערן אָפּגעבן שלום... אָט אַזוי טוט ווי יידן באַ־דאַרפן טאָן. זאָלן יידן פאַרגעסן צוליב וואָס זיי זענען געקומען און געדענקען, אַז גאָט איז צווישן זיי. וואו שלום דאָרט איז גאָט, און

וואו אַן עדה יידן און שלום איז צווישן זיי איז דאָך שוין על אחת כמה וכמה...

(מען פאַלגט, שווייגנדיק גיט מען זיך אָפּ שלום עליכם.)

אַ שטימע: זאָל מען זיך אויסזעצן אַרום די טישן!

אַ צווייטע: האַראַטשינער באַזונדער און כאַטשעווער באַזונדער.

ר' לוי יצחק: וואָס עפּעס באַזונדער? נאָענט איינס צום אַנדערן, ענג איינס מיטן אַנדערן. אָט אַזוי, יידן, איז זיין ווילן.

(די יידן פאָלגן.)

שטימען:

— דער רב, זאָל לעבן, ווי אַזוי שיידט מען זיך פון אים?

— איך ווייס ניט צוליב וואָס מען האָט פאַרפירט די גאַנצע מחלוקת?

— יידן דאַרפן זיך ניט פאַרגעסן צוליב וואָס מען לעבט אויף דער וועלט.

נחמן: שאַט, שאַט, שטיל זאָל זיין!

ר' לוי יצחק: אדרבא, זאָלן יידן זיך דורכשמועסן. חיימל, וואו ביסטו? קום זעץ זיך נעענטער לעבן מיר, מיט דיר אינאיינעם וועט מיר גרינגער זיין; וועט מיר מיין מוח ליכטיקער ווערן, איך האָב היינטיקן טאָג מבטל געווען און דו האָסט זיך אָנגעטרונקען מיט דעם ליכט פון דער תורה.

שטימען:

— מאַכט אַ וואַרע, לאָזט אים דורך.

— ער איז דאָך אַ רב, זאָל ער אויך הערן.

— נאָך רבנים האָט מען באַדאַרפט ברענגען.

— אפשר אָפּלייגן די אַסיפה?

— טאַקע אָפּלייגן.

— איך גיב מיינע פערד, זאָל מען פאָרן.

— זאָל מען שפּאַנען מיינע פערד אויך.

— אדרבא, איך אַליין וועל פאָרן, ברענגען רבנים.

— מען באַדאַרף מער קיין רבנים נישט האָבן.

— איך זאָג אויך אַז מען באַדאַרף נישט.

— מסכּים!

— וואָס מער איז בעסער.

— ס׳איז דאָך נישט קיין דין תורה.

— גרעסער פון אַ דין תורה!

נחמן: שאַט, שאַט, שטיל זאָל זיין.

ר׳ לוי יצחק: און וואו זיינען זיי... ביינישׁ מיין איך. זאָל מען אים מוחל זיין, נישט זיין ווילן געווען, זאָל ער זיצן מיט אַלעמען צו־גלייך ביים טיש.

שטימען:

— אַ בזיון, רבי!

— זאָל דער רבי מוחל זיין, ס׳איז אַ בזיון.

— אַ חלול השם.

— דער רבי איז גערעכט.

— זיין האַרץ געווען פאַרביטערט.

— וואָס געווען איז געווען.

— קיין פייער נישט געמאַכט — איז נישטאָ וואָס צו טראָגן קיין שנאה.

— נישט ער איז שולדיק, נאָר כאַטשעווע איז שולדיק.

— אַוודאי, און אַז כאַטשעווע זיצט ביים טיש באַדאַרף ער אויך זיצן.

— ער האָט דערפאַר געלט גענומען.

ביינישׁ: נישט אמת!

כוועדער: איך אויך זאָג נישט אמת.

ר׳ לוי יצחק: מען טאָר אַ יידן נישט חושד זיין, ביינישׁ, זייַ זשע מוחל.

ביינישׁ (לאָזט זיך אַ בלאָסער צום טיש.)

בנימין שמשון: אַ חלול השם.

העניך יואל: גיי צום רב, אַז מען רופט דיר.

ביינישׁ (מיט טרערן אין זיין שטימע): כאַטשעווע וועט אונטער־גיין, רבי.

אַ שטימע: וואָס זאָגט איר אויף דעם צדיק אין פעלץ?

ביינישׁ: איך זאָג, אַז ס׳וועט זיין, אַז אָך און ווייַ צו אונדז.

עוזר: מיר הייבן זיך נישט די הענט עפּעס צו טאָן זינט דער רבי האָט אונדז איבערגעלאָזן.

הענעך יואל: ס׳איז דער מנין אין שול קיין מנין נישט.

שטימען:

— ס׳איז נישט ניחא אפילו עולה לתורה זיין.

— נישטאָ ביי וועמען צו פאַרהערן אַ קינד.

— דער בית המדרש איז ליידיק געוואָרן.

ר׳ לוי יצחק: אַלץ צוליב לוי יצחקן. יידעלעך רחמנים בני רחמנים.

אַ ייד (מיט אַ גראָבער שטימע כמעט לעבן טיר): זייט זשע מוחל, האָט נישט קיין פאַראיבל, איך בין נח דער שוסטער, מאַכט נישט אויס וואָס איר קענט מיך נישט. ביי מיר פרעגט מען נישט קיין דעה. כ׳האָב אָבער געהערט, אַז מען פאַרט, בין איך אויך געפאָרן, איך זאָג מיר מיינס...

שטימען:

— וואָס וויל ער דאָרטן?

— וואָס דרייט ער אַ מוח?

— נישטאָ וואָס צו הערן.

ר׳ לוי יצחק: אַלע גלייך פאַר דעם וואָס אין הימל, לאָזט אים רעדן. זייט זשע מוחל, ר׳ נח.

דער ייד: איך זאָג, אַז אויב האָראָטשין איז באַשערט קענען מיר גאָרנישט מאַכן. זאָג איך, אַז ר׳ חיים זאָל ווערן כאָטשעוווער רב און...

(עס ווערט אַ געטומל, אויסגעשרייען פון צופרידנקייט ביי אַנדערע.)

שטימען:

— האַ־האַ!

— ער איז גערעכט, כאָטש אַ שוסטער.

— ר׳ חיים וועט אָנטאָן כבוד.

— ניין, נישט דאָס האָבן מיר געמיינט.

— מען פרעגט נישט ביי אייך.

— לעבן זאָל ר׳ חיים!

— לעבן זאָל ר׳ לוי יצחק און ר׳ חיים!

נחמן: שאַט, שאַט, שטיל זאָל זיין. איך וויל אייך עפּעס זאָגן.

שטימען:

— נישטאָ וואָס צו רעדן.

— אַזוי וועט עס בלייבן.

— קום נעענטער, נח, דו ביסט אַ רודף שלום.

— נח, קום זעץ זיך לעבן רב.

ר׳ לוי יצחק: זייט זשע מוחל, ר׳ נח.

עוזר: שעם זיך נישט, גיי צו.

שטימען:

— לאָזט אים דורך.

— ער איז גערעכט.

— ער האָט דעם פייער איינגעלאָשן.

— נח, זיי מיר מוחל וואָס כ׳האָב דיך באַליידיקט.

— אויס מחלוקת.

— ביידע שטעט וועלן איצטער דערנעענטערט ווערן.

— לאָמיר פרעגן דעם רבין.

— ר׳ חיימען באַדאַרף מען אויך פרעגן.

ר׳ לוי יצחק: יידן, רחמנים בני רחמנים, איר טוט מיר אָן אַ גרויסן כבוד. איך זע צוויי קהילות און איין עדה ביי מיר אין שטוב. איך האָב אייך געטראַכט איצטער אָנזאָגן אַז איך וויל מיר אין גאַנצן מסלק זיין פון רבנות באשר איך האָב געהערט ווי די ערד שאָקלט זיך אונטער מיר. איך זע אַז דורך מיר ווערן כשרע, ערלעכע יידן כסדר נכשל. בין איך דאָך דער גורם, איך לוי יצחק.

שטימען:

— ניין, רבי.

— דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין.

— דער רבי, זאָל לעבן, איז נישט קיין גורם.

— דער רבי איז אַוועק, האָט זיך אַלץ פון אונדז אָפּגעטאָן.

ר׳ לוי יצחק: מיין זון חיים איז נאָך יונג, אָבער זיין האַרץ איז פול מיט דער תורה. האָט סמיכה, נאָך רבנים קענען אים סמיכה געבן. אַ גרויסער כבוד זיין פאַר מיר. אויך אַ כבוד פאַר סאַטשעווע. וואָס זאָגסטו, מיין זון?

(אַ ווײַלע אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. מען זעט ווי ציגע שטייט אין אַ זייט אוןווישט די אויגן.)

העניך יואל: כאַטשעווע וועט עס האַלטן פאַר אַ כבוד.

חיים: אויב יידן זיינען מסכים, מיין פאַטער איז מסכים.

שטימען:

— נאָך היינט קריגט ער אַ כתב.

— היינט, היינט.

— אַ גרויסער כבוד.

— איינלעשן דעם פייער.

— אַ גרויסע זכיה פאַר ר׳ חיימלען.

— האַראַטשין וועט נעענטער ווערן צו כאַטשעווע.

— אוי ווי סאַראַ שמחה.

— לאָמיר טרינקען לחיים.

— לאָמיר זינגען!

(מען הייבט אָן אַ שמחת־תורהדיקן ניגון. דער עולם כאַפּט אים אונטער און מען פּאַטשט מיט די הענט פאַר התלהבות. דאָס געזאַנג ווערט שוואַכער און ווידער שטאַרקער ביז ביסלעכוויז ווערט שטיל און אַלע אויגן זענען געווענדט צו דער זייט וואו עס זיצט ר׳ לוי יצחק און ר׳ חיים.)

ר׳ לוי יצחק: איך דאַנק דיר און איך לויב דיר רבונו של עולם פאַר דעם חסד וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר און לאָזט מיר בלייבן בתוך עמי. ער וועט אם ירצה השם חתונה האָבן מיט זיין זיווג, וואָס וואַרט אויף אים, איידער נאָך ער וועט פאַרן פאַרנעמען זיין כסא הרבנות. זיין זיווג איז מיין שוואָגערס טאָכטער. זיי זשע מוחל, הערש בער, ביסט דאָך מסתמא וועגן דעם געקומען.

הערש בער: אַלץ נאָך דער אייגענער לוי יצחק. ווי אַזוי ער האָט עס פאַרשטאַנען. כאַ־כאַ־כאַ.

ר׳ לוי יצחק: זאָל די מאַמע, דיין שוועסטער, אויך הערן, זיי זשע מוחל, צינע.

צינע (דערנענטערט זיך מיט אַ ליכטיק פרום פּנים.)

ר׳ לוי יצחק: זיי זשע מוחל, הערש בער, לאָמיר מקבל קנין זיין.

(זיינען מקבל קנין. אַ וואַרעמער געשריי: מזל־טוב! מזל־טוב!)

שטימען:

— לאַנג לעבן זאָל רבי חיים!

— מזל־טוב, מחותן ר׳ הערש בער.

(מען גיט אָפּ הערש בערן שלום.)

צינע (גייט צו און קושט חיימען. קושט זיך מיט הערש בערן.)

גנענדל און **טייבעלע** (קושן זיך און האַלדזן זיך.)

ר׳ לוי יצחק: איצטער וועט רבי חיים מיין זון האַלטן אַ דרשה.

(עס לויפט דורך אַ געמורמל דורכן עולם. מען שעפטשעט אַ „דרשה", אַ „דרשה" ביז עס ווערט אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט.)

חיים (שטעלט זיך אויף, באַטראַכט דעם עולם און הייבט אָן): **רבותי! אין דער תורה שטייט: והיית לי עם קדוש... זאָלסט זיין אַ הייליק פאָלק... זאָגן די חכמים אויף דעם אַז...**

(די פנימער פון אַלעמען לייכטן, דער עולם ציט זיך מיטן גאַנצן וועזן צו דער זייט פון דעם נייעם רב.)

לוי יצחק

עפילאָג

.1923

פערזאָנען:

דוד נח.

הערש בער, }
אברהם יעקב, } זיינע קינדער.
צינע, }

ר' לוי יצחק, צינעס מאַן.

חיים, זייער זון.

סטערע, הערש בערס ווייב

דבורה, אברהם יעקבס טאָכטער.

רבקה, הערש בערס טאָכטער.

אלקנה.

גיטל.

יידן.

ערשטער אַקט

בײַ דוד נחן. זומער פֿאַרנאַכט, דרויסן. רעכטס אַן אַלטע שטוב אײַנגעבויגן. די בײמער אַרום שטאַרק פֿאַנאַנדערגע־וואַקסן און מאַכן דעם אָרט אויסזען אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. אײנער פֿון די טאָפּאָלבײמער בײם שטאַל ציט זיך אַן אויס־געטריקנטער צום הימל. שטראַלן פֿון דער זון האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די בײמער און באַלײַכטן די פּריזבע בײם טיר. אויפֿן שוועל שלאָפֿט אַ ווײַסע קאַץ. מען הערט דאָס דערנעענטערן זיך פֿון אַ פֿור הינטערן שטוב. עס קומען אַן אברהם יעקב און דבורה. גײען שווײַגנדיק אין שטוב אַרײַן. קומען באַלד אַרויס צוריק.

דבורה: די טיר אָפֿן און קײנער ניטאָ.

אברהם יעקב: אפֿשר איז דער זײדע דאָ ערגעץ אַרום שטוב.

דבורה: די קאַץ שלאָפֿט זיך אויפֿן שוועל. איך בין איבער איר אַריבערגעגאַנגען און זי האָט אפֿילו ניט געהערט.

אברהם יעקב: וואו קענען זײ אַלע זײַן?

דבורה: דאָ איז זײער שײן. וועט זײַן אַ שאָד אַוועקצופֿאָרן פֿון דאַנען.

אברהם יעקב: מען וועט באַדאַרפֿן אַראָפּנעמען די פּעקלעך פֿון וואָגן.

דבורה: מײנסט, אַז דער פֿעטער איז שוין דאָ?

אברהם יעקב: ווער ווײס, אפֿשר זײנען זײ געפֿאָרן אים באַ־געגענען.

דבורה: מײנסט אַז חיים איז אויך געקומען?

אברהם יעקב: ווייסט, ווי דען?

דבורה: און אפשר איז ער גאָר ניט געקומען.

אברהם יעקב: איך וועל גיין אַראָפּנעמען פון וואָגן די זאַכן. זע אפשר איז עמיצער דאָ אַרום שטוב. אפשר אין גאָרטן.

(גייט אַוועק.)

דבורה (שפּילט זיך מיט דער קאָץ. רעדט צו איר): ווייסט ווער איך בין, האָ? האָסט זיך באַלעקט, האָ? געסט זענען געקומען און דו שלאָפסט.

רבקה (קומט אָן אין געזייל פאַררויטלט. קוקט זיך אָן פאַרוואונדערט מיט דבורהן.)

דבורה: אַוודאי רבקה!

רבקה: אַוודאי דבורה?

(כאַפּן זיך אַרום. קושן זיך.)

דבורה: דאָס ביסטו, רבקה, רבקה?!

רבקה: יאָ, דבורה, דאָס בין איך, רבקה. איך האָב אַזוי שטאַרק דיר געוואָלט זען.

(נעמט אַרום דבורהן נאָך אַמאָל, קושט זי.)

דבורה: און דו ביסט עס, רבקה, אַזאַ גרויסע, אַזאַ שטאַרקע!

רבקה: איך טראַכט שטענדיק פון דיר. איך האָב דיר מקנא געווען. דו ביסט עס, דבורה? יאָ, און וואו איז דער פעטער?

דבורה: ער איז געגאַנגען אַראָפּנעמען די זאַכן פון וואָגן. און זיי, זיי זענען שוין געקומען?

רבקה: איך ווייס ווען דו מיינסט. נעכטן אין דער פרי זיינען זיי געקומען.

דבורה: ווער?

רבקה: דער פעטער און חיים.

דבורה: האָסט אים געזען?

רבקה: חיימען מיינסטו, האָ, אים?

דבורה: ווי אַזוי זעט ער אויס?

רבקה: עס דאַכט זיך מיר, אַז ער איז אַ שיינער. ער רעדט

ניט, אָבער ער איז אַ קלוגער. האָט געבראַכט מיט זיך אַ גמרא און לערנט. און לערנט. דבורהלע, דו וועסט ווערן אַ רביצין.

דבורה: האָסט גאָר ניט גערעדט מיט אים?

רבקה: דו וועסט שוין וויסן וואָס צו רעדן מיט אים. וואָס ווייס איך? ווען ער וואָלט מיר עפּעס געפרעגט, וואָלט איך אים שוין געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

דבורה (שטילער): זאָג מיר, רבקהלע, וואָס פאַר אַ אויגן האָט ער?

רבקה: דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב נאָך זיינע אויגן ניט געזען. דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט שוואַרצע אויגן. וואָס ביסטו אומעטיק געוואָרן? אָט איז די מומע צינבע אויך אַ רביצין.

דבורה: די מומע איז אויך דאָ?

רבקה: יאָ, דער פעטער אויך. אוי, סאַראַ פעטער מיר האָבן, אוי, סאַראַ פעטער, דבורה. דאָ איז גאָר אַרום ליכטיקער געוואָרן, ווען זיי זענען אַהער אָנגעקומען. דער טאַטע דערציילט, אַז ער געדענקט אים נאָך ווען ער איז געווען אַ מלמד.

דבורה: ער האָט געלערנט מיט מיין טאַטן אויך. דער טאַטע רעדט שטענדיק פון אים.

רבקה: דיר איז באַשערט, אַז דיין מאַן זאָל זיין אַ רב.

דבורה: איך ווייס ניט וואָס מיר איז נאָך באַשערט... וואָס קוקסטו מיר אָן אַזוי פאַרוואונדערט? יאָ, רבקהלע, איך ווייס ניט וואָס מיר איז באַשערט.

אברהם יעקב (קומט אָן מיט פעקלעך): וואָס מאַכסטו, רבקה? איר האָט זיך דערקענט?

רבקה: יאָ, פעטער, איך האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דבורה דעם פעטער אברהם יעקבס. קומט אין שטוב אַריין.

(אברהם יעקב און רבקה גייען אין שטוב אַריין.)

דבורה (בלייבט אַליין. קוקט זיך אַרום אומעטיק און נידער־געשלאָגן.)

דוד נח (קומט אָן אין איילעניש. געעלטערט. באַמערט דבורהן. קושט זי): האַ, מיין אייניקל, וואָס מאַכסטו, מיין אייניקל? קיין עין הרע גרויס געוואַקסן!

דבורה: וואָס מאַכסטו, זיידע?

דוד נח: וואָס זאָל מאַכן דער זיידע? דער זיידע האָט נחת. אַ סך נחת. אַרום און אַרום נחת. עפּעס שייך? איך וויים גאָרנישט פאַרוואָס דאָס קומט מיר. וואו איז דער טאַטע?

דבורה: דו האָסט מיך דערקענט?

דוד נח: ווייסט, ווי דען? ווי דערקענט מען נישט אַזאַ אייניקל?

אברהם יעקב (קומט אַרויס.)

דוד נח: שלום עליכם, זון מיינער. שוין די אויגן אויסגעקוקט דעם גאַנצן טאָג. פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

אברהם יעקב: ניט געקענט זיך אַרויסרייסן פריער. דער פּריץ האָט ניט אָפּגעלאָזן.

דוד נח: אַזוי, האָט מען זיך נישט געזען גאַנצע זיבן יאָר. האָסט דאָך געקענט כאָטש דבורהן אַהער אַמאָל אַריבערשיקן.

דבורה: ווען איך וואָלט וויסן, זיידע, אַז דו בענקסט אַזוי, וואָלט איך אפשר געקומען פריער.

דוד נח: אייניקל מיינס, קינד מיינס, ווייסט, ווי דען? פאַרוואָס זאָל איך ניט בענקען? האָסט באַדאַרפט אַליין נעמען און קומען, אויב דער טאַטע האָט זיך נישט געקענט אַרויסרייסן. און ווי גייט עס דיר, זון מיינער?

אברהם יעקב: ניט צו פאַרזינדיקן, טאַטע. וואָס מאַכסטו?

דוד נח: איך האָב שוין געזאָגט צו דבורהן. וואָס זאָל איך מאַכן? קיין עין הרע נחת — עפּעס אַ קלייניקייט?

רבקה (קומט אַרויס.)

דוד נח: דאָ ביסטו גאָר? האָסט שוין געזען ווער ס'איז אַהער געקומען?

רבקה: יאָ, זיידע. כ'האָב זיי באַלד דערקענט.

דוד נח: מיינע אייניקלעך, איינע האָט רויטע באַקן און די אַנדערע איז אויסגעבלייכט.

דבורה: איך וועל דאָ איבערבלייבן מיט דיר, זיידע, וועל איך אויך קריגן רויטע באַקן.

דוד נח: אַוודאי, וואָס מיינסטו? באַדאַרפסט עס טאַקע טאָן.

רבקה: מיינע באַקן זיינען גאָר אַזוי רויט.

דבורה (קושט רבקהן): דיינע באַקן זיינען פריש און שיין.

דוד נח: עך, ווען די באָבע וואָלט עס איצטער געלעבט! נישט באַשערט געווען איר צו האָבן נחת.

(אַ טרויעריקע שטילקייט.)

רבקה: קומט בעסער אין שטוב אַריין.

דוד נח: יאָ, אפשר מאַכן עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. באַלד וועט קומען סטערע.

אברהם יעקב: הערש בער האָט זיך אַהער אַריינגעצויגן?

דוד נח: נו, אַוודאי, ווי אַזוי האָב איך עס געקענט נעמען און אַוועקוואַרפן אַ שטוב? דאָס האַרץ האָט נישט געלאָזן.

אברהם יעקב: די שטוב איז אַביסל איינגעבויגן.

דוד נח: מיינסט, אַז זי איז איינגעבויגן? איך זע עס נישט. עס דאַכט זיך דיר נאָר אויס. ווייסט, ווי וואָלט איך עס ניט באַמערקט?

אברהם יעקב: ווען זיינען זיי אָנגעקומען?

דוד נח: נעכטן, מיין קינד. אַ נחת האָט איר מיר, קינדערלעך, אָנגעטאָן. אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין. דאָס איז אַוודאי זיין קאָפּ געווען. כאָטש אַ שווער איז נישט קיין טאַטע, פונדעסטוועגן פאַר־שטאַנען, אַז דאָ ביים זיידן באַדאַרף מען זיך צונויפקומען אויף אַ שמחה.

צינע און סטערע (קומען אָן.)

רבקה: אָט איז די מאַמע!

סטערע: איך קען שווערן, אַז אברהם יעקב איז געקומען.

צינע: און דאָס זאָל זיין דבורה... (צעקושן זיך.) וואָס מאַכסטו אברהם יעקב?

דבורה: דאָס איז די מומע צינע?

צינע: יאָ, מיין קינד. די מומע. פאַרוואָס האָסטו אונדז קיינ־מאָל ניט אָנגעטאָן דעם נחת רוח און געקומען צו אונדז?

סטערע: צו אונדז איז זי אויך נישט געקומען. גאָר פאַרגעסן זיך מסתמא אָן אונדז אַלעמען. וואָס מאַכסטו, אברהם יעקב? דו זעסט ניט אויס גוט, אברהם יעקב, און זי זעט אויך נישט אויס גוט.

דוד נח: נישקשה, זי וועט דאָ אונטערזיין אַביסל וועט מען זי אם ירצה השם אויספּאַשען.

אברהם יעקב: וואָס מאַכט איר אַלע אין געזונט?

סטערע: קום אַהער, רבקהלע. וואָס זאָגסטו, אברהם יעקב, צו מיין טאָכטער?

(עס קומען צווי ישובניקעס, איינער אַ גרויער און דער אַנ־דערער אין די מיטעלע יאָרן.)

עלטערער: אַ גאָט העלף!

צווייטער: וואָס מאַכט ר׳ דוד נח?

(מען גיט זיך שלום.)

דוד נח: וואָס מאַכט עפּעס רב איטשע יעקב?

עלטערער: כ׳האָב געמיינט, מען איז דאָ נישט באַקאַנטלעך.

דוד נח: אַז מען זעט איינמאָל געדענקט מען שוין ברוך השם. וואוהין פאָרן עפּעס יידן?

איטשע יעקב: טאָקע אַהער. וואָס מיינט איר, די וועלט שלאָפט? נו, און ווער איז דער־אָ ייד?

דוד נח: דאָס איז מיין יינגסטער זון.

איטשע יעקב: אַזוי גאָר, אַ זון! געמיינט אויך עפּעס פון דער פרעמד.

אברהם יעקב: שלום עליכם... מען קען טאָקע באַלד זאָגן פון דער פרעמד. גאַנץ ווייט פון דאַנען וואוין איך.

איטשע יעקב: מען שמועסט אין אונדזער געגנט, אַז אַהער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ גרויסער רב, ר׳ לוי יצחק פון כאָטשעוווע, יאָקבי, זאָל עס זיין.

צווייטער: יאָ, אַזוי שמועסט מען ביי אונדז, אַז רב לוי יצחק פון כאָטשעוווע זאָל עס זיין.

איטשע יעקב: מען שמועסט, אַז ער איז אייערער אַן איידעם.

דוד נח: חלילה, נישט קיין טעות. (באַווייזט אויף צינען.) אָט דאָס איז מיין טאָכטער. געקומען אַנטאָן אַביסל נחת דעם טאַטן.

איטשע יעקב: זיינען מיר עס אַהער טאָקע געקומען געוואָר ווערן, אַביסל זיך דורכשמועסן.

צווייטער: אגב הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

איטשע יעקב: און אגב טאָקע עפּעס פרעגן. וואָרעם ווען קען מען זיך עס דערשלאָגן אין שטאָט אַריין? אַז מען קומט אויף ימים נוראים אין שטאָט איז שוין דער קאָפּ ברוך השם פאַרשלאָגן. ליגט שוין ברוך השם גאָרניט אין זינען. און אַגב ווער קען זיך יעמאָלט דערשלאָגן צום מזרח?

דוד נח: וועט מען אפשר אויסשפּאַנען די פערד?

יינגערער: וואָס זאָגט איר, רב איטשע יעקב?

איטשע יעקב: מען וועט דאָ קענען איבערשטיין איבער נאַכט.

דוד נח: וועט זיין אָנגעלייגטע געסט.

סטערע: זע נאָר ווי ס'האָט זיך שוין צעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט.

איטשע יעקב: עפּעס אַ קלייניקייט. יידן זיינען דאָך יידן. מען באַדאַרף נישט האָבן חלילה קיין סך אַז מען זאָל זיך דערמאָנען וואו מען איז אין דער וועלט.

צינע: אַזוי פאַרגעסן געוואָרן. איך דערקען דאָ קיינעם ניט פון די יידן.

איטשע יעקב: דאָס איז די רביצין מסתמא. אַ חידוש אַז מען פאַרגעסט? ס'איז שוין פאַראַן וואָס בעסערס צו געדענקען.

(עס קומען אָן נאָך דריי יידן.)

סטערע: מאַמעלעך מיינע, די גאַנצע וועלט לאָזט זיך אַראָפּ אַהער.

דוד נח: טאָקע אין דער ריכטיקער שעה.

די יידן (מען גיט זיך אָפּ שלום מיט אַן ערנסטן „גאָט העלף". מען באַטראַכט זיך, מען קוקט זיך אַרום.)

דוד נח: וואָס ט'איר עפּעס זאָגן גוטס, רב יידן?

ערשטער: זייט איר עס, ר' דוד נח?

סטערע: ווער קען עס ניט מיין שווער? מען ווייסט פון אים, ברוך השם, אין דער גאַנצער געגנט.

דוד נח: חלילה, נישט צוליב מיין אייגענעם זכות.

ערשטער: אייער אידעם דער רב געקומען צו גאַסט שמועסט מען ביי אונדז.

צווייטער: אין שיניעווקע האָבן מיר געהערט.

דריטער: דער קרעטשמער דערציילט יאָקבי.

ערשטער: וועט׳ן אים קענען זען?

דוד נח: ווייסט, ווי דען?

צינע: איך פאַרהאָף צו גאָט.

ערשטער: איז דאָך טאַקע עפּעס ווערט געווען די נסיעה.

איטשע יעקב: טאַקע צוליב דעם האָב איך מיר אַהער אַריבער־געכאַפּט.

ערשטער (באַווייזט צו אַברהם יעקבן): ווער איז אָט דער ייד? שלום עליכם.

אברהם יעקב: עליכם שלום. איך בין אַ זון. דעם רבס אַ שוואָגער.

ערשטער: אַ גרויסע זכיה.

צווייטער: עפּעס ניט קיין קלייניקייט.

דוד נח: איר׳ט קענען דאָ אַלע איבערנעכטיקן. האָט איר פאַר די פערד מיטגענומען גענוג?

ערשטער: דאָס ט׳שוין זיין די לעצטע דאגה. כ׳וואָלט נאָר וועלן זיי פירן צום וואַסער.

צווייטער: אַזוי, אַזוי, עס איז טאַקע אמת?

סטערע: מיר ווייסן אַליין נישט וואָס פאַר אַ זכות מיר האָבן.

דוד נח: ווייסט, אברהם יעקב, וואָס איכ׳ל דיר זאָגן, אַז מיין קאָפּ איז מיר אויך עפּעס אַנדערש געוואָרן זינט יעמאָלט. כ׳פלעג מיר ליב האָבן כאַפּן בייטאָג אַ דרעמל. האָט עס מיר שוין אַזוי געצויגן. באַדאַרפט האָבן נישט איין שמעק טאַבאַק דעם שלאָף צו פאַרטרייבן. אָבער איצטער — זעסטו נישט. דער שלאָף טשעפּעט מיך שוין נישט בייטאָג.

ערשטער (לאַכט הויך): אַוודאי, אַז מען האָט אַזאַ־אַ אידעם שלאָפט מען שוין נישט בייטאָג.

דוד נח: פאַרוואָס זשע פרעגט איר נישט, ווי קומט עס וואָס

ער האָט זיך אַהער אַראָפּגעלאָזן אין מיטן דערינען?

איטשע יעקב: כ׳ווייס, אַן אײדעם איז דאָך שוין נישט שייך.

אַ ייד: איך קען שווערן, עפּעס אַ שמחה.

דוד נח: ער איז זיך משדך מיט מיין יינגערן זון, דאָס הייסט, מיט מיין אייניקל, זיין טאָכטער. ער איז דאָ פאַראַן מיט זיין זון.

(די יידן שמוצערן מיט די ליפּן פּאַר התפּעלות.)

ערשטער: אפשר איז עס אָט די וואָס שטייט אָט אַ דאָרטן?

צווייטער: אַ וואָסערע?

דריטער: מסתמא יענע, די בלייכערע.

דוד נח: ס׳איז מיין אייניקל.

אברהם יעקב: מיין טאָכטער, זאָל לעבן און געזונט זין.

(קוקן אַלע צו דבורהן, וואָס שטייט פון ווייטן מיט רבקהן און רעדן עפּעס אין דער שטיל.)

דוד נח: ווייסט, סטערעלע, באַדאַרפן זען, אַז די יידן... אפשר ווילן זיי עפּעס איבערכאַפּן.

צינע: איך וועל דיר העלפן.

סטערע: זאָל מיך גאָט שטראָפן, צינע, אויב איך וועל דיר לאָזן זיך צו עפּעס צורירן.

דוד נח: ס׳מאַכט נישט אויס. טאַקע אַ רביצין, אָבער פונדעסט־וועגן דוד נחס אַ טאָכטער. גיי טאַקע, צינעלע, זיי זשע מוחל.

רבקה (פון וויטנס): אָט גיי איך אין שטוב אַריין, מומע, איכ׳ל העלפן.

דבורה: קומט אַלע אין שטוב אַריין.

(אַלע פרויען גייען אַריין אין שטוב.)

דוד נח: גיי, אברהם יעקב, אויך אַריין אין שטוב, אפשר וועסטו עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

אברהם יעקב: איך קוק זיך אַרום און טראַכט, דאַכט זיך, אַלץ איז ווי געווען און פונדעסטוועגן עפּעס נישט ווי געווען.

אַ ייד: שוין לאַנג פון דאַנען?

דוד נח: זינט די מאַמע איז געשטאָרבן. אַ שיינע עטלעכע יאָר.

(עס קומען אלקנה, גיטל און הערש בער.)

אלקנה: אַ וועלט מיט ייִדן, קיין עין הרע. שאַ, ווער איז דאָס? כ׳קען שווערן, אברהם יעקב. שלום עליכם, וואָס מאַכט מען?

אברהם יעקב: געלויבט איז דער אייבערשטער.

גיטל: מאַמעלעך מיינע, טאַקע אברהם יעקב!

הערש בער: שלום עליכם, וואָס מאַכט מען עפּעס? סאַראַ באָרד? כ׳וואָלט דיך נישט דערקענט ווען מען זאָגט מיר נישט.

אברהם יעקב: דבורה איז אויך געקומען מיט מיר.

גיטל: וואו איז זי, אין שטוב? איך בין איר אַ בעלן צו גיין זען.

(גייט אין שטוב אַריין.)

אלקנה: און ווער זענען אָט אַ די אַ ייִדן?

דוד נח: הערסטו דאָך, ס׳האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט אַז לוי יצחק האָט זיך אַהער אַראָפּגעלאָזן.

ערשטער ייִד: ווייסט, ווי דען, פאַרוואָס זאָל מען נישט הערן?

צווייטער: די וועלט שלאָפט נישט.

דריטער: אגב ווי ווערט מען נישט געוואויר וואָס סע הערט זיך עפּעס מיט ייִדן אויף דער וועלט?

ערשטער: איך וויל מיר פשוט מיט אים האַלטן אַן עצה.

צווייטער: איך וויל זיך פשוט כאָטש אין אים גוט אָנקוקן.

אלקנה: אַ מדינה־חכם!

דוד נח: און מיין אייניקל, רב חיים?

אלקנה: עס ברענט דער קאָפּ אויף אים. איך געדענק נאָך אים אַליין, דעם פאָטער, ווי איצטער זאָל עס זיין. אָנגעקומען אַ בלייכער ייִנגל מיטן פּעקל אויפן פּלייצע. זאָגט צו מיר דוד נח, ער וויל אים אָנשטעלן פאַר אַ מלמד צו די קינדער. ס׳האָט מיר געחידושט נאָכ־סאָל ער וויל עס טאָן. וואָס? מורא געהאָט די קינדער זאָלן אים נישט מבזה זיין. נו, זעט איר דאָך, וואָס דער סוף דערפון איז אַרויסגעקומען. וויפל איז שוין אין דעם, דוד נח?

דוד נח: זיבן און צוואַנציק אָדער אַכט און צוואַנציק יאָר.

אַ ייִד: אַזוי, האָט ער אַ זון אויך אַ לייט.

דוד נח: וואַרט שוין אויף אים אַ שטאָט.

(די יידן שמוצערן מיט די ליפּן.)

אברהם יעקב (גייט שוויגנדיק אין שטוב אַריין.)

אַ ייד: לאָמיר גיין אויסשפּאַנען די פערד.

צווייטער: לאָמיר מיין פערד אויך אויסשפּאַנען.

(אַלע פרעמדע יידן גייען אַוועק צום וועג.)

דוד נח: גיי, הערש בער, ווייסטו זיי דאָרט אָנווייזן וואו די פערד אַריינצופירן.

הערש בער: האָסטו עפּעס גערעדט מיט אברהם יעקבן, וואָס מאַכט ער?

דוד נח: נאָך קיין צייט נישט געהאַט. ווי נאָר ער איז געקומען זענען די יידן אָנגעקומען און האָבן מיר גאָר פאַרשלאָגן דעם קאָפּ.

הערש בער: גיי אין שטוב אַריין. איך וועל גיין דאָרט זען צו די יידן.

(גייט אַוועק הינטערן שטאַל.)

דוד נח (גייט אין שטוב אַריין.)

רבקה און דבורה (קומען אַרויס.)

דבורה: וואו זיינען זיי אַלע אַזוי לאַנג?

רבקה: איך ווייס ניט. זיי גייען אַלע ווילע אַוועק אין פעלד אַריין. גייען אום בײדע. גייען אום.

דבורה: האָסטו נאָך טאָקע מיט זיי גאָר ניט גערעדט?

רבקה: ווי אַזוי קען איך רעדן מיט זיי? קיינער ביי אונדז ווייסט ניט וואָס צו רעדן מיט זיי. דער פעטער הייבט אָן אַלע מאָל צו רעדן און מיר שוויגן. ער איז אַ צדיק.

דבורה: און ער?

רבקה: חיים?

דבורה: ער האָט גאָר ניט געקוקט אויף דיר?

רבקה: וואָס האָט ער דען צו קוקן אויף מיר? אפשר ווען ער וואָלט מיר עפּעס פרעגן, וואָלט איך ענטפערן אפשר.

דבורה: ער האָט דערמאָנט מיין נאָמען?

רבקה: כי, ער'ט אפשר קיינמאָל ניט דערמאָנען. היינט אין דער פרי, איך בין זייער פרי אויפגעשטאַנען. גיי איך אַרויס דרויסן, זע איך ער שטייט און קוקט אַריין אין ברונעם. לאַנג האָט ער אַריינגעקוקט. איך בין געשטאַנען פון וויטן.

דבורה: ווען מיינסטו האָט ער געזען אין ברונעם?

רבקה: צי איך ווייס?

דבורה: ווייסט ניט, רבקה, וואָס אַזוינס ליבע מיינט.

רבקה: ס'האַרץ זאָגט מיר וואָס דאָס איז און דו?

דבורה: אַז די צייט קומט מוז מען וויסן, רבקה. אַז די צייט קומט צו לעבן קען מען אָן ליבע ניט לעבן.

רבקה: ביסט אַזאַ קלוגע. אין שטאָט, טראַכט איך, ווערט מען שוין טאַקע קלוג.

דבורה: אפשר.

רבקה: אַז דו וועסט דאָ זיין לענגער, וועל איך זיך אפשר עפּעס אָפּלערנען פון דיר.

דבורה (נעמט אַרום רבקהן מיט ליבע): דו ווייסט שוין אַלץ, רבקה, ווייסט אפשר נאָך מער פון מיר. דיין האַרץ איז אפשר קליגער פון מיינס.

רבקה: דאַכט זיך מיר, זיי גייען! קום, לאָמיר בעסער אַריינגיין אין שטוב אַריין.

דבורה: שטיי לעבן מיר. איך וויל זיי זען.

רבקה: זיי וועלן זיך אויף אונדז נישט אומקוקן אַפילו.

דבורה: ער איז דאָך אונדזערער אַ פעטער. חיים — אַ שוועסטערקינד. ניטאָ זיך פאַרוואָס צו שעמען. אַזוי וועלן מיר שטיין ביים שוועל, וועלן זיי שוין אונדז מוזן דערזען.

רבקה: קום, לאָמיר זיך זעצן אויפן פריזבע.

דבורה: שטיי לעבן מיר, אָט אַזוי.

(האַלט רבקהן אַרומגענומען.)

לוי יצחק און חיים (קומען אָן פון צווישן די ביימער. פאַרנעמען זיך צום שטוב. ווען זיי דענען שוין באַלד ביים שוועל, רוקן זיך

די מיידלעך אינסטינקטיוו אָפּ אַ פּאָר טריט הינטער זיך. גייען ביידע אַריין אין שטוב ניט באַמערקנדיק די מיידלעך.)

דבורה: אָט דאָס זיינען זיי... האָבן אונדז ניט באַמערקט.

רבקה: דאַכט זיך, אַז זיי האָבן אונדז געזען.

דבורה: אָט דאָס איז ער?

רבקה (פאַרגאַפט)**: יאָ, חיים. האָסט אים געזען, האָ? דער פעטער איז שוין גרוי. ער האָט גרויסע ברעמען וואָס פאַרשטעלן זיינע אויגן. מיט דער מומען האָב איך גערעדט. זי זאָגט, אַז זי איז געווען מיידל־ווייס אין מיר געראָטן. געווען אַזאַ פאַרשייטע שטיפערקע ווי איך, זאָגט זי.**

דבורה (איר פּנים ציטערט, הייבט אָן צו ווישן די טרערן.)

רבקה: דו וויינסט, דבורה?... ער געפעלט דיר נישט? האָ? פאַרוואָס וויינסטו, דבורהלע?

(שטוביקע שטימען קומען צום טיר.)

דבורה (לאָזט זיך גיין אַ בלאַסע אין הינטערגרונט.)

רבקה (גייט איר נאָך אַ פאַרוואונדערטע. פאַרשווינדן צווישן די **ביימער.)**

די יידן און הערש בער (קומען אָן פון וועג און אין דער איי־גענער צייט קומען אַרויס פון שטוב לוי יצחק, דוד נח און אלקנה.)

ערשטער ייד: אָט אַדאָס איז דער רב?

צווייטער: יאָ, דאָס איז דער רב.

לוי יצחק: שלום עליכם, יידן.

(גיט זיי אַלעמען אָפּ שלום.)

אלקנה: אָט אַזוי ווי איצטער געדענק איך יענעם אין דער פּרי. וויפל איז שוין אין דעם? ביי אַ זעקס און צוואַנציק יאָר איז שוין אין דעם.

לוי יצחק: זיבן און צוואַנציק יאָר. פון וואַנען פאָרן עס יידן?

ערשטער: טאָקע אַהער געפאָרן.

לוי יצחק: אָבער פון וואַנען פאָרן עס יידן? פון אַ יריד, מן הסתם?

צווייטער: חלילה, נישטאָ איצטער קיין ירידן אין די גע־גנטן.

דריטער: טאַקע תחילת איינגעשפּאַנט די פערד אַהערצוצו פאָרן.

דוד נח: צוליב דיין כבוד וועגן, שמועסט מען, זיינען זיי אַהער געקומען.

אלקנה: ווילן זיך אַביסל דורכשמועסן מיט אַ רב.

אַ ייד: כאָטשבע אָנצוקוקן זיך געגנוג. וואָרעם וואָס קען אַ דאָרף־מענטש געפינען צו רעדן מיט אַ רב?

לוי יצחק: אַ ייד לאָזט זיך נישט סתם אַזוי אין וועג אַריין. אַ ייד לאָזט זיך אין וועג אַריין אַ מצווה צו פאַרדינען. און דאָס האַרץ זאָגט שוין אַן וועגן און ווי אַזוי מען באַדאַרף פאַרדינען אַ מצווה.

איטשע יעקב: וואו מאַכט זיך עס אַ דאָרף־יידן אַזוי גרינג אַ מצווה צו פאַרדינען?

לוי יצחק: וויפל מאָל אין טאָג איז מפשפש אַ דאָרף־ייד און באַטראַכט זיך צי ער איז אַ ייד?

צווייטער: דאָס, ברוך השם, קריכט שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון קאָפּ. מער נישט וואָס דאָס האַרץ גאַרט צו זיין אַ רעכטער ייד. אַ ייד ווי ביי לייטן, נאָר מען קען עס נישט באַווייזן.

לוי יצחק: וואָס מיינט עס?

דער ייד: וואָס קען איך דען מיינען? דער רבי פאַרשטייט דאָך וואָס סע מיינט אַ ייד צו זיין.

דריטער: וואָרעם וואָס איז שייך טאַקע? איינשטעלן דאָס לעבן צוליב יידישקייט. וואָרעם מיט וואָס דען קען מען באַווייזן, אַז מע איז אַ ייד, אַז אויב נישט אָפּצוגעבן אַלץ וואָס אַ ייד פאַרמאָגט.

אלקנה: כאַ־כאַ־כאַ, מען זיצט אין דאָרף ביים טאָפּ באָב און סע פעלט גאָרנישט, סע איז מיר אַ חידוש ווי דער וואָס אין הימל וועבדט גאָר אום זיין פנים צו אַזוינע יידן.

לוי יצחק: האָבן יידן חיונה בשפע?

ערשטער: מע קען זיך נישט באַקלאָגן, רבי.

צווייטער: מער נישט, וואָס מע וואָלגערט זיך צווישן גויים.

דריטער: פון טאָג ביז נאַכט פאַריאָגט מיט ווייס איך דאָרט וואָס.

פערטער: איך בין, קיין עין הרע, אַ שמיד אַ בעל מטופל.

פינפטער: וועט דער רבי נישט נעמען פאַר אומגוט וואָס איך וואָלט וועלן זיך מיישב זיין. סע איז ביי מיר פאַראַן אַ יינגל, הייסט עס, כ׳האָב צו אים נאָך פיר יינגלעך, נאָר ער איז דער יינגסטער, אין גאַנצן אַכט יאָר אַלט, דאַכט זיך מיר, אַז פון אים וואָלט זיך אפשר אויסגעשניטן אַ לייט.

לוי יצחק: דהיינו?

דער ייד: אַ קליין יינגל, נאָר מיט אַ שאַרף קעפּל. ווען דער רבי זאָל אים וועלן פאַרהערן, איך וואָלט מיר געלאָזט קאָסטן ביז צו דער לעצטער העמד. האָב איך מיר געוואָלט מיישב זיין מכּוח דעם.

צווייטער: ער האָט אים מיט זיך מיטגעבראַכט.

פינפטער: איך האָב אים טאַקע אין וואָגן.

יידן: ברענג אים אַהער, הענעך יאָשע. איך זע שוין, אַז דער רבי וועט פון אים האָבן הנאה.

לוי יצחק: ברענגט אים אַהער, זאָל ער זיין מיט די דערוואַקסענע יידן.

(צוויי יידן, צווישן זיי דער פּאָטער, איילן צום וועג אַרויס.)

לוי יצחק: איך קוק זיך אַרום, דיביימער נישט הינטערשטעליק געוואָרן. אויסגעוואַקסן פאַר די זעקס און צוואַנציק יאָר.

חיים (באַווייזט זיך אין טיר.)

לוי יצחק: אָט איז מיין זון. זעסט אָט יענעם בוים לעבן ברונעם? אַז איך בין אַהער געקומען צום ערשטן מאָל איז ער געווען אַזוי דין ווי מיין פינגער; אַ ריטעלע אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד און איצטער — אַ בוים.

דוד נח: זיי זשע מוחל, געדענקסט אַוודאי דעם עפּל־בוים, וואָס איז געוואַקסן הינטערן פענצטער. נישט פאַר די ביימער געדאַכט, אַ דונער האָט אים איינגעבראַכן.

לוי יצחק: יאָ, אויך אויף ביימער אַז עס קומט אַ גזרה און ס׳איז נישט פאַראַן ווער עס זאָל מעביר זיין די גזרה...

(די יידן קומען אָן, פירן אַ בלאַסן, שעמעוודיקן יינגל.)

לוי יצחק (קנייפּט דעם ייִנגלס בעקל): ווי רופט מען דיך?

ייִנגל: שלמה.

דער פּאָטער: יאָ, שלמה איז דײַן נאָמען. האָט שוין באַדאַרפט צו זײַן אַביסל גרעסער. איז אָבער נישט ער עסט און נישט ער וואַקסט.

לוי יצחק: קענסטו שוין עפּעס לערנען תּורה?

ייִנגל: כ׳וועל קענען.

אַ ייִד: מע זעט שוין, אַז ער וואַקסט אַ לייט. האַ־האַ.

לוי יצחק: נו, און אַז דו וועסט קענען לערנען תּורה, וואָס וועט יעמאָלט זײַן?

ייִנגל: איכ׳ל זײַן אַ רב.

לוי יצחק: און אַז דו וועסט שוין זײַן אַ רב, וואָס וועט יעמאָלט זײַן.

ייִנגל: וועל איך פּסקענען שאלות.

(ייִדן לאַכן.)

אלקנה: אויף אים איז צו גלייבן.

אַ ייִד: וואָס זאָגט איר, רבי, ער וואַקסט שוין אַ לייט, האַ?

לוי יצחק: ווער לערנט מיט אים?

דער פּאָטער: אַליין פון זיך, רבי. געווען אַ מלמד. אָבער דער מלמד האָט געזאָגט, אַז פאַר אים באַדאַרף מען האָבן אַ רבין וואָס זאָל שוין וויסן פון דאַנען אַהין.

לוי יצחק: נו, ייִנגעלע, ווילסטו זײַן אַ רב און פּסקענען שאלות. ווי איז אָבער, אַז דו וועסט ניט האָבן קיין שאלות צו פּסקענען?

ייִנגל (טראַכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.)

אַ ייִד: כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז שוין אַביסל צו הויך פון זײַנעט־וועגן.

לוי יצחק: נישט צו הויך. גאָר נישט צו הויך... זאָג מיר, זונעלע, וואָס וועסטו טאָן, אַז דו וועסט נישט האָבן קיין שאלות צו פּסקענען? ביי ייִדן איז נישטאָ קיין טריפות. אַלץ כשר. ביי ייִדן איז נישט קיין עוולה אין משא ומתן — כסדר צדק און יושר; וואָס וועט יעמאָלט זײַן, ייִנגעלע? (ער זעצט זיך אַנידער און ציט דעם

יינגל צווישן די קני אַריין. רעדט מיט התלהבות.) אַט אַזוי, מיין שיין יינגעלע, וואָס וועסטו יעמאָלט טאָן?

(אין עולם הערשט אַ געהויבענע שטימונג. די יידנס אויגן און פנימער צינדן זיך אָן מיט התלהבות.)

יינגל: אַז איך וועל קענען גוט לערנען תורה וועל איך שוין אַליין וויסן וואָס צו טאָן.

לוי יצחק: גוט לערנען תורה... דאָס איז דער עיקר. גוט צו באַנעמען די תורה, דאָס איז דער עיקר, פון דער תורה אַרויס ווינקט שוין אַרויס די אויג פון חסד און אמת און ווינקט און רופט, און עפנט אויף דאָס האַרץ צום אמת. יעמאָלט וועסטו שוין זאָגן צו דער תורה: לבבתיני אַחותי כלה, דו האָסט זיך באַהאַרצט מיין שוועס־טער, מיין כלה... לבבתיני באחת מעיניך — האָסט מיך באַהאַרצט מיט די אויגן דיינע, וואו חסד און אמת זענען איינגעפאַסט... אַט אַזוי, יידן, מיינט עס.

(עס הערשט אַ ווײַלע אַ געהויבענע שטילקייט. די יידן קוקן זיך דורך. וואַרטן אַז נאָך עפּעס זאָל אַרויסקומען פון לוי יצחקס מויל אַרויס.)

דער פּאָטער: זאָג, מיין קינד, דעם רבין וואָס דו האָסט גע־וואָלט זאָגן.

לוי יצחק: שוין, ער האָט שוין געזאָגט. תורה וויל ער לערנען. תורה לשמה. איך נעם אים מיט זיך. איך וועל אים האַלטן לעבן זיך.

(די יידן שמועסן מיט די ליפּן פאַר התפעלות.)

דער פּאָטער: איכ׳ל מיר לאָזן קאָסטן ביז צו דער לעצטער העמד.

לוי יצחק: באַדאַרף דען אַ טאַטע נאָך צוצאָלן ווען זיין קינד באַגערט צו דער תורה, וואו איז עס גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן? (צום יינגל.) איצטער קום, מיין זון. קום לאָמיר זען צי ס׳איז שוין טאָקע צייט צו דאַווענען מנחה.

(נעמט אים פאַרן האַנט און גייט מיט אים אַוועק צווישן די ביימער. מען הערט נאָך לוי יצחקס ווערטער: „תורה, תורה״.)

אַ ייד: עס ווילט זיך אַוועקצוואַרפן די געשעפטן און אַלץ מיט אַנאַנדער.

צווייטער: און וואָס?

ערשטער: און וואָס — פרעגסטו? און מען לעבט שוין ווי גאָט האָט געבאָטן. (צום פאָטער פון יינגל.) זעסט ווי מען ווערט אויפ־געריכט?

דער פאָטער: עס גלייבט זיך מיר גאָר אַליין נישט. ער נעמט אים מיט, זאָגט ער.

אלקנה: סע שטעלט זיך מיר די האָר אין קאָפּ פון דער גאַנצער מעשׂה. וואָס זאָגסטו, דוד נח? דו ווייסט, אַז איך טראַכט: אַנדערע צייטן קומען עפּעס אויף דער וועלט. וואָרעם אַז נישט קען דאָך נישט געמאָלט זיין. פריער דו און איצטער, כאָטש נישט איך, איז אברהם יעקב. דוד נח, דו ווייסט, אַז אַ האָרץ איז אַמאָל ניט קיין קליי־ניקייט. (צום פאָטער פון יינגל.) איר, רב ייד, האָט אַ גרויסן זכות אין הימל. איר באַדאַרפט זיך נישט האַלטן גרויס ביי זיך. חלילה ניט איבערנעמען זיך. וואָס זאָגסטו, הערש בער?

הערש בער: איך טראַכט, ווי לאַנג איז עס גאָר אין גאַנצן געווען די מעשׂה, ווען ער איז אַהער אָנגעקומען מיטן פּעקעלע אויפן פּלייצע. נאָך גאָר שנעקעס געווען. האָט מען גאָר חוזק געמאַכט פון אים. האָט זיך עס יעמאָלט גאָר געפּלאָנטערט. וואָס האָב איך מיר צו נאַרן? ס'איז מיר אויך גאַנץ גוט אין זינען אַריין. אפשר אַזוי וואָלט מען זיך געפּרוּווט עפּעס אַנדערש. אָבער אַזוי האָט עס שוין געקירע־וועט, געקירעוועט. נו, איז מען נישט קיין למדן, אָבער ס'קירעוועט שוין, עס לאָזט שוין נישט פאַרקריכן אין בלאָטע אַריין. און דאָס איז ס'אייגענע מיט אברהם יעקבן.

אלקנה: דאָס זאָג איך דאָך, שוין אַנדערע צייטן אויפן דאָרף אויך. וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? כ'האָב יעמאָלט באַלד אַרויס־געזען, כ'האָב מיר נישט געמאַכט ווילסנדיק. איצטער זע איך עס באַ־שיינפּערלעך. ער געקומען. יידן געקומען. ס'איז שוין נישט דער אייגענער דאָרף. איך זע עס באַשיינפּערלעך.

אברהם יעקב (קומט אַרויס.)

דוד נח: אָט איז מיין זון. וואָס מאַכסטו, האָסט זיך כאָטש אויס־גערוט אַביסל?

אברהם יעקב (גיט די יידן שלום): מיר האָבן איבערגעשמועסט

אַז מען זאָל די יידן בעטן דאָ איבערנעכטיקן. טאַקע לכּבוד דעם רב און זיין זון דעם רב.

אַ ייד: אַזוי, דער זון אויך אַ רב.

דוד נח: ער נעמט מיין איינקל, זיין טאָכטער.

אַ ייד: יאָ, יאָ, אַז מען איז זוכה.

אלקנה: ער נעמט דאָך מיט זיך אָט דעם יידנס יינגל.

אברהם יעקב: הלוואי וואָלט איך יעמאָלט געווען יינגער.

דוד נח: וואָס פעלט דיר חלילה אַזוי, מיין זון?

אברהם יעקב: עס קען זיין, אָבער ס'איז נישטאָ קיין גרונט וואוהין דער געדאַנק קען פאַרטראָגן אויב דו הייבסט נאָר אָן צו פאַרשטיין. אָט קוק איך אויף אים אַליין. ער שטייט נישט אויף אָן אָרט, אַז מען הייבט אָן צו שטייגן, שטייגט מען שוין.

לוי יצחק (קומט אָן. פירט ביים האַנט דעם יינגל. רעדט צו אים): אַז מען לערנט תּורה פאַרשטייט מען דעם פּשט פון אריה שאג מי לא יירא, אַז אַ לייב ברומט ווער האָט יעמאָלט ניט קיין פּחד? דאָס מיינט מען דעם ליכטיקן טאָג, וואָס קומט אָן ווי אַ לייב און ברומט פאַרן טיר. ברומט הינטערן פענצטער און וועקט דאָס האַרץ צום אור התּורה. צום ליכט פון דער תּורה. (באַמערקט אברהם יעקבן) זעסט, אברהם יעקב, וואָס אַזוינס עס וואַקסט אויפן דאָרף? איז דאָך שוין ווערטה געווען די גאַנצע נסיעה. אַפילו צוליב דעם אַליין.

אברהם יעקב (נעמט דעם יינגל פאַרן אויער): ווי רופט מען דיך, שייגעץ איינער?

יינגל: שלמה.

לוי יצחק: שלמה, שלמה... נו, יידן, אַזוי מאַכט איר שוין אַ מנין צו דאַוונען... איז באַשערט אַ מנין — קומט ער דער מנין.

(אין הינטערגרונט גייען פאַרביי רבקה און דבורה. דייערע אויגן געווענדט צום שטוב צו, וואו פאַרגאַפטע יידן שטייען אין אַ האַלבן קרייז.)

ציגע און סטערע (באַווייזן זיך אין טיר. וואָלטן וועלן אַראָפּ־גיין, בלייבן דאָך שטיין, מיטן געדאַנק געווענדט צום בינטל יידן.)

איטשע יעקב: רבי, מיט וואָס קען אַ ייד באַווייזן, אַז ער איז אַ ייד.

לוי יצחק: די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב באַדאַרפן דען באַוויזן, אַז זיי זענען עס? פון אויבן ווינקט מען שוין, טייט מען שוין — אַט דאָס זענען זיי, די זרע קודש... קומט שוין עפּעס אַרויס פון דעם אַנווייזן, פון דעם אַנטייטן. אַמאָל ווערט די וועלט פאַרבלענדט, אַז זי קוקט אַריין אין דעם תּואר פּנים פון זרע יעקב און אַמאָל וויל די וועלט אויסלעשן דאָס פייער, וואָס לייכט אויפן תּואר פּנים פון די זרע יעקב.

רבקה און דבורה (קומען ווידער אָן און בלייבן שטיין אין הינטער־גרונט, געווענדט מיטן געדאַנק אַהער.)

צינע (ווישט די פרומע טרערן.)

סטערע (קוקנדיק אויף צינען טוט זי אויך דאָס אייגענע.)

אלקנה: וואָס איז דעם מענטשנס לעבן דען ווערט? וואָס פאַר אַ ווערט האָט ער אויף דער וועלט? איך זאָג מיר מיינס.

לוי יצחק: נישט געדרונגען, אַ סך ווערט. אָן עולם ומלואו ווערט. גאָר די אוצרות פון דער וועלט ווערט. אַ ייד באַדאַרף עס וויסן. אַ ייד באַדאַרף עס באַגרייפן, אַז מה־דאַך דאָס קליינע פליגעלע וויס עס, אַ פשיטא שוין דער מענטש, אַ פשיטא שוין אַ ייד. אַ פשיטא שוין די זרע יעקב. אָט זע איך דעם בוים אָט־אָ דאָרטן. אַ ריטעלע געוועזן. איז פון דעם אַ בוים אויסגעוואַקסן. און פאַרקערט, איז אויף יענעם עפּל־בוים נגזר געוואָרן כליה. אָט, באַדאַרפט נגזר ווערן. נו, גייט זיך אַרום אַ מענטש מיטן צלם אלהים אויפן פּנים און איז זיך מייאש. באשר אים איז צו גוט. באשר אים איז די גאַנצע וועלט איבערגעענטפערט געוואָרן.

אברהם יעקב: ווען איך וואָלט געקענט מיינע עסקים אַראָפּ־וואַרפן פון פּלייצע. נו, וועט דען דער פּריץ אַרויסלאָזן.

לוי יצחק: ווידער דאָס אייגענע. עס גאַפט אין מיר מיין נשמה דווקא דאָ זייענדיק. יאָ, און דווקא אַ רב. דווקא אַ בר־אורין. וואָרעם ווי דען אַנדערש פרעג איך אייך, יידן? במקלי עברתי את הירדן. אָט אַזוי מיט אַ שטעקעלע און מיט אַ פּעקעלע אויפן פּלייצע בין איך מיר אין אַזאַ ליכטיקן טאָג געקומען אַהער. יאָ, מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק. וואָס זענען זעקס און צוואַנציק יאָר? ווילט איר, איז עס אַ אין סוף מיט יאָרן. ווילט איר איז עס אַ טיפּה מן הים. אַ

טראָפּעלע. גאָרנישט. ערשט נעכטן געשען. דאָ בין איך אויפגעריכט געוואָרן און דאָ וועל איך איצטער אין תּוך אַריין אויפגעריכט ווערן... יאָ, מנחה דאַוונען.

חיים (באַוויזט זיך אין טיר): צייט מנחה דאַוונען. פאַראַן אַ מנין.

אלקנה: יאָ, אַ מנין, אפשר צוליב אייער זכות וועלן מיר איצט האָבן אַלע טאָג אַ מנין.

לוי יצחק: יאָ, מיין זון, צייט מנחה צו דאַוונען.

(גייט אין שטוב.)

דוד נח (צו די יידן): זייט־זשע מוחל, קומט אַריין.

(די יידן גייען איינציקווייז אין שטוב אַריין. ציניע און סטערע דערנעענטערן זיך.)

ציניע: איך ווייס ניט צי זאָל איך וויינען צי זאָל איך מיר פרייען. איך קוק זיך אַרום, אַלץ ווי געווען. אַלץ ווי געווען, נאָר די מאַמע איז נישטאָ.

סטערע: איך האָב דיר נישט געוואָלט דערציילן. ווייסט, אַ דונער האָט איינגעבראָכן יענעם עפּלבוים הינטערן שטוב.

(גייען ביידע צום פּלויט און קוקן שווייגנדיק צום צעבראָכענעם בוים. קומען צוריק.)

ציניע: ווי נעכטן איז עס געשען.

סטערע: געדענקסט ווי דו ביסט אַראָפּגעפאַלן פון בוים?

ציניע: ער איז געזעסן און געלערנט אין שטוב, האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַרויפצוקלעטערן אויפן בוים און אָנרייסן עפּל פון זיינעט וועגן. מיט אַמאָל איז ער אַרויסגעקומען דרויסן. אַז כ'האָב אים דערזען האָט זיך מיר עפּעס אין האַרצן אָפּגעריסן און כ'בין אַראָפּגע־פאַלן פון בוים. יאָ, וואו איז דבורה? כ'האָב זיך נאָך אַפילו נישט אָנגעפרייט מיט איר ווי געהעריק איז.

סטערע: קיין עין הרע אַ פאַרשוין. מער נישט אַ ביסעלע בלאַס. אַוועק מסתּמא שפּאַצירן מיט רבקהלען.

ציניע: געלויבט איז דער אייבערשטער. דאַכט מיר, זיי דאַוונען שוין. לאָמיר אַריינגיין.

סטערע: דו, צינע, האָסט זיך אַוודאי אויסגעלערנט דאַווענען און איך בין געבליבן אַזוי ווי דו זעסט. זאָל מען נישט געשטראָפט ווערן.

צינע: געלויבט איז דער אייבערשטער.

(גייען ביידע אַריין אין שטוב.)

דבורה (קומט אָן. בלאַס, אומעטיק.)

רבקה (גייט איר נאָך אומעטיק.)

(פון שטוב דערטראָגט זיך די שטימע פון די דאַוונער.)

רבקה: הערסט, מען דאַוונט.

דבורה: האַ?

רבקה: באַדאַרפסט נישט וויינען, דבורהלע. דיר וועט זיין אַזוי גוט ווי דער מומע צינען. הערסט, מען זאָגט קדושה. איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן.

דבורה: רבקהלע, דו ביסט דאָך אין איין עלטער מיט מיר... אפשר, רבקהלע...

(טרערן וואָרגן אירע רייד.)

רבקה: וואָס מיינסטו, דבורהלע?

דבורה (דורך טרערן): איך ווייס נישט, איך ווייס נישט...

צווייטער אַקט

אַ פּאָר טעג שפּעטער ביי דוד נחן אין שטוב. אַרום האַלבן טאָג. אין שטוב איז אויפגערוימט. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך. עטלעכע יידן אין שטוב געזעגענען זיך מיט לוי יצחקן.

לוי יצחק: פאָרט געזונט, יידן, זייט נישט געפאַלן ביי זיך. טאָמער קומט אויס צו וואוינען אויפן דאָרף, באַדאַרף מען נישט זיין געפאַלן ביי זיך. אַ ייד איז אומעטום אַ ייד.

ערשטער ייד: זייט געזונט, רבי, זאָל אייך גאָט באַצאָלן דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו אונדז.

צווייטער: און מיין קינד, רבי, וועט אפשר זיין אַ גרויסע טרחה?

לוי יצחק: וועט שוין זיין גוט. וועל אים מיטנעמען. וועל האָבן איבער אים השגחה. וועט שוין זייט גוט.

דריטער: איר מיינט, רבי, אַז סע ווילט זיך פאָרן אַהיים? כ׳האָב נאָר מורא, מיינע זאָל נישט האָבן קיין עגמת נפש.

לוי יצחק: פאָרט געזונט, יידן, זייט געזונט.

דער פאָטער (צום יינגל): געדענק, מיין קינד, זיי אַ לייט. די מאַמע וועט אפשר האָבן צער, אָבער וואָס קען מען טאָן? רבי, איך גיב אים איבער אין אייערע הענט.

לוי יצחק (קנייפּט דעם יינגלס בעקל): וועט אם ירצה השם זיין אַ בן תורה...

דער פאָטער: קום, מיין קינד, מיט מיר צום וואָגן אַרויס. וועל נאָך אַ ביסל שמועסן מיט דיר.

(די יידן אַן חשק דערלאַנגען די הענט און גייען אַרויס וואַרפנדיק ביים אַרויסגאַנג נאָך אַמאָל אַ בליק צו לוי יצחקן.)

לוי יצחק (זעצט זיך ביים טיש לעבן פענצטער, קוקט אַריין אין אַ ספר. אָבער זיין געדאַנק איז ניט מיטן ספר. שפּאַרט אַן זיין קאָפּ אויף דיינע הענט. ווען ער הייבט אויף זיין קאָפּ, רוט אויף זיין פּנים טרויער. בלייבט אַ ווילע אַזוי זיצן פאַרטיפט אין זיך.)

אברהם יעקב (קומט אַריין, בלייבט מיט דרך ארץ שטיין פון וויטן אַ ווילע. וויל שוין אַרויסגיין.)

לוי יצחק (באַמערקט אים): נו, וואָס, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: זייט זשע מוחל, איך וויל נישט אייך מפסיק זיין.

לוי יצחק: גאָר נישט געדרונגען, אַז מען איז מיר מפסיק.

אברהם יעקב: דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

לוי יצחק: זעץ דיר אַנידער, אברהם יעקב. פאַראַן מסתמא פון וואָס צו שמועסן?

אברהם יעקב: יאָ, מען וואָלט באַדאַרפט. עס וואָלט נישט געשאַט. אַז מען זעט זיך אַזוי זעלטן.

לוי יצחק: דעם נדן וואָס דו גיסט איז דאָך מסתמא נישט איבער דיינע כּוחות. נו, וואָס איז שייך אַנדערע ענינים.

אברהם יעקב: הלוואַי וואָלט איך געהאַט מער קינדער. בנים זכרים; איך וואָלט זיי געשיקט צו אייך, איר זאָלט זיי מדריך זיין. נו, האָט זיך אַזוי געמאַכט.

לוי יצחק: און ער, דער פריץ, איז ער נישט חלילה מדית מען זאָל באַדאַרפן עפּעס פּוגם זיין?

אברהם יעקב: וואָלט וועלן פּרוּוון אַמאָל. אַז די שׂנאה צום יידן שפּראָצט אַרויס איז דאָך נישט שייך. נו, איז דאָך צוריק די אייגענער שטוב, דאַכט מיר, אַז ביים אייגענעם טיש. יעמאָלט איז מיט מיר אַמאָל געלערנט.

לוי יצחק: איז מען דאָך אַ ייד. דאָס איז דער עיקר. איך געדענק דיר נאָך, ווי איצטער וואָלט עס געווען. אָט־אָ דאָ אין דער אייגענער שטוב, דאַכט מיר, אַז ביים אייגענעם טיש. יעמאָלט איז געווען די אמתע שעה זיך מתדבק צו זיין אין זיין גרויסקייט און זיך דערהייבן צו דער מדרגה וואָס אַ ייד באַדאַרף זיך דערהייבן.

(קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט וועלן באַטראַכטן יעדן ווינקל אין שטוב. דאָס אייגענע טוט אברהם יעקב.)

אברהם יעקב: איר געדענקט עס נאָך, רבי?

לוי יצחק: אָט־אָ־דאָ ביים אייגענעם טיש. יאָ. אפשר איז עס געווען אַ טעות. אפשר איז געווען פאַר דיר יעמאָלט אַן אַנדער וועג. אָבער שאָט נישט. איז דאָך איצטער אויך דיין וועג אַ גאַנץ אַנדערער. טוסט צדקה. עס ציט צום שורש. דאָס איז דער עיקר. נו, וואָס נאָך? איך האָב געוואָלט שמועסן מיט איר.

אברהם יעקב: מיט דבורהן, מיינט איר?

לוי יצחק: יאָ, עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ מדחה געווען דערפון. איילן זיך איז נישט כדאי.

אברהם יעקב: איך פאַרשטיי נישט זייער גוט. איר וועט אפשר מוחל זיין געבן מיר צו פאַרשטיין נאָך אַמאָל.

לוי יצחק: עס איז געווען תחילת מיין כוונה, איך זאָל עס דוחה זיין אויף נאָך אַ פּאָר טעג. דאַכט זיך מיר, אַז וואָלקנדלעך קומען אָן. דאַכט זיך מיר, אַז די ערד האָט עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן אונטער מיינע פיס.

אברהם יעקב (אומרואיק, בלאַס): איר מיינט, רבי, דבורהן? ס'איז אפשר געווען קרום פון מיר צו שיקן זי אין דער שטאָט אַריין; לאָזן, זי זאָל זיך לערנען זייטיקע זאַכן.

לוי יצחק: עס איז געווענדט וואוהין די זייטיקע זאַכן פירן אוועק דעם געדאַנק. אַמאָל איז דער זייטיקער וועג אויך אַ וועג. אַמאָל איז דער זייטיקער וועג דער עיקר־וועג. עס איז געווענדט ווען און ווי אַזוי. ווייסט, אַברהם יעקב, מיין טבע, ווייסטו דאָך, אַז איך, בטבע, בין גאָר נישט קיין מקפיד און אויך נישט קיין מהרהר. וואָרעם וואו עס איז אַ האַרץ פאַראַן דאָרט איז שוין אַלץ פאַראַן, איז שוין עפּעס צום האַרצן אויך פאַראַן. אָבער דאָס האַרץ באַדאַרף זיך נייגן צו דער רעכטער זייט. דאָס איז שוין אַוודאי און אַוודאי.

אברהם יעקב: זאָל איך, רבי, זי לאָזן רופן און זי פרעגן? אפשר אַ טאַטע איז בלינד.

לוי יצחק: חלילה וחס. איך האָב חלילה גאָר נישט צו איר. ווייסט, ווי קען איך עס גאָר?

אברהם יעקב: רבי, איך קען גאָר ניט פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. איך ווייס ניט צי איך זאָל האָבן עגמת נפש, צי איך זאָל... זייט זשע מוחל, רבי...

דוד נח (קומט אַריין): אַט־אַ־דאָ גאָר זיינען מיינע קינדער.

לוי יצחק: זייט־זשע מוחל, שווער.

אברהם יעקב: וואָס מאַכסטו, טאַטע? אַזוי ווינציק גערעדט מיט דיר.

דוד נח: ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיינע קינדער וועלן קומען, וועל איך זיצן גאַנצענע טעג און שמועסן מיט זיי. נו, לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ס׳איז נישט פאַראַן פון וואָס צו שמועסן. נאָר אויף איין זאַך פאַרדריסט מיר, וואָס די מאַמע איז נישטאָ דערביי און קען נישט האָבן דעם נחת. געדענקסט, אברהם יעקב, ווי דו ביסט שטענ־דיק געזעסן מיט לוי יצחקן, אָט ווי איצט און געשמועסט? און איצ־טער, פון דעסט וועגן, האָט זיך ווידער געפונען פון וואָס צו רעדן. אָוודאי רעדט מען פון עפּעס אַ גרויסער נדבה אויף אַ בית־מדרש. אָוודאי, אָוודאי, איך זאָג אויך, אברהם יעקב, אַז גאָט האָט דיר אַזוי ווייט געהאָלפן, אַז אין שטאָט זאָל מען פון דיר אויך וויסן. קענסט עס טאָן דורך לוי יצחקן און אפשר דורך חיימלען. אפשר טאַקע אין זיין שטאָט.

אברהם יעקב: איך האָב טאַקע שוין אַליין געטראַכט פון דעם. אם ירצה השם איך וועל עס טאָן.

דוד נח: זיי זיך מיישב מיט לוי יצחקן. אפשר וועסטו לאָזן שרייבן אַ ספר תורה. איך וועל אויך געבן אַ קליינינקייט צושטייער. וואָס זאָגסטו, אײדעם מיינער?

לוי יצחק: ווען נאָר דער רצון איז דערביי פאַראַן. און ביי אברהם יעקבן איז דאָך געוויס רצון פאַראַן.

צינע (קומט אַריין): גאָר דאָ ביסטו, טאַטע. איך האָב געמיינט, דו ביסט אַוועקגעגאַנגען צו אלקנהן.

דוד נח: וואָרעם וואָס, מיין טאָכטער?

צינע: וואָס מאַכסטו, אברהם יעקב? פון וואָס רעדט איר דאָ?

דוד נח: ער איז מסכים, ווייסט, ווי דען? אַז דער וואָס אין הימל העלפט — פאַרוואָס נישט? וואָס זאָגסטו אויף דעם, מיין טאָכטער?

ציגע: מיין הארץ איז מיר עפעס אזוי פאראומערט, אז איך געפין מיר גאר קיין ארט נישט.

דוד נח: סטייטש, ווי פאלסטו עס אויס גאר אזוינס צו רעדן, מיין טאכטער? וואס קען מען מאכן? ס׳וואלט טאקע גוט געווען ווען די מאמע וואלט איצטער געלעבט. נו, וואס קען מען מאכן? כ׳האב שוין נישט איינמאל איבערגערעדט.

ציגע (ווישט די טרערן.)

לוי יצחק: ציגע, זיי זשע מוחל.

(ער גייט ארויס. ציגע נאך אים. אברהם יעקב און דוד נח בלייבן א ווילע שטיל, ארומגעכאפט פון א פרעמדן אומעט.)

דוד נח: הא, זאגסט עפעס, מיין זון?

אברהם יעקב: יא, טאטע, איך וועל אם ירצה השם לאזן שרייבן א ספר תורה.

דוד נח: האסט גערעדט מיט חיימלען?

אברהם יעקב: א ביסל גערעדט. מען קען אים נישט אפרייסן פון ספר.

דוד נח: וואס זאגט לוי יצחק? מיינסט, עס וואלט געווען גאר נישט קרום דא צו פראוונען די חתונה.

אברהם יעקב: איך וועל געוויס מסכים זיין אויף דעם.

דוד נח: וואס זאגט לוי יצחק אויף דעם?

אברהם יעקב: איך וועל איבערשמועסן מיט אים.

דוד נח: ער האט דיך האלט, מיין זון. איך געדענק ווי נאך יעמאלט האט ער דיך העלטער געהאט פון אלע קינדער. ווייסט, אלקנהס זון וויל אים זען, נאר ער האט ניט קיין מוט אריבערצוקומען אהער. א נאר וואס ער איז. מאלע וואס ער האט יעמאלט נישט געוואלט לער־נען. וואס האט עס צו דעם? לוי יצחק האט שוין מסתמא לאנג פאר־געסן אן דעם.

אברהם יעקב: זאל ער אריבערקומען, איך וואלט אליין זיך אויך וועלן זען מיט אים.

דוד נח: אלקנה האט איבערגעשמועסט, אז טאמער וואלסטו דארטן לעבן זיך געפונען פאר אים עפעס צו טאן. די צייטן זענען ביי אים

גאַר שפּלדיק... איך וועל גיין זען הערש בערן. באַדאַרף ביי אים עפּעס פרעגן, וועל באַלד קומען צוריק.

(גייט אַרויס.)

אברהם יעקב (גייט צום פּאַרמאַכטן ספר, וואָס לוי יצחק האָט געלאָזן. בלעטערט אים. נעמט אַרויס ברילן, טוט זיי אָן און פּרוּווט זיך פאַרטיפן אין ספר.)

דבורה (קומט אַריין, בלאַס און נידערגעשלאָגן.)

אברהם יעקב: נו, וואָס, דבורה, וואו ביסטו געווען דעם גאַנצן פרימאָרגן? אַלע האָבן דיך אַרומגעזוכט?

דבורה: איך ווייס ניט, טאַטע.

אברהם יעקב: טאָ ווער זאָל וויסן, אַז אויב דו ווייסט נישט?

דבורה: איך ווייס ניט טאַטע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

אברהם יעקב: ווערסט דאָך מיר נישט אָנטאָן אַזאַ עגמת נפש.

דבורה: אַדרבא, זאָג דו מיר וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב דאָך קיינעם ניט אויסער דיר, ביי וועמען איך זאָל קענען פרעגן.

(ווישט די טרערן.)

אברהם יעקב: נו, שאַ, קינד מיינס. האָסט נישט וואָס צו וויינען. ווערסט דאָך אונדז אַלעמען נישט אָנטאָן אַזאַ עגמת נפש.

דבורה: איך וועל ריידן מיט אים אַליין.

אברהם יעקב: מיט חיימען. איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז דו ווערסט מיט אים רעדן.

דבורה: ניין, איך וויל ריידן מיטן פעטער. ער וועט מיך בעסער פאַרשטיין.

אברהם יעקב: הייסט עס, אַז ער געפעלט דיר נישט. אַזוי גיך? האָסט דאָך נאָך אַפילו מיט אים נישט גערעדט. זע די מומע צינע, אדרבא, קוק זיך צו צו איר.

דבורה: טאָ פאַרוואָס האָסטו מיך געשיקט אין שטאָט אַריין לערנען? פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געהאַלטן אין דער היים, איך זאָל זיין אַזוי ווי רבקה? איך וואָלט מיר אפשר יעמאָלט געפילט גליקלעך צו ווערן אַ רביצין ווי די מומע צינע.

אברהם יעקב: איצטער איז דאָך נאָך שענער. ווייסט, עפּעס

אַ קליינִיקייט צו האָבן רבי לוי יצחקן פֿאַר אַ שווער? און ער אַליין — עס וואָרט דאָך שוין אויף אים אַ שטאָט.

דבורה: איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט פֿאַרשטיין, אַז איך בין ניט ווי רבקה — און דו ביסט דאָך ניט ווי דער פֿעטער הערש בער, ביסט דאָך אַן אַנדער מענטש.

אברהם יעקב: וואָס הייסט, איך בין אַן אַנדער מענטש — בין איך נישט קיין ייד? וויל איך נישט, אַז מיין איין־און־איינציק קינד זאָל נישט זיין קיין יידישע טאָכטער? ווי דען וואָלט איך עס געקענט באַווייזן? אַז ער האָט מיר יעמאָלט אָנגעזאָגט די בשורה, האָט זיך פֿאַר מיר ממש אויפגעעפֿנט דער טויער פֿון הימל. פֿאַרוואָס האָסטו יעמאָלט געשוויגן? איך האָב דאָך אין דיר דערקענט, אַז דו וועסט טאָן אונדזער אַלעמענס פֿאַרלאַנג.

דבורה: איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קענען זיך אַליין גובר זיין. אָבער איך קען ניט. טו עס ניט, טאַטע, וואָרעם איך בעט דיר, טו עס ניט.

אברהם יעקב: מען האָט זיך שוין דאָס וואָרט געגעבן. אפֿשר וועט נאָך די חתונה זיין אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. אפֿשר טאַקע דאָ ביים זיידן אין שטוב.

דבורה: אין צוויי וואָכן אַרום חתונה?

אברהם יעקב: וואָס ביסטו אַזוי צעשראָקן?

דבורה: דער פֿעטער וועט מיך אפֿשר פֿאַרשטיין בעסער. קום מיט מיר צו אים. איך וויל אים פֿרעגן אויב עס איז שוין פֿאַר־פֿאַלן.

אברהם יעקב: וואָס הייסט פֿאַרפֿאַלן? צו דען פֿירט מען דיך צו דער שחיטה? איצט פֿאַרשטיי איך שוין פֿאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט נעכטן, אַז מען זאָל דערפֿון רעדן. יאָ, דאָס איז עס. אויף דעם האָב איך זיך שוין גאָרנישט געריכט.

דבורה: פֿאַר מיר איז אָפֿן אַן אַנדער וועלט. איך וויל עס זאָגן דעם פֿעטער. דו אַליין האָסט געמאַכט אַזוי, איך זאָל עפֿענען מיינע אויגן. איך בין ניט שולדיק. איך וועל עס זאָגן דעם פֿעטער.

אברהם יעקב (צעטרעטלט זי): קינד מיינס, איך וויל דיר נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט אונדז

אַלעמען פינצטער מאַכן דאָס לעבן. צי דען וויל איך דיך פאַרפירן חלילה אין אָפּגרונט אַריין? ווי קען איך גאָר טאָן אַזאַ זאַך?

דבורה: אויב דו פאַרשטייסט אַזוי, וועל איך שוין בעסער גאָר שווייגן. טו מיט מיר וואָס דו ווילסט.

אברהם יעקב: פון נעכטן אָן, ממש, איך דערקען דיך נישט. האָסט זיך אַזוי פאַרענדערט, בלייך און דאָס פּנים איינגעצויגן.

צינע (קומט אַריין): איך ווייס אַלץ, אברהם יעקב. וויין נישט, דבורה, וויין נישט. ביסט אַ יתומה און ס'איז מיר נישט ניחא ווען דו פאַרגיסט טרערן. איך וועל גיין איבעררעדן מיט לוי יצחקן. דאַכט מיר, אַז ער פאַרשטייט אַלץ.

(וויל גיין.)

אברהם יעקב: זיי זשע מוחל, צינע. וואַרט אַ ווײַלע. אפשר, מען איז דאָך אייגענע מענטשן.

צינע: יאָ, דעריבער זאָג איך דאָך. וואָלט איר מאַמע געלעבט, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. אָבער איצט — איך זאָג דיר, דבורהלע, ביסט מיר טייער ווי מיין אייגן קינד. און אַזוי ווי איך ווינטש מיין קינד קיין שלעכטס ניט, אַזוי וויל איך דאָך, אַז דיר זאָל אויך זיין גוט. וואָרעם אויב אַנטקעגן דיין ווילן וועט מען דיך נייטן, טאָ וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? צי דען קען איך עס גאָר דערלאָזן?

אברהם יעקב: זיי האָבן נאָךביידע צווישן זיך אַפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זאָלן זיי זיך כאָטש ביידע אָנקוקן.

צינע: חיימל איז פאַרטיפט אין זיין לערנען. לוי יצחק וויל אים אַמאָל אָפּרייסן פון ספר — אַפילו ער קען אים נישט אָפּרייסן פון ספר. אויף צען ווערטער ענטפערט ער אַמאָל מיט איינעם. אָבער ער איז דאָך מיין זון. איך ווייס ווער מיין קינד איז, אַ וועלט קלינגט דאָך מיט אים. מסתמא ווייס דאָך אַ וועלט וואָס זי טוט. צי האָב איך דען גערעדט פאַר דער חתונה מיט לוי יצחקן? דאָ אין דער אייגענער שטוב איז דאָך עס געשען. כ'האָב נאָר נאָכגעפאָלגט וואָס מיין האַרץ האָט מיר געהייסן. נו, וואָס האָב איך פאַרזינדיקט ביי גאָט? כ'האָב אויך געפאָלגט וואָס מיין האַרץ זאָגט מיר.

דבורה: וויל איך אויך טאָן וואָס מיין האַרץ הייסט מיר.

צינע: טאָ וויין נישט. כ'האָב גאָר מורא, אַז צוליב אונדז זאָלסטו

פאַרגיסן טרערן; אַז צוליב חיימלען זאָלסטו האָבן דיין האַרץ חלילה צעבראָכן. אברהם יעקב, מען טאָר נישט. מען טאָר נישט. (גייט צו צו דבורהן, נעמט זי אַרום.) הער אויף צו וויינען. נו, שאַ. דיין טאַטע פאַרשטייט אויך אַלצדינג.

אברהם יעקב: לאָז געמאַכט, צינע.

צינע: איך בין אויך געווען אַמאָל יונג. אַז איך האָב לוי יצחקן באַגעגנט בין איך אויך יונג געווען. איך האָב אויך תחילת געלאַכט פון אים. אָבער שפּעטער... ווען די מאַמע זאָל זיין אין גן עדן, וואָלט איצט געלעבט, וואָלט זי עס דיר דערציילט.

אברהם יעקב: פאַרוואָס זאָל דבורה נישט זיין ווי דו?

צינע: אפשר, אברהם יעקב, אפשר איז זי גערעכט. ווער דען וועט זיך צוהערן צו איר האַרץ, אויב איך וועל עס נישט טאָן? לוי יצחק וועט אויך דאָס אייגענע זאָגן.

דבורה: טאַ לאָזט מיר כאָטש אַ ווײַלע. איך בין צעטומלט. איך ווייס גאָרנישט. אפשר ווייסט איר בעסער.

צינע: מיר וועלן גאָר נישט טאָן אַנטקעגן דיין ווילן. איך האָב מורא, איך בין אויך אַמאָל יונג געווען.

אברהם יעקב: וועט מען איבערוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג. מה רעש? וועסט זיך באַקענען. און פון לוי יצחקן איז דאָך גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. און חיים — לאָמיר וואַרטן. אגב זענען מיר דאָך ביים טאָטן צוגאָסט איצט. וואָס איז שייך.

צינע: עס וועט זיין רעכט. איך וויל אויף מיין אייגן קינד קיין נסיון נישט ברענגען. און כ׳וויל אויף דיין קינד אויך ניט.

(קושט דבורהן.)

חיים (קומט אַריין.)

צינע: אַט איז חיים, מע רעדט איצטער פון דיר, מיין זון. אַוואו ביסטו געווען?

חיים: איך האָב מיר אַוועקגעלאָזן מיטן שטעג ביז איך בין געקומען צום וואַלד.

צינע: דו זאָלסט עס טאָן, אַ וואונדער. ווייסט גאָר נישט, מיין קינד, ווי דאָ איז מיר יעדער ווינקעלע ליב. דאַכט מיר, נישטאָ דאָ קיין ווינקל, וואו מיינע פיס זענען נישט אויסגעווען.

חיים: כ׳האָב דערקענט טריט ביים וואַלד, וואָס מיינסטו, מאַמע?

צינע: גאָט ווייס צי מיינע טריט דערקענט מען נאָך אַזוי לאַנג. באָרוועסע טריט געווען. באָרוועס בין איך אַרומגעלאָפן. זאָל עס נאָר מיר נישט פאַררעכנט ווערן.

חיים: אָט־אָ־דאָ איז דאָס דיין היים, מאַמע?

דבורה (הערט מיט פאַרוואונדערונג צו זיינע רייד.)

צינע: יאָ, מיין קינד. דאָ אין שטוב בין איך געבוירן געוואָרן. דאָ בין איך אויסגעוואַקסן. דאָס איז נאָך דער אייגענער טיש, אַזוי איז ער דעמאָלט געשטאַנען לעבן פענצטער. דו געדענקסט דאָך, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: געדענקסט ווי לוי יצחק האָט אונדזביידן געלערנט אָנצושרייבן אונדזער נאָמען?

צינע: וואָס בין איך יעמאָלט געווען? מישטיינס געזאָגט. און איצט — חיימל הערט זיך איין... יאָ, די אייגענע שטוב.

אברהם יעקב: וואָס זשע זאָגסטו, חיים, האָב נישט קיין פאַר־איבל.

חיים: צווייערליי פעלדער זיינען פאַראַן און צווייערליי זריעה איז פאַראַן. איך זאָג, אַז אין איין פעלד באַדאַרף יעדער איינער קערנדלעך פאַרזייען.

צינע: האָסט געזען די פעלדער אַרום, מיין קינד? ווי פלעג איך עס ליב האָבן אַוועקלויפן אין די קאָרנס אַריין, אַז מען זאָל מיך אין גאַנצן נישט אַרויסזען.

חיים (רעדט מער ניט. זעצט זיך ביים טיש און פאַרטיפט זיך אין ספר.)

אברהם יעקב: אפשר ווילסטו מען זאָל דיר נישט מבטל זיין, וועלן מיר אַרויסגיין.

צינע: אַז עס האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי, איינמאָל אין אַ לעבן געקומען צום זיידן איז קיין בייז נישט טאָמער וועט ער אַ ביסל מפסיק זיין פון לערנען. (ווינקט צו אברהם יעקבן.) די קינדער ווילן דאָך מסתמא צווישן זיך רעדן. קום, אברהם יעקב.

(גייען ביידע אַרויס.)

דבורה (בלייבט פאַרוואונדערט. וואָלט וועלן אַרויסגיין, נאָר זי האָט ניט קיין מוט. זעצט זיך פון ווייטנס און קוקט צו חיימען.)

חיים (אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן האַנט, ניט קוקנדיק צו איר, רעדט ווי פון דער גמרא אַרויס): **ברייטער אַז מען עפנט אויף די אויגן זעט מען די טיפקייט נישט אַרויס. שטאַרק אַז מען פאַרמאַכט די אויגן זעט מען די שטערן אין זיבעטן הימל.**

(אַ ווײַלע שטיל.)

דבורה: איר רעדט צו מיר, חיים?

חיים: יאָ, צו דיר.

דבורה: כ'האָב געמיינט, אַז איר ווייסט אַפילו ניט מיין נאָמען.

חיים: נישט דער נאָמען איז דער עיקר.

דבורה: איר לערנט כסדר די תורה.

חיים: אַמאָל לערנט מען די תורה, אַמאָל איז מען יוצא מיט ליב האָבן די תורה. אַמאָל ברענגט מען זיך פאַר אַ קרבן צו דער תורה און אַמאָל ברענגט מען די תורה פאַר אַ קרבן צו זיך אַליין.

דבורה: האָט איר אַמאָל געטראַכט פון מיר בשעת איר לערנט די תורה?

חיים: געטראַכט? אפשר יאָ און אפשר ניין.

דבורה: איר האָט אפשר קיין מאָל פון מיר ניט געטראַכט, אָבער איך האָב שטענדיק געחלומט פון דעם, וואָס וועט זיין מיין געליבטער. איך האָב שטענדיק געוואָלט וויסן ווער ער איז.

חיים: וואָס איז דען דער חילוק?

דבורה: דער טאַטע האָט מיך אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַריין לערנען. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז אויב איך וועל זיך גוט לערנען וועל איך זיך אויסלערנען אים ניט צו פאָלגן. דער טאַטע האָט געלערנט ביים פעטער און איך האָב געלערנט ביי פרעמדע.

חיים: איז דען פאַראַן אַזאַ תורה וואָס פירט אַראָפּ פון גלייכן וועג?

דבורה: איך בין ניט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

חיים: ווי דען?

דבורה: איך האָב אויפגעעפנט די אויגן.

חיים: איז דאָך גוט. וואָס נאָך דען פאַרלאַנגט אַ מענטש?

דבורה: איך האָב ליב דעם טאַטן; דעם פעטער; מיר געפעלט דער זיידע; אַפילו רבקהן האָב איך אויך ליב — אָבער אין זייערע וועגן קען איך ניט גיין.

חיים: מיר קומען דאָך אַלע אַרויס פון אַט־אָ דער שטוב אַרויס. אדרבא, איך וויל הערן פון דיין וועג. וואָס פאַר אַ דרך איז דיינער?

דבורה: איך קוק שוין אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן.

חיים: ס'איז נישט ווי אַזוי מען קוקט, נאָר — וואָס מען זעט.

דבורה: איך קוק אַנדערש און איך זע אַנדערש. ווען דער טאַטע וואָלט געזען ווי איך, וואָלט ער אָן מיין וויסן מיך ניט פאַרבונדן אויף אַ גאַנץ לעבן.

חיים: אַ פאָטער בינדט נישט זיין קינד.

דבורה: יאָ, ער בינדט.

חיים: אַ פאָטער טראָגט זיין קינד ווי אַן אָדלער טראָגט זיינע קינדער — אויף די פליגל.

דבורה: איר פאַרשטייט אַזוי און איך פאַרשטיי אַנדערש.

חיים: דו פאַרשטייסט אויך ווי איך.

דבורה: ניט איך פאַרשטיי ווי איר און ניט איך פיל ווי איר. איך האָב אַנדערע צילן אין לעבן.

חיים: איז רעכט. וועל איך זיך נישט לאָזן גיין אויף יענע וועגן. וועל איך נישט. וואָלסטו געוועזן מיין גלייכן. ביסטו דאָך אָבער נישט. קען איך זיך דאָך פנים אל פנים מיט דיר נישט דורכשמועסן.

דבורה: בין איך ניט אייער גלייכן?

חיים (גייט פּלוצלונג אַרויס פון שטוב.)

דבורה (בלייבט אַ ווײַלע צעטומלט. גייט צום פענצטער און קוקט אים נאָך. שפּעטער גייט זי צום טיש און באַטראַכט דעם ספר וואָס חיים האָט איבערגעלאָזן.)

רבקה (לויפט אַריין): דבורהלע, קיינער איז ניטאָ, לערן מיר אויס טאַנצן.

דבורה: איך קען ניט טאַנצן, רבקהלע.

רבקה: דו קענסט, דו קענסט, איך בעט דיך, לערן מיר אויס.

דבורה: צוליב וואָס באַדאַרפסטו די טענץ?

רבקה: אפשר וועל איך באַדאַרפן. אפשר ביי דיר אויף דער חתונה.

דבורה: ביי מיר אויף דער חתונה? וואָס פאַר אַ חתונה?

רבקה: איך זע, אַז חיים געפעלט דיר נישט. זאָג פאַרוואָס?

דבורה: נעם דו אים פאַר אַ חתן. ער וועט דיך ווען.

רבקה: דאָס איז אַן עברה אַז דו רעדסט אַזוי. דו מיינסט באשר, אַז איך בין אויסגעוואַקסן אין דאָרף, פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט. מיר דאַכט זיך אויס, אַז דיר איז שלעכט אויף דער וועלט. איך פאַר־שטיי ניט, פאַרוואָס. האָסט אַזאַ גוטן טאַטן. מיר האָבן אַזאַ שיינעם פעטער. וואָס דאָ טוט זיך אָפּ אַרום אונדז! דער קומט, דער פאָרט אַוועק. יידן אַזעלכע, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געזען קומען אַהער. מיר איז אַזוי גוט, אַז איך קען אפשר וויינען.

דבורה: אין טאַנץ קען איך, אפשר וועל איך זיך דערמאָנען.ווילסט?

רבקה: מיר איז אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז איך ווייס ניט צו איך וועל גאָר קענען טאַנצן. היינט זענען אַלע עפּעס אומעטיק. אַלע גייען אַרום באַזונדער. איך קלער וואָס דאָס איז.

דבורה: איך וויל ניט זיין קיין רביצין, רבקהלע.

רבקה: וואָס?

דבורה: איך זאָג דאָך דיר, אַז איך וויל ניט זיין קיין רביצין.

רבקה: האַ?

דבורה: פאַרשטייסט ניט וואָס איך זאָג צו דיר?

רבקה: אוי, דו פאַרדינסט אַן עברה.

דבורה: איך מיין עס מיט אַן אמת. איך וויל ניט זיין קיין רביצין. דעריבער וויל איך ניט חיימען.

רבקה (קוקט אַן מיט גרויס פאַרוואונדערונג דבורהן.)

דבורה (וווערט אונטערטעניק און צעטומלט קוקנדיק אויף רבקהן.)

רבקה: אוי, ווי איז מיר, איך פאַרדין אויך אַן עברה. אפשר טאָרן מיר פון אים ניט רעדן. דער פעטער איז אַזאַ צדיק. און מיר רעדן אַזוי.

דבורה (פלוצלונג): קום טאַנצן מיט מיר, רבקה.

רבקה: פאַרוואָס עפּעס טאַנצן?

דבורה: איצטער וויל איך טאַנצן.

רבקה: אַן עבֿרה, מען טאָר ניט, מען טאָר ניט.

דבורה: מען מעג, איך זאָג דיר, אַז מען מעג. קום. רייס זיך ניט אַרויס פון מיר.

(קושט ליידנשאַפטלעך רבקהן.)

רבקה: דבורהלע, דבורהלע, מען טאָר ניט אַזוי, מען טאָר ניט.

דבורה: ווען דו וואָלסט אַזוי פאַרשטיין ווי איך פאַרשטיי, דיר איז דאָך אַזוי גוט. דיר איז וואויל, רבקהלע. דיר וועט נאָך זיין אַ סך בעסער אַז דו וועסט חתונה האָבן, אפשר טאַקע מיט חיימען, מען קען נאָך גאָר ניט וויסן. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? איך מיין מיט אַן אמתן?

רבקה: ניין, ניין. פאַרדינסט אַן עבֿרה, אַז דו רעדסט אַזוי. איך וועל אפשר באַלד אָנהייבן צו וויינען.

(פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט און לאָזט זיך צום טיר.)

דבורה: וואַרט אויף מיר, רבקהלע. דאַכט זיך מיר, עמעצער גייט אין שטוב אַריין.

(גייען ביידע אַרויס.)

(עס קומען אַריין לוי יצחק, חיים, דוד נח, הערש בער, אלקנה, אברהם יעקב און צוויי פרעמדע יידן.)

לוי יצחק: זייט זשע מוחל, יידן, זיצט.

(אַלע זעצן זיך אויס און מען שווייגט, וואַרטנדיק אַז לוי יצחק זאָל אָנהייבן צו רעדן.)

חיים: עס פעלן מיר דאָ ספרים.

לוי יצחק: און אַז אָן ספרים, מה רעש? זון מיינער, אַז מען לויפט היין און צוריק אויף דעם אייגענעם וועג געפינט מען נישט אויס קיינמאָל קיין נייעם וועג.

דוד נח: וואָס הייסט, אייניקל מיינער, דו מיינסט אַז דו ווילסט שוין אָוועקפאָרן פון זיידן?

אלקנה: מיט אַ ישובניק קען מען נישט גיין צום טיש.

הערש בער: ער מיינט דאָך נישט מסתמא אָװעקפאָרן.

אברהם יעקב: מען קען שיקן אַ פּאָר פערד מיט אַ מענטשן דאָ אין שטאָט אַריין. וואָס איז שייך? דער רב וועט אַרויסשיקן ספרים.

חיים: רב בנימין איז דאָרט רב?

אַ פרעמדער ייד: אָן ספרים איז טאַקע אָן ספרים — וואָס איז שייך?

לוי יצחק: אַז עס פעלן אויס ספרים איז צומאָל ווי עס פעלט אויס וואַסער. נו, וואָס זשע טוט מען אַז סע פעלט אויס וואַסער? כאַ־כאַ־כאַ — זאָלן די פרעמדע יידן זאָגן.

ערשטער: וואָס זאָל איך זאָגן? ביי מיר האָט מען געגראָבן אַ ברונעם.

צווייטער: ביי מיר טראָגט מען וואַסער פון טייך.

לוי יצחק: ווי טיף האָט מען באַדאַרפט גראָבן?

ערשטער ייד: ווי טיף? גאָר אָן אַ שיעור ווי טיף. מע האָט געגראָבן, איז איינגעפאַלן די וואַנט. האָט מען ווייטער געגראָבן ביז מען האָט געקראָגן.

לוי יצחק: געקראָגן קאַלט וואַסער?

דוד נח: אַז מע גראָבט שוין אַזוי טיף איז מסתמא דאָס וואַסער קאַלט.

אלקנה: און קלאָר אויך.

דער ייד: ווייסט, וואַסער... נישטאָ אַזאַ וואַסער אין דער היגער געגנט.

לוי יצחק: הערסט, מיין זון, וואָס די יידן זאָגן? אַז מען וויל האָבן קאַלטע וואַסער, פרישע וואַסער, קלאָרע וואַסער, באַדאַרף מען גראָבן טיף.

צווייטער ייד: אַוודאי, רבי, וואָס טיפער מע גראָבט אַלץ קלאָרער איז דאָס וואַסער.

אלקנה: דער שׂכל איז מחייב, אַז אין דער טיף באַדאַרף דאָס וואַסער זיין קאַלט. וואָס זאָגסטו, דוד נח?

דוד נח: יאָ, מסתמא איז דער שׂכל מחייב.

הערש בער: סע טרעפט, אַז מע גראָבט און מע גראָבט און ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער.

אברהם יעקב: דאָס באַווייזט, אַז מען האָט נישט געגראָבן גענוג.

לוי יצחק (מיט ליכטיקער התפעלות): אָט דאָס מיין איך דאָך. נישט טיף געגראָבן! וואָרעם קוואַלן זענען נישט גלייך איינער צום אַנדערן, סיי מיט זייער גרייס און סיי מיט זייער טיף. אַן אַנדער קוואַל בויערט און גראָבט אין דער טיף, און אַן אַנדערער שלאָגט, שלאָגט און וויל זיך אַרויסשלאָגן צו דער זון. איין קוואַל האָט געהאַט דעם זכות אַליין, מיט זיינע אייגענע כוחות זיך צו דערשלאָגן אויף דער ליכטיקער וועלט אַרויס, און דער אַנדערער האָט נישט געקענט. קיין זכות נישט געווען. קומט שוין צו אים, צום דאָזיקן קוואַל, קומט שוין צו אים צו הילף דער מענטש מיט זיין כוח, דער מענטש מיט זיין שׂכל, דער מענטש מיט זיין רצון או העלפט אים אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער וועלט אַרויס.

חיים: זיינען דאָך פאַראַנען קוואַלן וואָס בלייבן אין דער פינצטערניש.

דוד נח: הערסט אלקנה?

לוי יצחק: אָבער נישט אויף אייביק וועלן זיי בלייבן אין דער פינצטערניש. אויך זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט. זאָלן זיי זיך גראָבן אין דער פינצטערניש אָבער מיט גוואַלד וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט. ווייל דער קוואַל, וואָס דער מענטש האָט נאָך פון אים נישט געטרונקען, האָט נאָך זיין תּיקון נישט געהאַט.

אלקנה: אַוודאי, וואָס פאַר אַ ווערדע האָט וואַסער, ווען עס לויפט און קיינער האָט נאָך אויף דעם קיין ברכה נישט געמאַכט?

לוי יצחק: אָט דאָס מיין איך דאָך. אַ ברכה מאַכן. מתקן זיין, מתקן זיין.

אַ ייד (צום אַנדערן): וואָס זאָגסטו, שמעון?

שמעון: איך טראַכט, אַז ביזקל מע צערעדט זיך נישט ווייסט מען טאָקע נישט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

חיים: פעטער אברהם יעקב, אויב איר קלערט צו שיקן אַ פור און ברענגען ספרים, וועל איך מיטפאָרן.

לוי יצחק: דו ווערסט פאָרן צו די ספרים. נו, ביסטו דאָך אַרויס פון מיין רשות. און בפרט ווען עס איז שייך מיט דעם אופן ווי איינער פאַרשטייט די תורה. ווער איך אפשר אויך פאָרן?

(דער עולם קוקט זיך דורך אומרואיק.)

דוד נח: סטייטש, חיימל, דו זאָלסט אַזאַ עגמת נפש אָנטאָן דעם זיידן און אַלעמען, וואָס הייסט? בכלל קען איך דאָך נישט פאַרשטיין די גאַנצע זאַך. מען איז דאָך געקומען צוליב... וואָס זאָגסטו, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן, טאַטע.

הערש בער: מען האָט דאָך געוואַרט, געוואַרט, די אויגן אויס־געקוקט.

אלקנה: אַוודאי, אַוודאי, וואָס זאָגסטו, דוד נח?

הערש בער: און וואָס זאָגט ציינע? זי וויל אויך שוין אַוועק־פאָרן? זעקס און צוואַנציק יאָר נישט געווען ביים טאַטן אין דער היים...

אַ ייד: זעקס און צוואַנציק יאָר!

צווייטער: זעקס און צוואַנציק יאָר!

ציינע (קומט אַריין.)

דוד נח: אָט איז מיין טאָכטער. הערסט וואָס מען שמועסט, אַז חיימל וויל פאָרן אַהיים. און לוי יצחק איז אויך מסכים; איך מיין, ער וויל אויך שוין אַוועקפאָרן. אפשר ווייסט אברהם יעקב די סיבה פאַרוואָס?

ציינע: יאָ, אברהם יעקב ווייסט פאַרוואָס.

(ווישט די טרערן.)

לוי יצחק: זיי זשע מוחל, ציינע.

ציינע (שטאַרקט זיך): וואָס, מיין זון, אַז מען איז שוין יאָ געקומען איינמאָל אין אַ יובל אַהער...

(די צוויי יידן, איינער ווינקט צום אַנדערן, און זיי גייען ביידע אַרויס. אַ ווילע איז אַ שווערע שטילקייט.)

ציינע: איך ווייס נישט, אויב ס'איז נייטיק צו שטיקן זיך. מען איז דאָך אייגענע מענטשן. זאָל אברהם יעקב רעדן.

אברהם יעקב: לוי יצחק ווייסט נישט.

לוי יצחק: לוי יצחק ווייסט. ס'איז צו שקר קיין גרונט נישטאָ, אָבער צום אמת איז זיך גרינג צו דערקלייבן. אַוודאי ווייסט לוי יצחק.

הערש בער: פון וואָס רעדט איר? וואָס איז דער גאַנצער שמועס?

אלקנה: אַ מעשה עפּעס מסתמא. האָסט עפּעס געהאַט אַ ידיעה פון דער היים, אברהם יעקב?

דוד נח: קינדערלעך מיינע, האָט נישט קיין עגמת נפש. מה רעש? מע וועט חיימלען בעטן וועט ער נישט אָוועקפאָרן. מע וועט טאָן ווי אברהם יעקב האָט געזאָגט: שפּאַנען פערד און שיקן אין שטאָט אַריין נאָך ספרים.

לוי יצחק: הייסט עס, אברהם יעקב, האָבן מיר בײדע געמאַכט אַ טעות.

אברהם יעקב: ס'איז נישט קיין טעות, רבי. עס וועט זיין ווי מיר האָבן גערעדט.

דוד נח: פון וואָס רעדט מען דאָ, אלקנה, אפשר פאַרשטייסטו?

לוי יצחק: געדענקט איר, שווער, מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק, אַז איך האָב מיר אָנגעטאָן דעם כּוח און גערעדט מיט אייך?

דוד נח: ווייסט, ווי דען. אָט ווי איצטער וואָלט עס געווען.

לוי יצחק: אָבער זעקס און צוואַנציק יאָר איז שוין פאַראַן אין דעם. שוין אַן אַנדער דור אויפגעשטאַנען. און יעדער דור פאַר־שטייט אויף זיין אופן.

דוד נח: איך טראַכט, אַז מיין אייניקל איז אויך געראָטן אין טאָטן און אין דער מאַמען. וואָס זאָגסטו, אלקנה?

אברהם יעקב: דבורה האָט זיך אַ ביסל פאַרעקשנט. אָבער ס'מאַכט נישט אויס. מען וועט זיך מיט איר דורכשמועסן.

חיים: מען וועט זיך אָבער מיט מיר נישט דורכשמועסן.

צינע: וואָס מיינסטו, מיין זון?

חיים: איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך וויל פאָרן אַהיים, ווייל דאָ פעלן מיר אויס ספרים.

לוי יצחק: נישט מער רעדן פון דעם. איך בעט אייך. ווייל נישט

דאָס איז דער עיקר. זאָל עס זיין גלייך ווי גאָר ניט צוליב דעם ענין בין איך אַהער געקומען. איז עס אויך גאָר ווערט געווען.

דוד נח: אָבער סטייטש, דבורה, מיין אייניקל... אַוואו איז זי? איך וועל מיר מיט איר דורכשמועסן. דער זיידע וועט רעדן מיט איר.

לוי יצחק: שווער, זייט זשע נישט מבייש די תורה.

אלקנה: ביי איר באַדאַרף מען גאָר נישט פרעגן.

דוד נח: צי האָב איך דען ביי צינען געפרעגט?

לוי יצחק: מען באַדאַרף יאָ פרעגן. איך זאָג, אַז מען באַדאַרף יאָ. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז בלויז אַן הסכמה באַדאַרפסטו נעמען ביי יענעם. בלויז פון יענעם דעם יאָ צו הערן. דעם יאָ וואָס קומט פון האַרצן אַרויס. אָבער דעם נישט צו הערן... איז דען לוי יצחק טויב אָדער חלילה בלינד?

דוד נח: וואָס הייסט, זענען זיי חלילה אַנדערע קינדער?

הערש בער: אַוודאי אַנדערע קינדער. געפעלן מיר נישט.

לוי יצחק: איך בין נישט מסכים מיט דיר, הערש בער, נישט אין אונדזערע הענט איז עס. נישט מיר קענען זאָגן: דאָס געפעלט אונדז און דאָס נישט. און בפרט עס איז גערעדט געוואָרן וועגן קינדער. און בפרט דאָס איז נוגע זיך אַליין... האָב נישט קיין עגמת נפש, אברהם יעקב, און דער עיקר שטאַרק זיך, איך האָב נישט קיין שׂנאה צו איר. ווייס, אַז זי איז דייגס אַ קינד. איז דאָך מן הסתם קלוג און גוט, מיט אַ גוט האַרץ... יאָ, מיר האָבן דאָך אַזוי קנאַפּ גערעדט צווישן זיך. אַזוי קנאַפּ זיך נאָך משמח געווען איינער מיטן אַנדערן און מען שמועסט שוין פון אָוועקפאָרן צוריק.

(אַ שטילער טרויער דריקט אַלעמענס געמיט. האַכט זיך, אַז באַלד וועלן אַלע אין דער שטיל אָנהייבן צו וויינען.)

אברהם יעקב: רבי, אפשר...

לוי יצחק: צוויי יידן פרעמדע זיינען דאָ געווען. האָבן זיי דאָך עפּעס באַדאַרפט?

דוד נח: זיינען נאָך נישט אָוועקגעפאָרן. וועלן אַן אַ זיי געזונט נישט אָוועקפאָרן.

אלקנה: איך קען זיי, די יידן.

לוי יצחק: זיי זשע מוחל, צינע, דערצייל דעם טאַטן פון דיינע צוויי שיינע טעכטער.

צינע: דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרשלאָגן...

לוי יצחק: קום, אברהם יעקב, זיי זשע מוחל: קום, מיין זון.

(לוי יצחק, אברהם יעקב און חיים גיין אַרויס.)

דוד נח: וואָס זאָגסטו, הערש בער?

הערש בער (ווישט די טרערן, גייט שטיל אַרויס.)

אלקנה: מען זעט שוין אַז ס'קומען אַנדערע צייטן. אין אונדזערע יאָרן האָט אַזעלכס נישט געקענט פּאַרלויפן. אין מיין קאָפּ פּאַטויפּעט זיך עס נישט.

דוד נח: נו, וואָס קען מען טאָן? איך ווייס דאָך אַלץ נישט אין וואָס די מניעה איז. קום אלקנה.

(גייען ביידע אַרויס.)

צינע (בלייבט אַליין, ווישט די טרערן.)

לוי יצחק (קומט אַריין): צינע, זיי זשע מוחל, וואָס טוסטו? דו וויינסט?... נו, נו, ביסט דאָך עפּעס מיט לוי יצחקן זעקס און צוואַנ־ציק יאָר. און טאַקע אָט־אָ־דאָ ביים טאַטן אין הויז. טאַקע דאָ אין דער אייגענער שטוב. ווייסטו דאָך וואָס איך האָב ליב און וואָס איך האָב פיינט. ווייסט דאָך, אַז אַ טרוקן בלעטל ווען עס פאַלט פון בוים אַראָפּ מאַכט עס אַ גערויש. אָבער אַנדערש איז ווען אַ גרינער בלאַט באַדאַרף פאַלן פון בוים אַראָפּ. פאַלט ער שטיל, אָן גערויש.

צינע: וואָס מיינסטו, לוי יצחק?

לוי יצחק: דאָס האַרץ עפּעס זאָגט מיר, אַז נישט אומזיסט האָב איך מיין ערשטן גרויסן טרויער באַדאַרפט דערשפּירן דווקא דאָ; דווקא אין דער שטוב. אַז אַהער דווקא האָב איך באַדאַרפט קומען און אַריינקוקן אין תוך אַריין. אין עיקר אַריין.

צינע: וואָס וועט זיין?

לוי יצחק: וואָס זאָל זיין? פון חיים וועט ווערן אַ רב חיים. באַווייזט עס, אַז זי איז נישט זיין זיווג. איך מיט אברהם יעקבן האָבן געמאַכט דעם קשר. און מיר ביידע וועלן אים לויז מאַכן. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ פּינטעלע. און איך

האָב עס מורא צו רירן. בפרט אַז איך הער ווי די ערד אונטער מיינע פיס ציטערט, ציטערט. די ערד בעט זיך ביי לוי יצחקן. ציטערט און בעט... נו יאָ איך וויס עס. ער האָט זי ווייט פון זיך אַוועקגעשיקט. האָט זי איבערגעגעבן אונטערטעניק אין אַן אַנדער רשות; אין איר אייגענעם רשות. יאָ, דאָס געפעלט מיר אויך, איך האָב נישט קעגן דעם, צינע, פאַרשטייסט, אַ מענטש באַדאַרף זיך האָבן זיין בחירה. און איך מאַך נישט קיין חילוק בין איש לאשה. זי מעג אויך האָבן איר בחירה. אָט אַזוי איז דאָך מיט דיר געווען. מיט מיר געווען. מער נישט אונדזער בײדנס יאָ איז שוין גרייט געווען. בלויז דער טאַטע האָט עס אין דער הייך אַרויסגערעדט, איז עס געוואָרן אונדזער אַלעמענס יאָ. אונדזער אַלעמענס שמחה. אונדזער אַלעמענס חדווה. אָבער זי האָט דעם ניין געבראַכט פון אַן אַנדער וועלט. פון אַ פרעמדער וועלט. און דאָס איז מיין צער. דאָס איז מיין טרויער.

צינע: נו, טאָ וואָס באַדאַרף מען זיך שטיקן אין זיך אַליין? זי איז אַ קינד אַ יתומה, באַדאַרף זי צוליב אונדז חלילה קיין טרערן ניט פאַרגיסן. זאָל מען זי פריי לאָזן. חיימס זיווג וועט זיך באַוויזן אין דער רעכטער שעה, און מיר זענען דאָך געקומען איינמאָל אין אַ יובל צום טאַטן, שווערינס אַלע אין איינעם. לאָמיר זיך משמח זיין. לאָמיר דעם טאַטן נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש, אַז ער האָט יאָ דער־לעבט אַלע קינדער אין איינעם צו האָבן ביי זיך.

לוי יצחק: אָט דאָס זיינען דאָך מיינע רייד, צינע, און ס'איז אַ בזיון פאַר דער תורה, ווען מען האָט אַפילו אַזוי פיל טרויער פאַר די אויגן געבראַכט. נו, שוין, באַדאַרף מען נישט מער. בין איך דאָך נישט קיין טרוקן בלעטעלע, וואָס פאַלט מיט געדויש פון בוים אַראָפ.

צינע: מסתמא איז היינט אַן אַנדער וועלט. וואָס זאָל מען טאָן?

לוי יצחק: ניין, די וועלט איז נישט קיין אַנדערע. בלויז איין דור קומט צוגיין און דער אַנדערער גייט אַוועק. אָבער די ערד האָט זיך איר קיום. עס איז נאָר געווענט אין וואָס פאַר אַ דור די ערד באַדאַרף איר קיום אָנהאַלטן. אַמאָל ציטערט די ערד שפירנדיק וואָס פאַר אַ דור עס באַדאַרף איבער איר אַריבערטרעטן, אַריבערגיין. יאָ, אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט. איך שפיר ווי די ערד ציטערט, ציטערט און בעט זיך רחמים ביי לוי יצחקן.

צינע: איך בין מסכים.

לוי יצחק: האָסטו באַטראַכט ווי די ביימער זיינען אויסגעוואַקסן? באַצויבערט, באַבלעטערט.

ציניע: אוי, מיין האַרץ ציטערט, אַז איך קוק זיך אַרום.

לוי יצחק: דיין האַרץ ציטערט. יאָ, ציטערט. און פאַרוואָס ציטערט אַזוי דאָס האַרץ? אַוודאי ניט צוליב אונדזער זון. ער האָט זיך זיין וועג. אַ גלייכער וועג. ער וועט זיין אַ רב, אפשר אַ מנהיג, ער איז ראוי דערצו. אָבער איך, לוי יצחק... מיר איז שווער צו זיין העכער פון דעם יינגסטן גרעזעלע. מיין נסיעה איז געווען מן השמים.

ציניע: וואָס מיינסטו צו זאָגן, לוי יצחק.

לוי יצחק: קום, באַוויז מיר איצטער און נאָך אַמאָל ווי אַזוי די תבואה וואַקסט אין פעלד... טרויערסט נאָך אַלץ. דער זיווג פון דיין זון און דיין ברודערס טאָכטער אין דער ריכטיקער שעה, און אפשר אין דער ריכטיקער רגע... אָבער איצטער וועל איך זיך צו־הערן צום קול פון יעדן צמח, פון יעדן גרעזעלע און זיך מתדבק זיין מיט דעם קול. זאָל חיים פאַרנעמען לוי יצחקס אָרט.

(לאָזט זיך צום טיר.)

ציניע (קוקט אים נאָך פאַרוואונדערט און מיט אַן אומקלאָרן אויס־דרוק אויפן פנים לאָזט זי זיך אויך גיין נאָך לוי יצחקן.)

דריטער אַקט

ביי דוד נחן פאַרן שטוב, אין דעם אייגענעם טאָג פאַרנאַכט. אלקנה און דוד נח זיצןביידע אויף אַ קלאָץ אַראָפּגעלאָזן די קעפּ פאַרטראַכט. שווייגן אַ צייט.

דבורה (קומט אַן פון צווישן די ביימער. גייט צוריק אין שטוב. וויל אַריינגיין. באַמערקט די צוויי אַלטע, באַטראַכט זיי אַ ווײַלע און אַזוי אַן ווערטער קערט זי זיך אום צוריק. דאָס פרעמדע יינגל קומט אַרויס פון אַהינטערן ברונעם. קוקט זיך אַרום פרעמדלעך און מיט נייגעריקייט. אלקנה באַמערקט אים. ער ווינקט צו אים, ער זאָל זיך זעצן. ער זעצט זיך לעבן זיי און דער שוויגן גיסט זיך אין אייַנעם.)

אלקנה: וואָס זשע זאָגסטו, דוד נח?

דוד נח: עפּעס אַזאַ מין עגמת נפש און עפּעס נישט קיין עגמת נפש. נישט צו באַגרייפן. און אַז מען איז נאָך אַן עם הארץ דערצו.

אלקנה: סע פּאַטויפּעט זיך נישט אין מיין אַלטן קאָפּ, און הייסט עס — גאָרנישט. נישטאָ קיין דעה.

(נעמט אַרויס די פּושקע טאַבאַק שמעקט אַליין און דערלאַנגט דוד נחן... מען שמעקט טאַבאַק און קוקט צום שוויגנדיקן יינגל, וואָס זיצט לעבן זיי.)

דוד נח: זעסט אים? קוק עס אָן, אַ ייד, שוין אַ גאַנצער ייד.

אלקנה: איך האָב שוין פאַר דעם דרך ארץ. גאָרנישט אונדזער גלייכן.

דוד נח: מען איז אַלט געוואָרן, אלקנה.

אלקנה: יאָ, דוד נח, מען קען פאַר דער עלטער די טיר נישט פאַרשפּאַרן. (צום יינגל) ווי רופט מען דיך?

ייִנגל: שלמה.

דוד נח: הערסט?

אלקנה: וואָס קען מען מאַכן?

דוד נח: וואָס קען איך העלפֿן? מיינס אַן אייניקל. אָבער וואָס קען אַ ייִדע טאָן? עגמת נפש. וואָס קען אַ ייִדע מאַכן?

אלקנה: אַט אַ אַהער קען מען שוין דעם קאָפּ ניט אַריינשטופּן. גייסט, דוד נח?

(גייען אַוועק אַהינטערן שטאַל. פֿאַרשווינדן.)

ייִנגל (שטייט אויף, קוקט אַריין אין ברונעם אַריין. נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַן עפּל באַטראַכט אים און לייגט אים צוריק אַריין אין קעשענע. זיין פּנים מאַכט דעם איינדרוק ווי ער קלייבט זיך וויינען. גייט אַוועק אין גאָרטן.)

לוי יצחק און צינע (קומען אַן פֿון צווישן די ביימער און בלייבן שטיין ביים ברונעם. אַ צייט קוקט זיך לוי יצחק אַרום אַן ווערטער.)

צינע: מיין האַרץ איז מיר פֿאַרקלעמט, לוי יצחק, אויף אַזאַ עגמת נפש האָב איך זיך נישט געריכט.

לוי יצחק: מיינסט צו זאָגן, אַז דאָס האַרץ איז פֿול מיט חדווה און עס איז ענג, ווילט זיך דערהייבן.

צינע: אפשר, לוי יצחק, איז טאַקע אַזוי, אָבער מיין עגמת נפש איז נישט אַריבערצוטראָגן.

לוי יצחק: נישט דער זיווג. אַ טעות גמור געווען. חיים זאָל גיין זיין וועג. זיין וועג איז אַנדערש, אַן אַנדער מדרגה. און זי, דיין ברודערס אַ טאָכטער, איך וויל נישט מערער זיין, נישטאָ קיין קשר, אויך נישט איר זיווג. דעריבער זאָג איך דיר: שטאַרק זיך, צינע, ווייל אפשר וועלן זיך אַ סך ענינים אָנהייבן אויפסניי. איך זע איצטער נאָך אַמאָל, וואָס איך האָב יעמאָלט געזען, און איצטער באַגרייף איך עס קלאָרער. מן השמים איז געווען מיין נסיעה אַהער.

צינע: וואָס מיינסטו, לוי יצחק?

לוי יצחק: איך האָב געשמועסט מיט חיימען אויך; נו איז ער מיט אַן אַנדער דעה. זיין דרך איז אַן אַנדערער. ער מעג עס. אַהין, וואו עס ציילט זיין האַרץ. זאָל ער. אָבער איך באַגער איצט התבודדות,

יחידות. דער געריש פון די טענות־ומענות, וואָס יידעלעך ברענגען צו מיר אין שטאָט פון אין דער פרי ביז ביינאַכט איז אין דער בחינה פון אַ פאַרשייט וואַסער, אָבער נישט קיין קוועליק וואַסער. נישט דער חומר און נישט די נשמה קוויקן זיך אין אַזאַ וואַסער. זענען דאָך די יידן אָט־אָ־דאָ אויך יידן, אָבער מיט פשטות. אַ ייד, וואָס איז אַ שמח בחלקו טרעט אַנדערש די ערד, און נישט שווער זענען די טריט פון אַזאַ יידן. אָט־אָ־דאָ וועל איך אויסלעבן מיינע יאָרן.

צינע: האַ?

לוי יצחק: האָסט נישט פאַרשטאַנען?

צינע: נישט אומקערן זיך מער אַהיים, האַ?

לוי יצחק: יאָ, דאָס מיין איך, אָט־אָ־דאָ, קיינער וועט מיך נישט מטרד זיין, קיינער וועט צו מיר נישט ברענגען זייערע עוולות. זייערע דרכים אין משא ומתן איז מיר דערווידער, שטענדיק איז דאָס געווען ווי אַ דאָרן אין מיינע אויגן, דו ווייסט דאָך, צינע.

צינע: און חיים?

לוי יצחק: חיים איז דאָך אונדזער קינד, אַ דערוואַקסנס, ווייסט וואָס ער וויל. וויל ער פירן ביד רמה, וויל ער זיין שטרענג, — זאָל ער. אויך דאָס באַדאַרפן יידעלעך האָבן, און אפשר באַדאַרפן זיי מלקות אויך האָבן. אָבער צי דען באַדאַרף לוי יצחק בייגן זיין נאַקן אונטער אַ נישט נייטיקן עול? מיט דעם רעיון האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין, וואָרעם אַז נישט וואָלט דאָך אברהם יעקב צו מיר געקומען.

צינע: אפשר וועט ער קומען אַריבער צו אונדז, אפשר וואָלט מען פאַרשפּאָרט דעם גאַנצן עגמת נפש, וואָלט אפשר דער עגמת נפש נישט געווען אַזוי גרויס.

לוי יצחק: איך בעט דיך, צינע, האָב נישט קיין פאַריבל, נישט נייטיק מער פון דעם צו רעדן, אַ סוף. האַ, ווי עס דאַרשט מיר!

צינע (איילט אין שטוב אַריין. קומט אַרויס מיט אַ קופּערנער קוואָרט. ציט אַרויס פון ברונעם אַ פרישן עמער וואַסער, שעפּט אָן און דערלאַנגט לוי יצחקן אַ טרונק.)

לוי יצחק (נעמט דאָס וואַסער, מאַכט אַ ברכה און קוויקט זיך מיט דעם.)

צינע (ווישט די פרומע טרערן, וואָס קוועלן פון אירע אויגן אַרויס.)

לוי יצחק: מן הסתם ביסטו דאָך מסכּים.

צינע: פאַרשטייסט דאָך אַוודאי, וואָס דו טוסט. — און וואָס וועט זיין מיט די קינדער?

לוי יצחק: חיים איז נישט אין מיין רשות, האָט זיין כּסא הרבנות. די טעכטער? נו, וועלן וואַרטן אויף זייער זיווג און העלפן דער מאַמען.

צינע: דיין ווילן. אַוודאי באַדאַרף דאָך זיין אַזוי. וואָס בין איך דען? צי דען באַדאַרפסטו ביי מיר פרעגן? אפשר וואָלט איך יאָ עפּעס געהאַט צו פרעגן, אָבער צי דען באַדאַרף איך גאָר פרעגן?

לוי יצחק (מיט עקסטאַז): דען ווי אַזוי אַנדערש וואָלט זיך לוי יצחק געקענט דערהייבן? נו, געוויס אַזוי, אַן עול אויף די פּלייצעס. און ווי דאָס גרעזעלע, דאָס סאַמע יינגסטע גרעזעלע נידריק זיין, אָבער אָן אַן עול.

צינע: איך בין דיר קיינמאָל ניט געווען דערווידער. מיין האַרץ איז מיר אַפילו אומרואיק. אָבער דו פרעג נישט ביי מיר.

לוי יצחק: ליכטיק וועט זיין ביז גאָר אָן אַ סוף. אַט־אַ־דאָ ווי אַלץ איז מגושמדיק וועל איך פּושט זיין מיין גשמיות. דאָ וועל איך מיך לייטערן, ביז גאָר אָן אַ סוף.

חיים (קומט אַרויס פון שטוב מיט דער יאַרמלקע פאַרשאַרט אויף הינטן, פאַרמוחט, ווי ער וואָלט גאָר ניט באַמערקן די אַנוועזנדע. גייט אום אויף און אָפּ, רעדט מיט אַ געוויסער חריפות און שטרענגקייט, כאַטש ער קוקט ניט צו לוי יצחקן, אָבער די רייד זענען געווענדט צו אים): אַזוי האָט נישט באַדאַרפט צו זיין. אַ חטא גמור, מביש געווען די תּורה, טאָפּלט מביש געווען, און דווקא אַהער געקומען. איך האָב אַ כּסא הרבנות, באַדאַרף איך דאָ נישט זיין.

לוי יצחק: נישט מסכּים מיט דיר, מיין זון. ווייסטו דאָך — כּי האדם עץ השׂדה הוא. און נאָך אַ שטורעמווינט קען פאַר דער צייט אַ בוים אויסוואָרצלען, און נאָך עפּעס באַטייט עס. אָבער איך וויל דיך נישט ברענגען צו קיין נסיון.

צינע: ביסט דאָך, מיין קינד, געקומען צום זיידן.

לוי יצחק: אַוודאי, מה רעש? נישטאָ קיין בזיון התּורה. נישט פאַר לוי יצחקן. נישטאָ פאַר זיין קינד.

חיים: איך קען נישט גיין אין דעם וועג פון עם־הארץ, איך קען נישט. ס'איז מיר פינצטער, עס טוט זיך פון מיר אָפּ די תורה, איך פֿאַרגעס. די אויגן זעען נישט.

לוי יצחק: אַפילו דאָס וואָס איך האָב מיט דיר געלערנט?

חיים: איך וויל דיר נישט סותר זיין.

לוי יצחק: דו מעגסט סותר זיין. הלוואי וואָלסטו מיר סותר געווען אין עניני תורה. הלוואי וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז מיין קינד האָט מיך אויף זיין אַקסל געטראָגן. אָבער אין תוך גענומען זעט יע־דערער אויף זיין אופן דעם אור התורה און דעם אור החיים, וואָס קוועלט אַרויס פון אור התורה.

חיים: עס איז געווען אַ בזיון, וואָס דו האָסט זיך אַהער מטריח געווען און מיך אַהער מיטגענומען.

ציגע (ווישט די טרערן.)

לוי יצחק: הלוואי וואָלט איך געקענט מיינע טעג דאָ אויסלעבן און יעדן טאָג הערן די טריט פון די פשוטע מענטשן און כאָטש קענען מיט מיין געדאַנק זיך באַהעפטן מיט זיי. אַפילו דיין שורש קומט דאָך אַרויס פון דאַנען. וואָס וועסטו אויף דעם זאָגן?

חיים: די צווייגן דערווייטערן זיך פון שורש.

לוי יצחק: קיינמאָל נישט ווייטער פון גאַנצן בוים. און אַזוי צוריק צום שורש. אַפילו צום גראָז, אַז איך נייג מיין אויער, אַפילו פון אים, דעם שפּל, האָב איך פאַרנומען די דברי אלהים חיים.

חיים: איך וויל צוריק פון דאַנען, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די אַלמערס ספרים, אפשר וועט אַראָפּגענומען ווערן די בושה פון מיין פנים.

לוי יצחק: שווער מיר צו הערן דיינע רייד. אפשר דו, ציגע, אפשר וועסטו אים קענען געבן צו פאַרשטיין. אפשר וועט ער דיר צוליב טאָן. און איך — מיינע מחשבות האָבן מיך פאַרטראָגן. האָב איך דאָך יעמאָלט געטרונקען דאָס וואַסער פון אָט דעם אייגענעם ברונעם.

ציגע: מה רעש, מיין קינד, איך וויל דעם טאַטן מיינעם נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש. ער איז שוין אַזוי אַלט געוואָרן פאַר דער צייט, און גאָט ווייסט, וועט דו וועסט אים ווידער זען. איך האָב זיך נאָך אַפילו נישט אָנגעזעגנט מיט דעם אַלעמען, וואָס איז מיר גע־

בליבן אין האַרצן אַזוי איינגעבאַקן. די אויגן זענען מיר פאַרטרערט און איך האָב נאָך אַפּילו גאַרנישט געזען און גאַרנישט אַרומגעקוקט זיך.

לוי יצחק: דאָס קענסטו, מיין זון, נעמען אויפן וואָגשאָל. און וואָס וואָלסטו ענטפערן אויף דעם, ווען איך נעם און זאָג: לוי יצחק וועט זיך שוין גאָר אין שטאָט אַריין נישט אומקערן און וועט אויף זיין כּסא הרבנות נישט זיצן? לוי יצחק קען זיך שוין מער אַליין נישט באַנאַרן און מיינען, אַז זיינע פּלייצעס זענען טאַקע בכּוח צו טראָגן אַ גאַנצע וועלט אויף זיך?

חיים (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט.)

לוי יצחק: אַ חידוש, האַ? אַ גרויסער חידוש?

ציִנע: אברהם יעקב האָט היינט מיט מיר גערעדט. ער בעט אויך, אַז חיים זאָל נאָך נישט אַוועקפאָרן. ער רעכנט נאָך, אַז...

לוי יצחק: דאָס איז דוקא נישט נייטיק, אַדרבא —

חיים (גייט אום אויף און אָפּ. אומרואיק.)

לוי יצחק: אין וועג וויל איך אים נישט שטיין. דו טוסט ווי דיין האַרץ זאָגט דיר אונטער. כּבוד אָב איז פריער פון אַלץ, און חיימען באַדאַרפן מיר נישט ברענגען צו קיין נסיון. דאָס איז שוין מיין חוב, דיין חוב. נו, זאָל ער פאָרן צוריק, זיינע אַ זאַך, זיין רצון.

ציִנע: חלילה, ווער וועט דען עפּעס טאָן אים זאָל זיין דערווידער? איך בעט נאָר, אַז מען זאָל דעם טאַטן און אַלעמען דאָ נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש, איבערבלייבן אויף נאָך אַ עטלעכע טעג. איצטער, אַז איך הער, וואָס דו רעדסט, כאָטש איך פאַרשטיי נישט אַזוי גוט, איז מיר שוין דאָך אַלץ ניחא. לאָמיר זיך אַלץ אַרויסשלאָגן פון קאָפּ און נישט דערמאָנען צום בייזן, חלילה, נישט אברהם יעקבן און נישט זיין קינד.

אברהם יעקב (קומט אָן.)

לוי יצחק: נו, אברהם יעקב, וואָס מאַכסטו? (נעמט אים אונטערן אָרעם און שפּאַצירט מיט אים אויף און אָפּ.) ווייסט, אברהם יעקב, איך האָב שוין גערעדט מיט מיין זון אויך. וואויל, אַז מען דערהייבט זיך פון דער נידער. יעמאָלט באַגרייפט מען יעדע מדרגה באַזונדער. מדרגות זענען בבחינת טאָג און נאַכט און ביידע האָבן זייער עובדה און זייער צייט אונטערן הימל.

אלקנה (קומט אַן): אַ גאָט העלף, רבי, אַ גאָט העלף אייך אַלע־מען.

(מען ענטפערט אים.)

לוי יצחק: רב אלקנה, וואָס מאַכט אַ ייד?

אלקנה: מיר איז גוט, רבי, איך האָב נישט וואָס צו זאָרגן.

לוי יצחק: שיין געווען היינט דרויסן און מאָרגן וועט דאָך ווידער זיין שיין. איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב דאָ תחילת נישט געקענט פאַרטראָגן די גרויסע שפע פון טאָג. די זון געבלענדט. באַ־דאַרפט האָלטן די האַנט אויפן שטערן די זון צו פאַרשטעלן.

אלקנה: און איצטער, רבי?

לוי יצחק: די אייגענע זון, אָבער אַן אַנדער לוי יצחק.

אלקנה: דער אייגענער ר׳ לוי יצחק, וואָס זאָגסטו, אברהם יעקב.

אברהם יעקב: יאָ, ר׳ אלקנה, איך וויל עס פועלן אַז מען זאָל דאָ פאַרווײַלן אפשר נאָך אַ פּאָר טעג. די פערד זענען שוין אַפילו באַשטעלט, מען וועט קענען אויסשפּאַנען און אַז מען וועט באַדאַרפן ווידער איינשפּאַנען.

לוי יצחק: וואָס זאָגסטו, חיים, מיין זון?

חיים: איינשפּאַנען און ווידער אויסשפּאַנען, איך בין נישט בבחינת פערד.

(דער עולם שווייגט דערשטוינט מיט דרך ארץ.)

דוד נח (קומט אַן און מיט אים הערש בער.)

צינע: וואָס מאַכסטו, הערש בער?

דוד נח: האָט זיך אַנידערגעלייגט אין די היי. טוט אים ווי דער קאָפּ. זאָג איך צו אים: בעסער קום אין שטוב אַריין, וועט דיר דער קאָפּ אויפהערן ווי צו טאָן.

לוי יצחק: וואָס עפּעס, הערש בער, אַ חולה?

הערש בער: עס מאַכט נישט אויס. אַ ביסל נישט מיט אַלעמען.

דוד נח: עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ עגמת נפש.

צינע: פאַרוואָס זיינען די קינדער אַ גאַנצן טאָג נישטאָ?

דוד נח: זיינען דאָ געווען אַפריער.

אלקנה: איך זאָג אײַך, אַז מען זאָל פֿון אַלצדינג מאַכן אַ תּכלית און מיטפּאָרן אין שטאָט אַרײַן, כאַ־כאַ־כאַ.

לוי יצחק: און איך קלער, וואָס וועלן עס זײַן מײַנע ד׳ אמות אָט־אָ־דאָ?

חיים (גאַנץ אומגעריכט): אַ טעות, זײַ מיר מוחל.

לוי יצחק: איך בין אויף דעם דרך האמת. מײַנע טריט שפּירן זײַן יסוד.

אלקנה (צו דוד נחן): איך בין גאָר אַ בלינדער מענטש. וואָס דאָ טוט זיך פֿאַרשטײ איך נישט, אָבער ס׳ווײַזט אויס, אַז ער וויל בלײַבן אויפֿן דאָרף.

לוי יצחק: משמעות אַזוי, און געוויס אַזוי. ווײַל דאָרטן איז סוף וועלט און דאָ איז פֿאַר מיר דער אָנהייב פֿון אַלע אָנהייבן. בראשית; וואויל, אַז מען שטייט נאָך פֿאַר בראשית. קום, מײַן זון, כ׳האָב נאָך מיט דיר וועגן וואָס זיך איבערשמועסן.

(ער גייט אין שטוב אַרײַן, חיים גייט אים נאָך.)

דוד נח: זאָג מיר, מײַן טאַכטער, וואָס איז דאָ דער מער? איך האָב פֿאַר אים אַזוי פֿיל אָפּשײ, אַז איך קען ממש נישט רעדן צו אים. האָב נישט קיין פֿאַריבל, קינד מײַנס, איז דאָס נישט חלילה עפּעס צוליב דבורהן?

צינע: חלילה וחס. דאָס האָט מען זיך שוין אַרויסגעשלאָגן פֿון קאָפּ. דו באַדאַרפֿסט פֿון דעם נישט האָבן קיין עגמת נפֿש. חיים וועט קריגן זײַן זיווג און דבורה, איך זאָג עס דיר, אברהם יעקב, דו זאָלסט זיך נישט נעמען צום האַרצן, איז אַן איין־און־איינציק קינד, אַ טײַער קינד, אַ טײַער קינד. איר האַרץ לאָזט איר נישט, טאָ זײַ חלילה נישט אין כּעס אויף איר. לוי יצחק האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע.

אברהם יעקב: איך וועל עס פּשוט ניט אַריבערטראָגן.

הערש בער: איך בין שוין אויס מענטש.

אלקנה: ר׳ לוי יצחק איז נישט רואיק. מען דערקענט, אַז ער איז אויפֿגעבראַכט, און דאָס איז אַ סכּנה.

צינע: חלילה וחס. איצטער איז עפּעס גאָר אַנדערש. ער וויל דאָך נישט פֿאָרן מער אין שטאָט אַרײַן. ער וויל זײַן אַליין. וויל מער נישט זײַן קיין רבֿ.

דוד נח: אַט דאָס האָט ער געמיינט, מיין קינד?

אלקנה: איך בעט דיר איבער טויזנט מאָל. איך קלער, אַז דו מאַכסט אַ טעות.

אברהם יעקב: אַט דאָס מיינט ער, און חיים איז אַקעגן.

הערש בער: מיר טוט ווי דער קאָפּ, אַזוי ווי מען וואָלט מיר מיט אַ טעמפּער האַק דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איך וויל מיט איר רעדן. איך בין איר אַ בעלן צו זאָגן, וואָס מיר טוט זיך אויפן האַרצן.

צינע: גאָט איז מיט דיר, הערש בער. עס איז דאָך שוין אַלץ נאָך אַלעמען. אַז חיים זאָגט ניין מוז דאָך שוין אַזוי בלייבן.

דוד נח: מען שמועסט דאָך איצטער פון לוי יצחקן. איך קען דאָך עס גאָרנישט באַנעמען. וואָס זאָגסטו, אלקנה? ער וויל נישט זיין קיין רב. וואָס הייסט? אַדרבא, וואָס הייסט? מען וויל דאָך אים. מען וועט דאָך אָן אים גאָרנישט אויסקומען.

אלקנה: ווי קען די וועלט אָן אַזוינס אויסקומען? מען וועט אים נישט לאָזן.

צינע: ער האָט בדעה דאָ צו בלייבן און איך זאָל פאָרן ברענגען די קינדער אַהער.

אלקנה: וואָס הייסט, די וועלט שלאָפט? די וועלט שלאָפט נישט. מען וועט אַהער אויך טרעפן.

אברהם יעקב: נו, ווייסט, ווי דען. איך אַליין וועל אַהער אַריבער־ציען. דאָ וועט ווערן אַ שטאָט.

צינע: ער וויל אַליין זיין מיט זיך, וויל זיך אָפּזונדערן.

אברהם יעקב: אָפּזונדערן פון דער וועלט הייסט עס.

אלקנה: אַזוי גאָר!

דוד נח: און דאָס האָט זיך מיר געמאַכט צו דער עלטער, נישטאָ שוין קיין כּוח דאָס איבערצוטראָגן, ווען די אויגן זעען שוין שוואַך און די פיס דינען נישט.

הערש בער: אַזוי, וואָס רעדט איר? דאָס קען נישט געמאָלט זיין.

צינע: וואָס זאָגסטו, טאַטע, צו דער עלטער ווערסטו זיין נישט אַליין. איך וועל קענען אויף דיר אַכטונג געבן.

דוד נח: צוליב מיר, מײַן טאַכטער, וואָס דו רעדסט. חלילה, נאָר נישט צוליב מיר.

צינע: איך ווייס אויך נישט וואָס צו זאָגן. מיר איז שווער אויפן האַרצן און עס איז מיר אַזוי פול אין האַרצן אפשר...

(טרערן ווערגן אירע רייד.)

דוד נח: נו, ניטע, טאָכטער מײַנע. גאָט וועט רחמנות האָבן.

אברהם יעקב: אַוואו וועט איר וואוינען? אפשר צו מיר? אַ גרעסערע שטוב.

צינע: איך ווייס נאָך גאָר נישט. אַלץ וואָס ער וועט זאָגן אַזוי וועט דאָס זײַן.

אלקנה: ער ווייס שוין וואָס ער טוט.

הערש בער: ניין, דאָס איז עפּעס אַנדערש. מיר וועט מען נישט אײַנריידן.

דבורה (קומט אַן, בלאַס. קוקט זיך אַרום. ווײַזט אויס ניט אויס־גערעכנט צו טרעפן אַלעמען דאָ פאַרן שטוב. ווי זי וואָלט וועלן אַוועק־גיין, נאָר די אַלגעמיינע שטימונג פּרעסט זי צונויף און זי בלײַבט ווי ניט אויף איר פּלאַץ.)

צינע: אָט איז דבורהלע. וואו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג, קינד מײַנס?

דוד נח: געקומען צום זיידן, און דעם זיידן איז זײַן קאָפּ אַזוי פאַרדרייט. וואָס מאַכסטו, מײַן אייניקל?

אברהם יעקב: וואו ביסטו טאַקע געווען, מײַן טאָכטער?

אלקנה: מסתמא אַרומגעגאַנגען, באַטראַכט אונדזער געגנט.

צינע: האָט נאָך היינט אפשר גאָר ניט געהאַט אין מויל.

אלקנה: זי איז ביי דיר אַן אויסגעבליכטע, אברהם יעקב.

דבורה (פאַלט אויף צינעס ברוסט און כליפּעט. א געדריקטע שטילקייט. דער עולם מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.)

אלקנה: אַוועק די אַמאָליקע צייטן.

אברהם יעקב און הערש בער (זיצן אויף אַ קלאָץ מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ.)

דוד נח: נישטאָ די אַמאָליקע שׂמחות.

אלקנה: ער האָט געמיינט אויף קאַטאָוועס, בין איך משער.

דוד נח: איך קלער אויך, אַז ער האָט געמיינט אויף קאַטאָוועס.

אלקנה: וואָס וועט ער דען דאָ טאָן? ווער באַדאַרף דאָ אַ דין תורה אָדער פרעגן אַ שאלה?

דוד נח: וואָס זאָגסטו, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: מיר גלייבט זיך שוין אַלצדינג.

אלקנה: חימל איז אַ כּלי, הערסט, צינע, זיי מוחל, אַזאַ זון איז עפּעס ניט קיין קלייניקייט.

אברהם יעקב: וואו ביסטו געווען, דבורה, דעם גאַנצן טאָג? ווילסט אַפילו נישט זיין מיט אונדז.

אלקנה: אַז מען ווייסט נישט אַפילו וואָס צו ריידן מיט זיי. אָט זענען זיי אַוועק אין שטוב אַריין. מוזן האָבן אַ שאַרפן שמועס.

הערש בער: אַז מען ווייס נישט אַפילו ווי צו עפענען אַ מויל, אַז מען בלייבט מיט זיי. אָט אַפילו צינע, זי אויך, כאָטש אַ שוועס־טער, אָבער ס'איז נישט שייך. מען ווערט עלטער פאַרשטייט מען שוין עפּעס אַנדערש.

אברהם יעקב (גייט צו נעענטער צו דבורהן): נו, וואָס, מיין טאָכטער, האָסט זיך אפשר מישב געווען?

אלקנה: פונדעסטוועגן האָט זיך דיין טאָכטער געדאַרפט איבער־לייגן איידער זי האָט אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך.

דוד נח: ווייז נישט, אייניקל מיינס. גאָט זאָל דיך נישט שטראָפן פאַר דעם עגמת נפש, וואָס דו האָסט אונדז אַלעמען אָנגעטאָן.

צינע: זאָל מען שוין פון דעם מער נישט רעדן. זאָל שוין זיין אַ סוף.

(קושט דבורהן.)

הערש בער: לגבי זיי איז מען אַ בלינדער מענטש. מיר פּאַטויפּעט זיך עס נישט אין קאָפּ.

אלקנה: אפשר צו דער עלטער ווערט מען עובר בטל, וואָס זאָגסטו, דוד נח?

אברהם יעקב: אַדרבא, צינע, איך וויל דו זאָלסט רעדן מיט איר — זי איז דאָך געקומען מיט פאַרווייַנטע אויגן. אפשר האָט זי

עפעס צו זאָגן. אפשר האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי מאַכט אַ טעות.

הערש בער: איך בין פאַר עגמת נפש קראַנק געוואָרן און איך ווייס גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך קוק אָן דיין טאָכטער, אברהם יעקב, און מיר גלייבט זיך גאָרנישט, אַז זי איז דיין טאָכטער. איך זאָג דיר דעם אמת, אַזוי ווי אַ פרעמדע גייט זי אַרום. איך בין שוין אין כעס. אַזאַ זאַך איז נישט פאַרלאָפן אין דער האַלבער וועלט.

אלקנה: ניטע, הערש בער, ס׳איז נישט דיינע אַ זאַך. פאַראַן עלטערע מענטשן. ווייסן וואָס זיי טוען. אַז לוי יצחק רעדט ניט און זאָגט גאָרנישט, טאָ באַדאַרפן מיר אויך שווייגן. מיר קריכט נישט אַרויס פון קאָפּ, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל מער נישט זיין קיין רב, און דער עיקר, אַז ער וועט דאָ זיך באַזעצן.

דוד נח: איך וואָלט שוין בעסער געפאָרן צו אים אין שטאָט אַריין, הערסט, ציניע. איך וואָלט בעסער געפאָרן צו דיר, דאָרטן וואָלט איך נאָך צו דער עלטער עפּעס געזען. עפּעס אַ קלייניקייט. וואָס זאָגסטו, מיין טאָכטער?

הערש בער: מיר איז דאָ שווער. איך וועל זיך גיין צולייגן.

דוד נח: אָט לאָז געמאַכט, וואו איז סטערע? זאָל זי אים געבן עפּעס אין מויל אַריין.

הערש בער (צו דבורהן): דבורה, וועסט פאָלגן דיין פעטער. ער פאַרשטייט נאָך אַמאָל פון דאַנען אַהין. איך וויל דיר זאָגן.

דבורה (אויפגערעגט): זאָגט מיר, נו, זאָגט מיר. איך וויל הערן, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן.

(אַלע שווייגן. קוקן זיך איבער.)

ציניע: דאָס האַרץ איז איר, נעבעך, פאַרקלעמט, פונקט ווי אונדז איז דאָס האַרץ פאַרקלעמט. נישט בייטיק, הערש בער. מען טאָר נישט, איך האָב מורא פאַר לוי יצחקן און חיימען. זי וועט זיך אם ירצה השם פאָרן געזונטערהייט אַהיים, האָב קיין עגמת נפש נישט. קיינער צווינגט דיר נישט. איך און מיין קינד אַוודאי נישט. לאָמיר אַלע גאָר גיין אין שטוב אַריין. זיי זענען אויך אין שטוב. קומט אין שטוב אַריין אַלע.

(מען מאַכט אַ באַוועגונג צו גיין.)

לוי יצחק און חיים (קומען אַרויס ביידע, האַלטן אין מיטן אַ ויכוח. ביידע אויפגערעגט.)

דבורה (גייט אַפּ אַן אַ זייט און זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.)

חיים: עס איז דער חוב פון דעם, וואָס קען משפּטן, אַז ער זאָל משפּטן. אַ חוב גמור. און ווער קען זיין אַ מסיח דעתו דערפון?

לוי יצחק: אַפילו אויף אַ שטויבעלע זאָל מען חס זיין, אָט דאָס איז דער חוב אַפילו אויף דעם מינדסטן פון די בני אדם.

חיים: אלהים איז אַ דיין אמת.

לוי יצחק: זאָל ער משפּטן! זאָל ער, נישט איך. אין מיטן פון דער וועלט וויל איך שטיין, אָבער נישט מיט קיין וואָגשאָל אין דער האַנט. גיי דיר דיין אייגענעם וועג. זיי אַ גבור אויף דיין וועג, זיי געבענטש אויף דיין וועג. וואָס נאָך קען איך זאָגן? וואָס נאָך באַדאַרף איך זאָגן? אָט־אָ־דאָ איז געווען דער אָנהייב, כּמעט דער אָנהייב פון מיינע טעג און ווידער דאָ... ווידער דאָ, טאָקע אָט־אָ־דאָ, ווייל עס ציטערט נישט די ערד אונטער דעם מענטשנס פּיס איידער דאָס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. וואָס זאָגט איר, יידן?

חיים: מען איז מיר דאָ מבטל פון תורה. איך באַדאַרף פאָרן אַהיים.

אברהם יעקב (פאַרלאָרן): אַלץ בעסער ווי גאָרנישט. איך וועל הייסן שפּאַנען פערד.

אלקנה: וויל גאָר פאָרן אַליין!

דוד נח: וואָס איז שייך? טאָכטער מיינע! ווער דער אַלטער טאַטע שוין מער גאָר קיין נחת נישט האָבן?

לוי יצחק: נאָר אָן עצבות, שווער. דאָס איז אָסור ווי חזיר.

דוד נח: איך זע, אַז מיינע קינדערלעך וועלן מיר אַזוי גיך נישט איבערלאָזן.

לוי יצחק: אַזוי איז מיין דעה מיט גאָטס חסד. מען וועט מיר מיינע טעכטער אַריבערבריינגען. יאָ, צינע? נאָר אָן עצבות. מיין זון וועט זיך זיצן אויף זיין כּסא הרבנות.

(ווערט אָפּגעשוואַכט, זוכט אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרן.)

חיים (גייט אום אויף און אָפּ.)

לוי יצחק (באַמערט פון ווייטן דבורהן): איך בין מבטל אייער צייט. וואָס איז דער חילוק? אַזוי גוט ווי תורה. כּאָטש מיין זון איז

ניט מסכים. דאַכט זיך דיין טאָכטער דאָרטן? האָ, אברהם יעקב? מסתמא באַגעגרסטו דאָך אַוועקצופאָרן, ווען פאָרסטו, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: מען וועט זען פריער אייך, איר און חיימל זאָלן פאָרן.

לוי יצחק: איך נישט. איך בלייב דאָ. פאַרוואָס גלייבט איר מיר נישט. איך זאָג דאָך, אַז אַט־אָ־דאָ, מיט אייך און מיט נאָך יידן פשוטע, אָן טענות, אָן מענות, אָן דיין תורות... אפשר וועט מיך ר׳ אלקנה אַריינבעמען צו זיך אין שטוב אַריין?

אלקנה: איך וואָלט טאַקע וועלן האָבן דעם כבוד, אפשר איינ־שפּאַנען, אפשר טאַקע צופאָרן צו מיר, און אפשר צוגיין דורך די פעלדער?

לוי יצחק: מען וועט גיין, מען וועט גיין. מיט גאָטס חסד, עס לייטערט זיך אויס אַרום מיר. איך וועל וויסן יעדן טריט מיינעם צוליב וואָס איך שטעל אים. דער ציל פון יעדער נסיעה וועט מיר קלאָר זיין. וואו איז ער, דער תלמיד מיינער? דער פאָטער האָט אים דען נישט איבערגעלאָזן?

אלקנה: ער קאָלאָטשעט זיך אַרום אין די גערטנער מסתמא. ווייסט, ווי דען, ער האָט אים איבערגעלאָזן.

דוד נח: גיי, אברהם יעקב, און טו אים אַ זוך.

לוי יצחק: נישט נייטיק, זיין רעכט אַזוי...

(דער עולם געפינט זיך ווי אין דער פינצטערניש. קוקן זיך דורך און באַגרייפן נישט לוי יצחקס רייד. אָפילו צינע, זעט אויס, באַגרייפט נישט קלאָר, וואָס דאָ קומט פאָר.)

אלקנה: כאַ־כאַ־כאַ, אַנומלט דאָ דורכגעפאָרן אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן. געשטאַנען אַ ביסל ביי מיר אין שטוב, האָט ער מיר דערציילט אַ מעשה, גערעדט, גערעדט און איך האָב נישט פאַר־שטאַנען.

רבקה (קומט אָן, באַטראַכט פאַרוואונדערט אַלעמען אַרום, גייט אָן ווערטער פאַרזיכטיק דורך צו דבורהן, וואָס זיצט אָן אַ זייט און זעצט זיך לעבן איר.)

לוי יצחק (צו דוד נחן): שווער, זייט זשע מוחל.

(ער נעמט אים אונטערן אָרעם און שפּאַצירט מיט אים אַוועק.)

הערש בער (הייבט זיך אויף): איך בעט דיר, צינע, דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט. איך וויל וויסן וואָס טוט זיך ביי אונדז? דו ביסט דאָך קליגער פון מיר. גיב עס מיר צו פאַרשטיין.

אלקנה: מאַך זיך ניט נאַריש. עגמת נפש און דאָס איז אַלץ. אַ פינצטערע שמחה און דאָס איז געגוג.

צינע: פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי ריידן, ר׳ אלקנה? איר זייט דאָך אַ קלוגער ייד. איר זעט דאָך ווי לוי יצחק, ער נעמט זיך גאַרנישט צום האַרצן. אַדרבא, ער וויל דאָ איבערבלייבן. און ער איז דאָך אַזוי זיך משמח. איר קענט דאָך אים. פאַרוואָס מיינט איר, אַז ער האָט עגמת נפש.

הערש בער: און ר׳ חיים?

צינע: אויך דאָס אייגענע.

הערש בער: איך וועל דיר אָפּטרעטן די שטוב. דו זאָלסט קענען זיין דאָ מיטן טאַטן.

צינע: אפשר וועט מען זיין אַלע אין איינעם...

הערש בער (קינדיש): איז טאַקע אמת?

אלקנה: אמת, אמת, ניט דו פאַרשטייסט און ניט איך פאַרשטיי ווי אַזוי מען קען אַוועקוואַרפן אַ וועלט און פאַרזעצן זיך אין דאָרף מיט דאָרפס־מענטשן. אפשר נאָך אַ טאָג וועל איך קליגער ווערן. וואָס זאָגסטו, אברהם יעקב?

אברהם יעקב: מיין שמחה איז מיר אַ פאַרשטערטע.

(קוקט צו חיימען וואָס שפּאַצירט אום הין און צוריק אין הינטער־גרונט, ווי צו אַ ווייטן חלום. ער גייט צו צו דבורהן און קוקט זי אָן, קיין וואָרט ניט זאָגנדיק. מען דערהערט אַ גערויש פון אַ אָנקומענדער פור.)

הערש בער (קוקט צווישן די ביימער): דאַכט מיר עמעצער פאָרט אַהער. יאָ. אַ פולע פור יידן אָנגעקומען.

צינע: געלויבט איז דער אייבערשטער.

אלקנה: ווידער זיין אַ מנין.

הערש בער: נאָך אַ פור אָנגעקומען מיט אַ ווייסן פערד. און מיט אַ גרויסן ראָבן הונט.

אלקנה: מיט אַ גרויסן הונט?

הערש בער: ווי אַ קאַלב די גרייס.

אלקנה: טאַקע אַ חידוש, יידן זאָלן פאָרן מיט אַ גרויסן הונט.

הערש בער: דאַכט מיר באַקאַנטע יידן.

(עס קומען אָן עטלעכע יידן, אַ יידענע און די פּירט ביים האַנט אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן מיט אַ פרעמדער ראַזיקייט אין די באַקן און מיט פאַרווירטע בליקן. מען גיט זיך אַ גאָט־העלף.)

יידענע (מיט אַ וויינענדיקער שטימע): איך בעט אייך, יידן, וואו איז דאָ דער רבי?

ייד: מען שמועסט, אַז דאָ געפינט זיך איצטער אַ גרויסער רב.

צווייטער: יידן, וואָס זיינען דאָ נעכטן דורכגעפאָרן האָבן דער־ציילט.

אלקנה: אמת, ר' לוי יצחק איז דאָ פאַראַן.

אברהם יעקב: וואָס ט'איר זאָגן גוטס?

הערש בער: אָט דער יונגערמאַן וואָס שטייט דאָרטן לעבן בוים איז אויך אַ רב.

יידענע: ער איז צו יונג. מיר באַדאַרפן דעם רב וואָס מען האָט אונדז דערציילט — ער זאָל מיר ראַטעווען מיין קינד.

צינע: גאָט איז מיט אייך.

יידענע: די רביצין אַוודאי. האָט רחמנות אויף מיין קינד. לאָזט מיר צו צום רב.

ייד: לאָזט זי צו. וואו איז ער, אין שטוב?

צינע: איך ווייס ניט צי מען זאָל עס טאָן. ער האָט היינט עגמת נפש.

אלקנה: וואָס איז מיט אייער מיידל?

אַ ייד: שטום געוואָרן פאַר שרעק.

הערש בער: ווילט איר אַז ער זאָל זי מאַכן ריידעוודיק?

יידענע: איך בעט אייך, האָט רחמנות אויף מיר, וואו איז ער? לאָזט מיך צו צו אים.

אלקנה: איך ווייס ניט צי ס'איז כדאי.

אברהם יעקב: וואָס זאָגסטו, צינע?

יידענע: גזלנים מענטשן, וואָס האָט איר קיין רחמנות נישט אויף מיין קינד?

אלקנה: וואַרט אַ ביסל, וויינט נישט, יידענע, ער וועט באַלד מסתּמא אַרויסקומען.

ייד: מילא, הער אויף צו וויינען. מען הייסט וואַרטן, באַדאַרף מען וואַרטן.

לוי יצחק (באַווייזט זיך אין טיר, נאָך אים דוד נח.)

יידענע: אָט דאָס איז דער צדיק!

ייד: שטיי אויף אַן אָרט. ער וועט צוקומען אַהער.

אלקנה: זאָל זי נישט קריכן צו אים אין די אויגן.

(אַלע אין דערוואַרטונג ביז לוי יצחק דערנענטערט זיך.)

לוי יצחק: יידן! אַ וועלט מיט יידן. שלום עליכם, יידן. וואוהין פאָרן עס יידן?

ייד: עליכם שלום, רבי, מען איז געקומען אַהער, צו אייך, רבי.

צווייטער: נעמט ניט פאַר אומגוט, רבי.

לוי יצחק: נו, וועט דאָך היינט ווידער זיין אַ מנין.

ייד: מיר האָבן זיך קוים דערשלאָגן אַהער. פאַרשמיסן די פערד. מורא געהאַט מען זאָל זיך ניט אויסמיידן.

לוי יצחק: זייט ניט אַזוי שפּלדיק, יידן. וואָס איז דער מער?

יידענע: אַ ווײסטער אומגליק איז געשען מיט מיין קינד מיט אַ וואָך צוריק. מיין טאַטע איז געשטאָרבן ביי אונדז אין שטוב, איז זי אַליין געבליבן אין שטוב נאָך דער לויה. געפירט אים אין שטאָט אַריין. מיר האָבן זי איבערגעלאָזן געזונט און פריש. געשיינט ווי די ליכטיקע זון און אַז מען איז געקומען אַהיים, איז שוין געווען אַ חושכניש אויף מיין קאָפּ. מיין קינד האָט אָפּגענומען דאָס לשון, געפונען זי אַ האַלב טויטע און אָן לשון. האָט נאָר קוים דערציילט, אַז ווען מען איז אַרויס מיט דער לויה פון שטוב אַרויס איז מיין טאַטע אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, נאָכדעם ווי מען האָט אים אויפן וואָגן אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין. דאָס אַלץ, און שטום געוואָרן.

אלקנה: וואָס הייסט? דער בר מינן אַריינגעקומען אין שטוב?

ייד: פֿאַר שרעק דאָס לשון אָפּגענומען.

צווייטער: שטום ווי די וואַנט.

דריטער: הערט וואָס מען רעדט, פֿאַרשטייט וואָס מען זאָגט, נאָר דאָס לשון איז אָפּגענומען געוואָרן.

יידענע (פֿאַלט צו צו לוי יצחקן): הייליקער רב, האָט רחמנות און ראַטעוועט מיר מיין קינד. ווי די ליכטיקע זון האָט זי געשיינט און איצטער איז מיר מיין גאַנצע וועלט פֿינצטער געוואָרן.

אַ ייד: איר זעט, זי קוקט אויפֿן רב, זי דערקענט, אַז דאָס איז דער רב.

לוי יצחק (בלאַס): יידן, איר זייט זיך טועה. איך בין אַ ייד ווי אַלע יידן, אַ פּשוטער ייד.

ייד: רבי, מיר ווייסן ווער איר זייט.

לוי יצחק: מופֿתים באַווייזן? דאָס נישט. דאָס קען איך נישט. יידן, איך קען נישט. איך בין מער קיין רב נישט.

יידענע: איך וועל נישט אָפּטרעטן ביז מיין קינד וועט נישט אָנהייבן צוריק צו רעדן.

אַ ייד: אַז אַהער איז מען געקומען, מסתמא האָט מען געוואוסט וואוהין מען פֿאָרט.

לוי יצחק: אַדרבא, זאָגט מיר וואָס איר ווילט פֿון אַ פּשוטן יידן? איך בין דאָך נישט מער ווי אָט דער ייד. יענער ייד. ווי אַזוי קען איך מופֿתים באַווייזן? ווי קען עס גאָר אַ ייד? און דער עיקר בימינו, אין אונדזערע צייטן. דאָס איז דאָך עבודה זרה. וואָס זאָגט איר, ר׳ אלקנה? און וואָס זאָגטסו, אברהם יעקב?

אלקנה: אַז יידן זיינען געקומען האָבן זיי געוואוסט וואָס זיי טוען.

יידענע (צו צינען): איר זייט דאָך די רביצין, מען דערקענט דאָך עס. מיט זיך פֿאַר מיר, בעט פֿאַר מיר, איך האָב נישט קיין כּוח מער.

אלקנה: זינט די וועלט שטייט איז אַזוינס נישט געהערט געוואָרן.

לוי יצחק: חיים, מיין זון, דערציייל די יידן ווער איך בין. זאָג זיי, אַז איך בין נישט קיין בעל מופֿת.

חיים: אפֿשר מאַכן די יידן ניט קיין טעות.

ייד: איר האָט געהערט?

צווייטער: זיין זון! ער זאָגט, אפשר מאַכן יידן נישט קיין טעות.

יידענע (וויינט אויפן הויכן קול.)

דוד נח: זייט־זשע מוחל, יידן, הייסט זי נישט וויינען אַזוי.

הערש בער: הערט אויף דאָרט צו קלאָגן.

אברהם יעקב: פאַרט געזונטערהייט אַהיים. גאָט וועט העלפן אייער טאָכטער, איר הערט דאָך וואָס מען רעדט צו אייך.

לוי יצחק: אַז עס קומט די צייט חלילה פאַר איינעם, אַז דאָס לשון זאָל מען פון אים צונעמען, וועד קען דען יעמאָלט מכריע זיין אויף דער אַנדערער זייט? אַ גזר דין. מסתמא האָט באַדאַרפט אַזוי זיין. און אַ פשיטא שוין, אַז איך קען נישט מכריע זיין. איך קען נישט, יידן.

אַ ייד: זי האָט נאָך אָבער געהאַט דאָס לשון מיט אַ וואָך צוריק. עס קען זיין, אַז זי הערט אַלצדינג וואָס מיר רעדן דאָ. איר זעט, אַז זי פאַרשטייט און וויינט. זי בעט זיך מיט די אויגן, אַז מ׳זאָל זי ראַטעווען און וואָס קען מען מאַכן?

ציננע: אפשר, לוי יצחק.

לוי יצחק: אַ חידוש מיר אויף דיר, ציננע (גייט אום אויף און אָפּ אויפגערעגט און בלאַס.) אַ גרויסער חידוש אין גאַנצן. אַ נסיון. ווי קען איך עס? אָט שטייען יידן. יעדער ייד האָט דאָך זיין מדרגה. פאַרוואָס דווקא איך? אפשר ווייס אָט יענער ייד מער פון מיר. מער בעל כוח פון מיר. פאַרוואָס דווקא איך?

חיים: באַפעל, דו ביסט דער מרא דאתרא.

לוי יצחק: איך בין נישט. איר טוט מיר אָן ענווים. אַ פשוטער בשר ודם. איך קען קיין מופת נישט באַווייזן.

יידענע (צום מיידל): גיי צו נעענטער, בעט דעם הייליקן רבין, ער זאָל פון דיר די קללה אַראָפּנעמען. גיי צו, מיין קינד.

ייד: זאָל זי צוגיין.

צווייטער: האָב קיין מורא ניט, גיי צו נעענטער.

מיידל (מאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צו לוי יצחקן. איר פּנים איז פול מיט פּחד. קוקט צו אים מיט תחינה.)

לוי יצחק (גאָר אומגעריכט): האָט זי געקענט מאַכן אַ ברכה אויף ברויט, אויף וואַסער?

יידענע: געקענט, רבי.

ייד: אוודאי, האט געקענט איבער אלצדינג מאכן א ברכה.

לוי יצחק (שעפט אן פון עמער א קווארט וואסער דערלאנגט דער מיידל און זאגט צו איר פאטערלעך שטרענג): **נעם, מאך א ברכה שהכל און טרינק!**

מיידל (נעמט די קווארט וואסער מיט ציטערנדיקע הענט. מאכט הויך א ברכה שהכל און טרינקט דארשטיק. א ווילדע איבערראשונג אין עולם. מען שמוצערט מיט די ליפן.)

איינער: **געמאכט א ברכה!**

צווייטער: **אויפן הויכן קול?**

אלקנה: **אין דער האלבער וועלט פארלויפט עס ניט.**

דוד נח: **גארנישט צו גלייבן.**

לוי יצחק (שטייט בלאס און צעטומלט. ווי ער וואלט גאר נישט באגריפן וואס דא איז געשען.)

יידענע (כאפט איר טאכטער און האלדזט זי און קושט זי מיט ווילדער שמחה.)

ייד: **פלאי פלאים!**

צווייטער: **זי וועט שוין רעדן.**

מיידל: **קום, מאמע, פיר מיך אהיים.**

ייד: **א מופת! זי האט אנגעהויבן צו רעדן. הערט, הערט!**

צווייטער: **זאל דאס וויסן די גאנצע וועלט!**

יידענע (פאלט צו לוי יצחקס פיס): **ווי אזוי קען איך עס באדאנקען דעם הייליקן רבין?**

אברהם יעקב: **גייט אוועק, יידענע, גייט געזונטערהייט.**

הערש בער: **זע ווי ער איז בלאס געווארן.**

צינע: **גייט אהיים, גייט געזונטערהייט.**

לוי יצחק (ווערט זיך): **נישט אמת! נישט איך. נישט צוליב מיין באפעל. א טעות גמור.**

חיים: **דיין באפעל.**

דוד נח: **דו, ווייסט, ווי דען?**

אלקנה: ער האָט געהייסן, האָט זי געמוזט.

ייד: די גאַנצע וועלט זאָל עס וויסן!

לוי יצחק: יידן, רחמנים בני רחמנים, טוט עס נישט. פּייניקט מיך נישט. נישט איך. איך בין אַ גרעזעלע און נישט מער. אַ שוואַך ריטעלע און נישט מער. ווי קען גאָר לוי יצחק? ווי איז ער גאָר בכּוח? פאַרט געזונטערהייט. חלילה, יידן, טוט עס נישט. זאָג זיי, מיין זון — דערציייל זיי וועד איך בין. זאָג זיי, אַז איך בין נישט קיין בעל מופת. אַ טעות, אַ טעות.

אלקנה (אַן אַ זייט צו אַ יידן): נעמט דאָס מיידל און פאָרט אַהיים. איר באַדאַרפט זיין צופרידן, וואָס אַזוינס איז געשען.

לוי יצחק: ווער בין איך, וואָס בין איך, אַ תולעת יעקב. וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס ווילט איר פון אַ תולעת יעקב? ווען מיר איז געווען ליכטיק, טאָ פאַרוואָס פאַרשטעלט מען פון מיר די שיין?

יידענע (פירט אָפּ אַן אַ זייט דאָס מיידל און ווינקט צו די יידן, אַז מען זאָל שוין פאָרן.)

לוי יצחק: אַ טעות געווען. אפשר האָט מען זיך גענאַרט? אפשר גאָר...

ייד: זייט געזונט, רבי, גאָט זאָל אייך ממלא זיין.

צווייטער: זייט געזונט, רבי... די וועלט וועט וויסן וועד עס וואוינט אָט־אָ־דאָ־אָ. זייט געזונט, יידן...

(די פרעמדע יידן פאַרשווינדן ביסלעכווייז. די היימישע קוקן זיי נאָך פאַרחידושט.)

אלקנה: אַנטלויפט ניט, יידן. מען האָט געקענט האָבן אַ מנין.

ציגע: וואָס איז דאָ געווען מיט אונדז. ווייי איז מיר, לוי יצחק, וואָס ביסטו אַזוי? לוי יצחק.

אברהם יעקב: נאַראַנים, יידן, האָבן זיך דערשראָקן און אַנט־לאָפן געוואָרן.

ציגע: חימל, מיין קינד, גיי צו נעענטער... ווייי איז מיר.

חיים: לוי יצחק וויל נישט זיין דאָס, וואָס ער איז! ער וויל נישט זיין דאָס וואָס ער מוז זיין! צי קען זיך דער לייב גלייכן צום וואָרעם? צי קען זיך דער טענענבוים גלייכן צום שוואַכן דאָרן־בוים אָדער צום שוואַך גרעזעלע?

לוי יצחק (שוואַך און מיד): **התבודדות איז מיין באַגער. האָב איך נאָך דעם ערשטן טריט נישט געמאַכט, לאָזט מען מיר ניט דעם ערשטן טריט מאַכן. איך בין נישט קיין שופט, בין נישט קיין מוכיח, אַ פשיטא שוין אַז איך בין ניט קיין בעל מופת. וואו זענען זיי? איך וויל אַליין איבערפרעגן. צי האָט זי טאַקע ניט געקענט רעדן. לאָזט מען מיך ניט. לאָזט מען מיך נישט אַפילו אויפן ערשטן שטאַפּל... צום ערשטן שטאַפּל... צום...**

(לאָזט זיך אַראָפּ לעבן ברונעם אין אוממאַכט. מען רינגלט אים אַרום.)

צינע: לוי יצחק, לוי יצחק... מינטערט אים!... חימל!

לוי יצחק (פאַרשאַרט די יאַרמעלקע אויף הינטן. עס פעלט אים לופט. קוים וואָס ער איז בכוח צו רעדן. ציט די הענט זיך אויפצוהייבן און קען ניט. שעפּטשעט): **אַ נסיון. איך קען אים ניט איבערטראָגן. צו נידעריק אין דער נידער געפאַלן. אפשר וועל איך זיך דערהייבן. אפשר...**

(ער הייבט זיך אויף און מיט שוואַכע טריט לאָזט ער זיך צום שטוב. מ'פירט אים, ער ווערט אַלץ שוואַכער וואָס נעענטער מען קומט צום טיר. גייענדיק קוקט ער מיט שטאַרע אויגן צו די ביימער אַרום, מען פירט אים אין שטוב אַריין.)

דבורה (איז געבליבן לעבן שטאַל זיצן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.)

דאָס פרעמדע יינגל (קומט אַרויס פאַמעלעך פון הינטערן שטאַל אַרויס, ווי ער וואָלט געוואָלט גיין אין שטוב אַריין. פּלוצלונג הייבט אָן צו קומען צינעס געוויין פון שטוב אַרויס, וואָס וועקט און בעט: „לוי יצחק! לוי יצחק!" דאָס פרעמדע יינגל בלייבט שטיין און קוקט פאַרוואונדערט צום שטוב.)

געזעצט און געדרוקט אין דער
„אייבער״ - דרוקעריי
225 וועריק־סטריט, ניו־יאָרק,
אונטער דער פערזענלעכער
אויפזיכט פון א. שאָולזאָן

281